STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02994

EYNZAME MENSHEN

Gerhart Hauptmann

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



Gerhart Hauptmann

פֿערלאַג „פּראָגרעס", לאָנדאָן.

גערהארט הויפטמאן.

איינזאמע מענשען.

דראַמאַ אין פֿינף אַקטען.

איבערזעצט פֿון א. פרומקין.

אַרויסגעגעבען פֿון

מ. ווסמאַן, 90 ניו רויד, ווייטשעפעל, א.

לאנדאן, 1909.

„אַרבייטער פֿריינד" דרוקעריי, 163 דזשובילי סטריט, א.

פערזאנען:

וואקעראט.

פרוי וואקעראט.

יאהאנעס וואקעראט.

קייטע וואקעראט, יאהאנעס'ס פרוי.

בראון.

אננא מאהר.

פאסטאר קאלין.

פרוי לעהמאן.

דיענסטען.

די האנדלונג קומט פאר אין פריעדריכסהאגען, לעבען בערלין, אין א לאנד-הויז מיט א גארטען, וואס ציהט זיך ארונטער ביז א קליינע אזיערע — דער „מיגעל-זעע".

אין אלע פינף אקטען בלייבט די סצענע דיזעלבע.

א גרויס צימער, בעקוועם איינגעארדענט אלס וואוין- און עסס-שטוב אינאיינעם. א קליינע פיאנא; א ביכער-שאפע, פון ביידע זייטען פארטרע-טען און האלץ-שניצערייען פון מאדערנע געלעהרטע (אויך טהעאלאגען), צווישען זיי דארווין און העקעל. איבער דער פיאנא אן עהל-בילד פון א פאסטאר, פערפוצט אין זיינע גלח'ישע קליידער. די אנדערע בילדער אויף די וועגד זיינען קאפיעס פון שנאר פאן קאראלספעלד'ס ביבלישע צייכנונגען.

איין טהיר לינקס, רעכטס צוויי. די טהיר לינקס פיהרט אין יאהאנעס וואקעראט'ס שטודיר-צימער. די טהירען רעכטס פיהרען איינע אין שלאפ-צימער און די אנדערע אין קארידאר.

אין הינטער-גרונד צוויי בויגען-פענסטער און א גלעזערנע טהיר, וואס קוקען ארויס אויף א ווערANDא; מען זעהט פון דער אנדער זייט דעם גאר-טען, די אזיערע און די מיגעל-בערגלאך.

צייט: די געגענווארט.

ערשטער אקט.

דאָס צימער איז ליידיג. דורך די האַלב-אָפענע טהיר פון'ם שטודיר-צימער הערט מען די שטימע פון אַ פּאַסטאָר, וואָס האַלט אַ דרשה. אין עטליכע סעקונדען אַרום ווערט זי שטיל, און דאַן דערהערען זיך די טענער פון אַ קירך-ליעד, געשפּיעלט אויף אַן אָרגעל.

אין פערלויף פון די ערשטע טאַקטען, עפענט זיך די טהיר אין גאַנצען אויף און עס קומען אַריין: פרוי וואָקעראַט, קייטע וואָקעראַט און די אַם מיט אַ קינד אין לאַנגע קליידער. אַלע יום טוב'דיג אויס-געפּוצט.

פרוי וואָקעראַט, אַ בעל הבית'טע צווישען פופציג און זעכציג יאָהר אַלט; אַ שוואַרץ זיידען קלייד; אַ שייטעל. קייטע, איין און צוואַנ-ציג יאָהר אַלט; פון מיטעלער הויך, צאַרט געבויט, בלייך, ברונעט, מילד. אין אַ פאָרטגעשריטענער מדרגה פון ערהוילונג.

פרוי וואָקעראַט (נעהמט אָן איהר שנור פאַר דער האַנד און גלעט זי). נאַ, ער האָט זעהר שעהן גערעדט?! ניט ריכטיג, קייטעלע?!

קייטע (מיט אַ געצוואונגענעם שמייכעל, שאָקעלט מעכאַניש מיט'ן קאָפּ און ווענדט זיך אום צום קינד).

די אַם. דער קליינער, זיסער יונג! הע, הע! (זי וויגט איהם אין איהרע אָרעמס.) אַצונד אָבער וועט ער איינשלאָפען — שש, שש, שש! — נו וויל ער מעהר גאָרנישט וויסען דערפון (זי שלייפּט אָב אַ בענדעל, וואָס מאַכט דעם קינד אומבעקוועם.) נאַ, נאַ, — הם, הם, הם! שלאָף, מיין טייבעלע שלאָף! (זי זינגט מיט פערמאַכטע לי-פען די מעלאָדיע פון „שלאָף קינדעלע, שלאָף!") אָבער ווי געפעלט אייך

אַביסעל, וואָס פֿאַר אויגען ער האָט דאָס אויסגעגלאָצט אויף'ן. פֿאַסטאָר —: אָט אַזוי! (זי מאַכט איהם נאָך.) הע, הע! ביז דאָס וואַסער איז געקומען, הע, הע! דאָס איז שוין געווען צופֿיעל פֿאַר איהם. (זינגט.) „אונטער קינדעלע'ס וויגעלע א. א. וו." — הע, הע! און דערנאָך האָט ער זיך דאָס אַביסעל צושריען, אוי, וועה, זו, זו, זו, שלאָף קינדעלע, שלאָף! . . . (זי קלאַפּט צו מיט'ן פֿוס צום טאַקט.)

קייטע (לאַכט הארציג אָבער נערוועז.)

פֿרוי וואָקעראַט. אַך, זעה נאָר, קייטעלע! ווי זיס! וואָס פֿאַר שעהנע, לאַנגע ברעמען דער יונג האָט דאָס!

די אַם. הע, הע! דאָס זיינען דער מאַמע'ס. שלאָף קינדעלע. . . . אמת'ע פֿרענז זיינען דאָס.

פֿרוי וואָקעראַט. ניין, ווירקליך קייטעניו: אין גאַנצען די מאַמע!

קייטע (שאָקעלט ענערגיש מיט'ן קאָפּ, אַז ניט).

פֿרוי וואָקעראַט. ווירקליך.

קייטע (מיט אָנשטרייגגונג). אַך, מאַמעלע — דאָס ווינש איך מיר גאָר ניט. צו מיר — זאָל ער גאָר ניט עהנליך ווערן. איך — (זי קען מעהר ניט ריידען.)

פֿרוי וואָקעראַט (זוכט צו ענדערן דאָס געשפּרעך). אַ קרעפֿטיג קינד.

די אַם. אַן אויסגעצייכענטער יונג.

פֿרוי וואָקעראַט. זעה נאָר, קייטע, אָט די פֿויסטען.

די אַם. פֿויסטען האָט ער — ווי אַ גלית.

קייטע (קושט דאָס קינד). ניט אמת, מוטער'ל? אַ סאָליד ברוסט־קעסטעלע?

די אַם. איהר קענט זיך פֿערלאָזען דערויף, מאַדאַם — ווי אַ גענעראַל. שש, שש! דער נעהמט עס נאָך אַמאָל מיט פֿינפֿען אויף.

פֿרוי וואָקעראַט. נאַ, הערט איהר. . . . (זי און קייטע לאַכען.)

די אַם. דער האָט געזונדעס בלוט, שש, שש! די קינדער לעבען דאָך פון בלוט, שש, שש! (האלב זינגענדיג.) נאַ, נאַ, נאַ! נו קום, קום! — אַצונד וועלען — מיר — געהן נאַני — געהן נאַ—ני. יאָ, יאָ! איצט — געהען מיר נאַ—ני, נאַ—ני, שש, שש, שש! שלאָף קינדעלע .... (אָב אין שלאָף-צימער.)

פרוי וואָקעראַט (האָט צוגעמאַכט די טהיר הינטער דער אַם, קעהרט זיך אום און שאָקעלט מיט'ן קאָפּ לאַבענדיג). צ, צ! וואָס פאַר אַ פערזאָן! אָבער דערפאַר איז זי דאָך אַ זעהר גוטע אַם. ס'טהוט מיר הנאה, קייטעניו, וואָס דו האָסט אַזוי גוט געטראָפען מיט איהר.

קייטע. גענעראַל — נו, נו! (זי לאַכט. איהר געלעכטער ווערט היסטעריש, ענדליך מעהר געוויין איידער געלעכטער.)

פרוי וואָקעראַט (דערשראָקען). דו! — דו!! —

קייטע (קאָנטראָלירט זיך).

פרוי וואָקעראַט (נעהמט אַרום קייטע'ן מיט די אָרעמס). קייטעניו מיינס!

קייטע. מיר — איז דאָך — ווירקליך גאָרנישט.

פרוי וואָקעראַט. נו געוויס איז דיר וואָס. ס'איז דאָך אויך קיין וואונדער ניט, דו ביסט נאָך שוואַך, קום, לייג זיך צו אויף אַ פאָר מינוטען.

קייטע. ס'איז דאָך — מיר שוין ווידער גוט, מאַמאַ.

פרוי וואָקעראַט. אָבער וואָס אַרט דיך? לייג זיך צו בלויז אויף אַ רגע'לע.

קייטע. אָה ניין — ניין! מען דאַרף דאָך שוין באַלד געהן עסען.

פרוי וואָקעראַט (ביים טיש, וואו עס שטעהט ווין און קוכען, פילט אָן אַ גלאָז מיט ווין). טאָ נעהם וועניגסטענס אַ זופּ, פערזוך אַקאָרשט! — ס'איז געשמאַק און זיס.

קייטע (טרינקט).

פרוי וואָקעראַט. דאָס שטאַרקט. ניט אמת?! — דו ליעב, גוט קינדעלע, וואָס מאַכסט דו מיר פאָרט פאַר געשיכטען?

נאַ, נאַ! דו מוזט זיך נאָך צוזעהן אַביסעל, ווייטער איז גאָרנישט נייטיג. און לאָז גוט זיין — ניט געזאָרגט! — ס׳וועט אַלעס רעכט ווערן. אַצונד האָט איהר דעם יונג, נו וועט אַלעס ווערן אַנדערש. יאָהאַנעס וועט רוהיגער ווערן . . . .

קייטע. אַך, ווען דאָס זאָל נור זיין אַזוי, מאַמאַ!

פּרוי ואָקעראַט. דערמאָן זיך נור, ווי ער האָט זיך דאָס אַביסעל געפּרעהט, בשעת דער יונג איז געבוירען געוואָרען. און ער איז דאָך איבערהויפּט פּערריקט פאַר קינדער. קענסט זיך פּער־לאָזען דערויף. דאָס איז שוין אימער אַזוי. אַ פּערהייראַט לעבען אָהן קינדער, דאָס איז גאָרנישט. דאָס איז ניט קיין גאַנצעס און ניט קיין האַלבס. וואָס האָב איך דאָס ניט צובעטען ביים ליעבען גאָט אין הימעל, ער זאָל אייך בעגליקען מיט אַ קינד! זעהסט דו, ווי איז דען געוועזן מיט אונז אַליין: צוערשט האָבען מיר זיך אַרומגעשלעפּט פיער יאָהר — איך און מיין מאַן — דאָס איז גאָר קיין לעבען ניט געוועזן. דערנאָך האָט דער ליעבער גאָט דערהערט אונזערע ביטעס און האָט אונז געשיינקט יאָהאַנעס׳ן. דאָ האָט זיך ערשט אָנגעפּאַנגען אונזער לעבען, קייטעניו! וואַרט אַקאָרשט, זאָל נור אַריבער דאָס ערשטע פּערטעל יאָהר, דו וועסט זעהן, וואָס פאַר אַ נחת דו וועסט האָבען פון׳ם קינד! ניין, ניין! דו קענסט זיין גאַנץ צופריעדען, דו האָסט דיין אינגעל, דו האָסט דיין מאַן, וואָס האָט דיך ליעב. איהר קענט לעבען אָהן זאָרגען. וואָס נאָך ווילסט דו?

קייטע. ס׳איז אפשר טאַקע נאַריש פון מיר. כ׳זעה עס דאָך איין. איך מאַך זיך דאָך אָפטמאָל ווירקליך אומזיסטע זאָרגען.

פּרוי ואָקעראַט. הערסט דו! — דו מוזט אָבער ניט זיין בייז אויף מיר! — דו וואָלסט געוועזן אַסך צופריעדענער, קייטעניו, אַסך צופריעדענער — ווען . . . . הער אויס, — צייטענווייז, ווען איך בין אַזוי גאַנץ פול מיט זאָרגען, און איך האָב זיך דאַן אַזוי גוט אויסגעבעטען, און אויסגעגאָסען דאָס האַרץ פאַר איהם, פאַר אונזער ליעבען פאָטער אין הימעל, — דאַן ווערט מיר אַזוי לייכט, אַזוי פרעהליך אויף׳ן האַרצען . . . ! ניין,

זיין! מעגען פֿון מיינעטוועגען די געלערענטע זאָגען, וואָס זיי ווילען —: ס'איז דאָ אַ גאָט, קיטעלע! — אַ טרייער פֿאָטער אין הימעל, קענסט זיכער זיין דערויף. אַ מאַן אָהן פֿרומקייט, דאָס איז שוין שלעכט גענוג. אָבער אַ פֿרוי, וואָס איז ניט פֿרום.... זיי ניט בייז אויף מיר, קייטעניו! שוין גוט, שוין גוט. איך רייד דאָך מעהר ניט דערפֿון. איך האָב אַזוי פֿיעל געבעטען, איך בעט דאָך גאָט יעדען טאָג. און ער וועט זיך צוהערען צו מיין געבעט; איך וויים עס. איהר זייט דאָך אַזעלכע גוטע מענשען. דער ליעבער גאָט וועט אייך נאָך אויך מאַכען פֿאַר פֿרומע מענשען. (זי קושט איהר טאָכטער. דאָס קירך-ליעד איז געענדיגט.) אַך, איך האָב זיך אַזוי פֿעררעדט און פֿערגעסען, וואו איך בין אין דער וועלט

קייטע. ווען איך וואָלט שוין אַמאָל ווערן בעסער, מאַמעלע! ס'איז מיר שרעקליך צו זיצען כסדר ליידיג און זיך צוקוקען, ווי דו אַרבייטסט אַזוי שווער.

פֿרוי וואָקעראַט (אין דער קאָרידאָר-טהיר). וויים איך וואָס דו רעדסט! דאָס איז דאָך עפּעס יום-טוב-צייט ביי אייך. אז דו וועסט זיין גאַנץ געזונד, וועל איך זיך לאָזען בעדיענען פֿון דיר. (אָב.)

קייטע וויל אַריינגעהן אין שלאָפֿציטער. איידער זי געהט גאָך אַוועק, קומט בראַון אַרויס פֿון טויפֿצימער.)

(בראַון, זעקס און צוואַנציג יאָהר אַלט. בלייך געזיכט. מיעדער אויסדרוק. איינגעפֿאַלענע אויגען. קליינע, דינע וואָנציעס. די האָר גאַנץ קורץ געשאָרען, געקליידעט נאָך דער מאָדע, נאָר מיט אַן אָרים עלעגאַנטען אויסזעהן. ער איז פֿלעגמאַטיש, דאָס רוב אונצופֿרידען, מחמת דעם ניט-אויפֿגעלייגט.)

בראַון. נאַ! (שטעלט זיך אָב און נעהמט אַרויס אַ פּאַפּיראָס פֿון זיין שאַכטעל.) ס'איז יעדענפֿאַלס אַריבער!

קייטע. נאַ, זעהט איהר, העדר בראַון, איהר האָט עס גאַנץ גוט אויסגעהאַלטען!

בראַון (פֿערדייבערט דעם פּאַפּיראָס). איך וואָלט ליעבערשט

געקענט — מאלען, ס'איז א זינד און א שאנד — אזא וועטער צו פערברייגגען מיט גארנישט.

קייטע. נא, איהר וועט שוין ווי עס איז אייניאגען די פערלארענע צייט.

בראון. עה! מיר זיינען אלע א באנדע פוילענצער. (ער זעצט זיך אנידער ביים טיש.) איבעריגענס, אזא טויפע האט דאך וואס אין זיך.

קייטע. האט איהר זיך צוגעקוקט צו יאהאנעס'ן?

בראון (שנעל). אויסערגעוועהנליך אונרוהיג, מיינט איהר! — כ'האב אלץ גערעכענט, אז עס וועט וואס עס איז פאסירען מיט איהם. כ'האב זיך געשראקען, ער זאל ניט ארייגפאלען דעם פאסטאר אין דער רעדע זיינער. און ווירקליך, ס'איז דאך געווען אזא שטות, ניט צו גלויבען.

קייטע. אבער ניין, הערר בראון!

בראון. דאס איז דאך קלאהר, פרוי קייטע! — וויטער בין איך דאך גאנץ צופריעדען. פיליכט מאל איך גאר אמאל אזא מין סצענע. א זעהר פיינער סיוזשעט.

קייטע. וואס זשע, איהר מיינט עס טאקע ערנסט, הערר בראון?

בראון. ווען איך וועל דאס מאלען, מוז דאס זיין א בילד, וואס זאל ארויסגעבען פון זיך א ריח פון אלטע צייטען, פון שווערע עראינערונגען. א מין מיש־מאש, ווייסט איהר, פון ווייסען ווייץ — קוכען — שמעק־טאבאק און וועקסענע ליכט, א מין . . . אזוי אנגענעהם צום מוטה מוז איינעם דערפון ווערן, אזוי יוגענד־בערוישענד, אזוי . . . .

(יאהאנעס וואקעראט קומט ארויס פון'ם טויפצימער. ער איז אכט און צוואנציג יאהר אלט; פון מיטעלער הויך, בלאנד, אן אינטעליגענטעס געזיכט, איינדרוקס־פולע געזיכטס־ציגע. ער איז פול מיט אונרוה אין זיינע בעוועגונגען. אנשטענדיג געקליידט: א פראק, א ווייסען האלז־טוך און האנד־שוה.)

יאהאנעס (זיפצט, טהוט אויס די האנד־שוה).

בראַון. נאַ, ענדליך ביסט דו דאָך געריהרט ווי עפּעל־קוואַס?

יאָהאַנעס. דאָס גראָד ניט. וואו האַלט עס מיט'ן עסען, קייטעלע?

קייטע (אונזיכער). דרויסען אויף דער וועראַנדאַ, מיין איך.

יאָהאַנעס. וואָס הייסט? איז דאָרט געגרייט צום טיש?

קייטע (שרעקעדיג). וואָס זשע, ס'איז דיר פּילייכט ניט ליעב אַזוי? כ'האָב געמיינט . . .

יאָהאַנעס. קייטעל, נור ניט אַזוי ציטערענדיג! איך פרעס דיך ניט אויף. — דאָס איז מיר ווירקליך שרעקליך.

קייטע (מיט אַ געצוואונגענער פעסטקייט). איך האָב געהייסען גרייטען דעם טיש אויף דרויסען.

יאָהאַנעס. נו יאָ! נאַטירליך! — ס'איז דאָך זעהר גוט אַזוי. — אָקוראַט ווי איך וואָלט געווען אַ מענשען-פרעסער.

בראַון (ברומט). עה! הער שוין אויף יאַדען!

יאָהאַנעס (נעהמט אַרום קייטע'ן, גוטמוטהיג). ס'איז ווירקליך וואַהר, קייטע. דו מאַכסט אימער דעם איינדרוק, עפּעס אַזוי ווי איך וואָלט געווען אַ ריכטיגער הויז-טיראַן. אַ מין צווייטער פעטער אָמטאָ אָדער אַזוי וואָס. דו מוזט זיך ווירקליך אָבגעוואוינען דערפון.

קייטע. אָבער דו ביסט צייטענווייז בייז, יאָהאַנעס . . .

יאָהאַנעס (אויף דאָס נייע אויפגערעגט). נאַ, און אַז יאָ, דאָס איז דאָך קיין אונגליק ניט. גיב עס מיר צוריק! ווערה זיך אַנט־קעגען מיר! ס'איז מיין נאַטור אַזוי, כ'קען זיך ניט העלפען. אָבער דו דאַרפסט זיך ניט לאָזען בעהערשען. איך ווייס ניט, וואָס עס וואָלט מיר געווען אַזוי דערווידער, ווי ווען אימיצער איז אַזוי גע־דולדיג, אַזוי מעשה מאַדאָנאַ . . .

קייטע. נאַ, רעג זיך נור ניט אויף פאַר גאָרנישט, האַנעס! ס'איז ניט ווערטה צו ריידען דערפון.

יאָהאַנעס (נאָך מעהר אויפגערעגט). אָה, אָה, אָה! ניין, ראַ האָסט דו אַ גרויסען טעות. איך הויב ניט אָן צו זיין אויפגערעגט.

אָבער טאַקע גאָרנישט. — ס'איז ווירקליך מערקווירדיג, ווי אַזוי מען דערוועהט אויף מיר גלייך, אז איך בין אויפגערעגט. (בראַון וויל עפּעס זאָגען.) נאַ, זאָל זיין אַזוי! — איהר ווייסט דאָך עס בעסער. אַ סוף! לאָמיר ריידען פון עפּעס אַנדערש . . . . . . (זיפצט.) אַך, יאָ, יאָ!!!

בראַון. ווייסט דו, מיט דער צייט ווערט עס לאַנגווייליג, אָט דאָס אייביגע זיפצען און זיפצען.

יאָהאַנעס (כאַפּט זיך אָן ביי דער ברוסט, פערציהט דאָס געזיכט שמערצליך). אַ . . . אַך!

בראַון. נאַ, וואָס איז שוין ווייטער?

יאָהאַנעס. גאָרנישט ווייטער. — די אַלטע געשיכטע ס'שטעכט אין דער ברוסט.

בראַון. שטעך צוריק, האַנס!

יאָהאַנעס. דו, דאָס איז ווירקליך ניט צום לאַכען אַ . . . אַך!

קייטע. אַך, האַנעס, דאָס דאַרף דיך ניט בעאונרוהיגען. ס'איז קיין בייז ניט אין דעם.

יאָהאַנעס. נאַ, ווען מען האָט געהאַט צוויי מאָל לונגען־ענטצינדונג —

בראַון. און דאָס רופט זיך נאָך אַ רעזערווער אָפיציר!

יאָהאַנעס. אַ שפּאַס, וואָס איך קען האָבען דערפאַר!

בראַון. אַלטער מרה־שחורה'ניק, הער אויף צו נודיען! עסס עפּעס! דעם פּאַסטאָר'ס דרשה ליגט דיר אין די ביינער.

יאָהאַנעס. דעם אמת געזאָגט, בראַון . . . דו רעדסט שוין צו וואָכעדיג פון דער טויפע . . . ווי איך פערהאַלט זיך צו דער זאַך, ווייסט דו. יעדענפאַלס שטעה איך ניט אויף דעם קריסטלי־כען שטאַנדפּונקט. אָבער ס'איז דאָך אימער אַ זאַך, וואָס איז הייליג פאַר אַזוי פיעל מענשען.

בראַון. אָבער ניט פאַר מיר.

יאָהאַנעס. דאָס ווייס איך. פאַר מיר דירעקט אויך ניט

פֿאַר מיר פּונקט אַזוי ווייניג ווי פֿאַר דיר. אָבער דו ווייסט דאָך האָבען אַביסעל רעספּעקט פֿאַר אַ צערעמאָניע, וועלכע איז נאָך...

ב ר אַ ו ן. דו מיט דיין רעספּעקט!

י אָ ה אַ נ ע ס. וואָלסט דו נור געהאַט אַביסעל דערפֿון!

ב ר אַ ו ן. פֿאַר יעדען קלאָץ, וואָס מען וואַרפֿט דיר אונטער אונטער די פֿיס, זאָל מען האָבען רעספּעקט. איינפֿאַכע סענטי־מענטאַליטעט, ווייטער גאָרנישט!

י אָ ה אַ נ ע ס. דו — האָב אויף מיר קיין פֿאַראיבעל ניט, ווען איך... אַן אַנדערס מאָל וועל איך עס פֿילייכט בעסער פֿער־טראָגען ווי היינט. (געהט אַרויס אויף דער ווערענדאַ, וואו מען זעהט איהם מאַכען הייל-גימנאַסטיקע.)

ב ר אַ ו ן (הויבט זיך אויף, קוקט זיך אַרום ווי צוטראָגען און דאַן צולאַכט ער זיך אָהן אַ פֿאַרוואָס).

ק י י ט ע (שטעהענדיג ביים געה-טיש). איהר האָט איהם וועה געטהאָן, הערר בראַון.

ב ר אַ ו ן (שמייכלענדיג ווי אין פֿערלעגענהייט, דאַן האסטיג). כ'קען זיך גאָר ניט העלפֿען. כ'האָב פֿיינט צום טויט יעדען קאָמ־פּראָמיס.

ק י י ט ע (נאָך אַ פּויזע). איהר טהוט איהם אונרעכט.

ב ר אַ ו ן. אָבער ווי אַזוי דען?

ק י י ט ע. כ'ווייס ניט... כ'קען זיך ניט אויסדריקען. יעדענ־פֿאַלס... האַנעס איז עהרליך.

ב ר אַ ו ן. פֿון ווען אָן איז ער דאָס שוין ווידער אַזוי שרעק־ליך נערוועז, וואָלט איך געוואָלט וויסען.

ק י י ט ע. זינט אָט די פֿראַגע וועגען דער טויפֿע איז אַרויפֿ־געשוואומען. איך בין שוין געווען אַזוי צופֿריעדען... דאָס האָט ווידער אַוועקגערויבט יעדע רוה פֿון איהם. ס'איז דאָך ניט מעהר ווי אַ צערעמאָניע. וואָס זשע, האָט מען צוליעב דעם געזאָלט פֿערשאַפֿען די אַלטע עלטערן אַזאַ מורא'דיגען שמערץ?... ניין — דאָס איז דאָך געווען אונמעגליך. בערעכענט פֿאַרט, אַזעלכע

פרומע, שטריינג־גלויביגע מענשען. דאָס מוזט איהר דאָך צוגעבען, הערר בראַון!

יאָהאַנעס (עפּענט די גלעזערנע טהיר און רופט אַריין). קינ־דער, איך בין געוועזען אַביסעל אויפגערעגט. זייט מונטער! איך בין עס אויך. (אָב אין גאָרטען.)

בראַון. בהמה!

(פויזע.)

קייטע. צייטענווייז איז ער מיר ווירקליך אַזוי ריהרענד.

(פויזע.)

(דער אַלטער וואָקעראַט און פּאַסטאָר קאָלין קומען אַריין מיט גרויס גערויש פון'ם טויפציממער. וואָקעראַט איז איבער זעכציג יאָהר אַלט. גראָע האָר, אַ רויטע באָרד, זומער־שפּריינקלען אויף'ן פנים און אויף די הענד. שטאַרק מיט ברייטע פּלייצעס און כמעט דיק־לייביג. ער איז שוין אַביסעל איינגעהויקערט און געהט מיט קליינע טריט. פול מיט ליעבע און פריינדליכקייט. מונטער, נאַאיוו און בכלל אַן אָפּטימיסטישע נאַטור. — פּאַסטאָר קאָלין, אַ דריי און זיבעציג יעהריגער זקן, טראָגט אַ גלח'ישע יאַרמולקע און שמעקט טאַבאַק.)

וואָקעראַט (אַריינפיהרענדיג דעם פּאַסטאָר ביי דער האַנד, מיט אַ וויבער, אַביסעל הייזעריגער שטימע). אַ גרויסען, גרויסען דאַנק, הערר פּאַסטאָר! אַ גרויסען דאַנק פאַר אייערע שעהנע ווערטער. דאָס איז געוועזען אַן אמת'ע דערקוויקונג פאַר מיין נשמה. יאָ, יאָ. און אָט ביסט דו דאָך דאָ, ליעב טאָכטערל מיינס! (געהט צו צו קייטע'ן, נעהמט זי אַרום און קושט זי האַרציג.) נו, מיין ליעבע, ליעבע קייטע! כ'ווינש דיר גליק פון גאַנצען האַרצען! (קוש.) דער ליע־בער גאָט האָט זיך נאָך אַמאָל, יאָ . . . האָט זיך אַנטפּלעקט צו אונז אין זיין אונענדליכער גוטסקייט. (קוש.) זיין גנאָד איז גאָרניט אָבצומעסטען. ער וועט אַצונד אויך, יאָ . . . ער וועט אַצונד אויך האַלטען, יאָ, האַלטען זיין פּאָטער־האַנד איבער דעם קינד, יאָ, יאָ! (צו בראַון.) ערלויבט מיר, הערר בראַון, אייך אויך צו דריקען די האַנד. (יאָהאַנעס קומט אַריין, וואָקעראַט געהט איהם אַנטקעגען.) נו, און אָט ביסט דו דאָך אויך, האַרציגער יאָהאַנעס! (קוש. פּעסט־

אומאַרמונג, כמעט לאַכענדיג פאַר ריהרונג.) איך בין גליקליך אין דיין גליק. (קוש.) איך בין אמת גליקליך, כ'ווייס גאָר ניט, ווי גענוג צו דאַנקען דעם ליעבען גאָט, יאָ, יאָ!

פאַסטאָר קאָלין (אַביסעל ציטערענדיג, מיט אַ קורצען אָטהעם, דריקט וואַרם קייטע'ס האַנד). נאָך אַמאָל, גאָט'ס רייכע ברכה! (דריקט יאָהאַנעס' האַנד.) גאָט'ס רייכע ברכה!

וואָקעראַט. און אַצונד, ליעבער הערר פאַסטאָר, קענען מיר אייך מיט עפּעס דיענען? ניט? אָה!

יאָהאַנעס. יאָ, הערר פאַסטאָר — אַ גלאָז ווײַן געוויס. כ'ברינג שוין אַ נייע פלאַש.

פאַסטאָר קאָלין. נור ניט קיין איבעריגע אַרבייט צו־ליעב מיר, איך בעט אייך! נור ניט קיין איבעריגע אַרבייט.

יאָהאַנעס. זאָל איך אייך געבען וויסען אָדער...

פאַסטאָר קאָלין. ווי איהר ווילט, אָט ווי איהר ווילט. אָבער — הערט אַקאָרשט — ניט קיין איבעריגע אַרבייט צוליעב מיר, איך בעט אייך זעהר. (יאָהאַנעס אָב.) דערווייל וועל איך... (ער קוקט זיך אום נאָך זיינע זאַכען, הוט, אויבער-ראָק, לאַנגער שאַל אויף דעם קליידער-האַלטער ביי דער טהיר.)

וואָקעראַט. וואָס זשע, איהר ווילט דאָך ניט שוין געהן, הערר פאַסטאָר?!

פאַסטאָר קאָלין. אי, הערט אויס! — מיין דרשה, יאָ, ווער זאָל דען מאָרגען האַלטען די דרשה מיינע?

בראַון (האַלט גרייט דעם פאַסטאָר'ס אויבער-ראָק צום אָנטהאָן).

פאַסטאָר קאָלין (שטעקט אַריין די אָרעמס אין די אַרבעל). אַ דאַנק — יונגער מאַן!

קייטע. איהר וועט אונז גאָרנישט אָנטהאָן דעם כבוד און עסען מיט אונז אַן איינפאַכען מיטאָג?

פאַסטאָר קאָלין (נאָך אַלץ פערנומען מיט'ן אָנטהאָן). זעהר שעהן — זעהר שעהן, ליעבע פרוי וואָקעראַט! אָבער...

וואָקעראַט. מיין ליעבער הערר פאַסטאָר, דאָס מוזט איהר אונז ווירקליך צוליעב טהאָן.

פּאַסטאָר קאָלין (אונזיכער). אָבער, הערט נור! — איהר ווייסט דאָך . . .

וואָקעראַט. אַז מיר וועלען אייך אַלע אַזוי גאַנץ שטאַרק בעטען?

פּאַסטאָר קאָלין. און גאָט'ס ליעב און הייליג וואָרט, הע, הע? וואָס איך דאַרף מאָרגען פּריידיגען? יאָ, יאָ, — פּריידיגען — הערט נור — גאָט'ס וואָרט — מאָרגען. (יאָהאַנעס קומט אריין צוריק, גיסט אָן וויין.)

וואָקעראַט (נעהמט אַ גלאָז, פֿערזוכט עס). נו דערווייל . . . דאָס וועט איהר אונז דאָך יעדענפֿאַלס ניט אָבזאָגען.

פּאַסטאָר קאָלין (נעהמט דאָס גלאָז). דאָס ניט — ניין — דאָס געוויס ניט. אַלזאָ יאָ — אַלזאָ פֿאַר דאָס געזונד . . . פֿאַר דאָס געזונד פֿון דעם קינד! (זיי שטויסען אָן מיט די גלעזער.) ער זאָל בלייבען זיין לעבען לאַנג אַ גוט, אמת קונד פֿון גאָט!

וואָקעראַט (שטיל). גאָט זאָל געבען!

יאָהאַנעס (באָט אָן דעם פּאַסטאָר אַ ציגאַר). איהר רויכערט דאָך, הערר פּאַסטאָר?

פּאַסטאָר קאָלין. דאַנק, יאָ! (נעהמט אַ ציגאַר, שניידט אָב דעם שפּיץ.) אַ דאַנק! (נעהמט פֿייער פֿון יאָהאַנעס'ן) פּף, פּף! (ער ציהט מיט אַלע כחות. ענדליך ברענט דער ציגאַר. קוקט זיך אום.) ווי שעהן עס זעהט דאָ אויס, פּף, פּף! — זעהר געשמאַקפֿול, הערט איהר! (ער קוקט זיך אום, בעטראַכט די בילדער, תחילת פֿון אויבען אויף דערנאָך גענויער. בלייבט שטעהן לעבען אַ בילד, וואָס שטעלט פֿאָר יעקב'ן, ווי ער ראַנגעלט זיך מיט'ן מלאך.) איך — לאָז דיך — ניט אָב, דו — פּף, פּף! — מוזט מיך בענשען. (ער מורמעלט צו-פֿריעדען.)

קייטע (אַביסעל אונרוהיג). טאַטעניו, כ'מיין . . . אויף דרויסען אין גאָרטען איז אַזוי שעהן איצט. אַסך וואַרעמער ווי אין צימער. וואָלסט אפשר אַרויסגעגאַנגען מיט דעם הערר פּאַסטאָר . . . איך קען דאָך הייסען אַרויסטראָגען די גלעזער.

פּאַסטאָר קאָלין (איז צוגעקומען צו די פּאָרטרעטען פֿון די-

געלעהרטע ביי דער ביכער-שאַפע). אַ פערשיעדענאַרטיגע געזעלשאַפט! דאָס זיינען דאָך משמעות — פף, פף! — אייערע לעהרער, הערר דאָקטאָר! הערט איהר, הערט איהר!

יאָהאַנעס (אַביסעל צוטראָגען). נו יאָ... דאָס הייסט... אויסער דאַרווינען, פערשטעהט זיך.

פאַסטאָר קאָלין (מיט די אויגען האַרט ביי די בילדער). דאַרווין? דאַרווין? — יאָ, הם! דאַרווין! נו יאָ! זעהט נאָר! — (ער לייענט.) ערנסט — העקעל. מיט דער אייגענער אונטערשריפט זאָגאַר! פף, פף! (ניט אָהן איראָניע.) דער איז, הייסט עס, געווען אייער לעהרער?

יאָהאַנעס (שנעל, מיט פייער). יאָ, און איך בין שטאָלץ דערויף, הערר פאַסטאָר...

וואָקעראַט. מיין טאָכטער איז גערעכט, ליעבער הערר פאַסטאָר. ס'איז אַסך וואַרעמער אויף דרויסען. אויב עס מאַכט אייך ניט אויס, כ'נעהם אַרויס די גלעזער און דעם וויין.

פאַסטאָר קאָלין. יאָ, יאָ! פף, פף! געוויס, געוויס! פף, פף! אָבער הערט איהר — בלויז אויף אַ פאָר מינוטען, יאָ! (בעת ער געהט אַרויס מיט וואָקעראַט'ן, אַביסעל געטראָפען) דער מענש, הערר וואָקעראַט! דער מענש איז הייסט עס, פף, פף! איז, הייסט עס, ניט קיין צלם אלהים, קיין בילד פון גאָט, הערט איהר. דער אַף הייסט עס, פף, פף! כ'מיין צו זאָגען, די נאַטור-וויסענשאַפט האָט אויסגעפונען... (אָב אויף דער וועראַנדאַ, פון וועלכער ביידע הערן, מאַכענדיג שטאַרק מיט די הענד, געהען אַרונטער אין גאָרטען).

בראַון (לאַכט פאַר זיך).

יאָהאַנעס. פון וואָס לאַכסט דו דען?

בראַון. איך? פון וואָס? איך פרעה זיך.

יאָהאַנעס. דו פרעהסט זיך?

בראַון. יאָ! טהאָר איך ניט?

יאָהאַנעס. געוויס, געוויס מעגסט דו! (ער געהט אַרום אי-בער'ן צימער, זיפצט און ווענדעט זיך פלוצלינג צו קייטע'ן, וועלכע וויל אַרויסגעהן.) זאָג מיר, — איך בין געווען אַביסעל צו שטרייננג, ניט?

קייטע. אַביסעלע, יאָ!

יאָהאַנעס (טהוט אַ ציה מיט די אַקסלען). נאַ, קינדער! — קען איך זיי גאָר ניט העלפען. דאָס קען איך ניט אַריבערטראָגען. ס'האָט אַלעס אַ גרענעץ. ווען זיי ווילען מיך אויפרייצען . . .

קייטע. נאַ, ס'איז דאָך יעדענפאַלס ניט געווען אַזוי שלעכט ווי דו מיינסט.

יאָהאַנעס. אַזוי?

קייטע. ווער ווייס, צי האָט ער עס גאָר אין גאַנצען בעמערקט!

יאָהאַנעס (געהט, קראַצט זיך אין די האָר). ס'איז מיר אָבער דאָך אונאַנגענעהם.

בראַון. אָט האָסט דו דיר שוין ווידער עפּעס, פון וואָס זיך צו נעהמען צום האַרצען!

יאָהאַנעס (קומט פּלוצלינג אַריין אין כעס). צום טייוועל, זיי זאָלען מיך ליעבערשט צו רוה לאָזען, זאָג איך! זיי זאָלען עס ניט טרייבען וויים, אַניט — ווען די געדולד ווערט אין מיר פּלאַצען . . .

בראַון. וואָלט אויך קיין אונגליק ניט געווען!

יאָהאַנעס (געגען בראַון). אידעען-בעריהמער זייט איהר, וויטער גאָרנישט. וואָס קען מיר אַרויסקומען דערפון, אַז איך וועל שוין דעם אַלטען מאַן זאָגען דעם אמת? אָט דאָס וואָלט איך וועלען וויסען. זעהסט דו, אַז דו הויבסט מיר אָן מיט דיינע טענות, דאַן היילסט דו מיך מאָמענטאַן אויס פון מיין פערדרוס. דאַן ווערט מיר גלייך אויף'ן שטעל קלאָהר, אַז עס איז איינפאַך קינדערש זיך צו ערגערן איבער אַזעלכע לייט. אָקוראַט ווי איך זאָל זיך נעהמען צום האַרצען, וואָס די סאָסנע האָט נאָדלען און ניט קיין בלעטער. אָביעקטיוו מוז מען זיין, ליעבער זוהן.

בראַון. אין דער וויסענשאַפט פּילייכט, אָבער ניט אין לעבען.

יאָהאַנעס. אַך קינדער! דער גאַנצער עסק איז מיר אַזוי נמאס . . . אַזוי נמאס . . . איהר קענט זיך גאָר ניט פאָרשטעלען ווי. (לויפט אויס.)

בראַון (צוגעהענדיג פון אויווען, וואו ער איז געשטאַנען, צום טיש און אַוועקלייגענדיג דאָס שטיקעל פון זיין פאַפּיראָס אין אַש-בעכער). מיר דען ניט? מיר אויך, און אָפּט גענוג. אָבער צוליעב דעם זאָל מען כסדר אָהן אויפהער קרעכצען און זיפצען — אַה, ניט דערלעבען זאָלען זיי!

יאָהאַנעס (פערענדערט, מיט אַ געלעכטער). נאַ, נאַ, אום גאָטעס ווילען, זיי ניט אַזוי צוקאָכט! פון כסדר קרעכצען און זיפצען איז דאָך קיין רייד ניט. ווען מען טהוט אַמאָל אַ זיפץ, איז וואָס פאַר אַן אונגליק? דאָס איז אַביסעל לופט-הונגער, ווייטער גאָרנישט. נו, נו, איך שטעה איבערהויפט ניט אַזוי שלעכט מיט'ן לעבען. אַזוי באַנקראָט ווי דו בין איך יעדענפאַלס נאָך לאַנג ניט.

בראַון. קען מעגליך זיין.

יאָהאַנעס. וואָס זשע, דו האַלטסט זיך אפשר פאַר אַ מוסטער פון אַ כאַראַקטער?

בראַון. ניין, אויף קיין פאַל ניט.

יאָהאַנעס. אַך, באַנקראָט, באַנקראָט, וואָס הייסט איבערהויפט באַנקראָט?! דו ביסט פונקט אַזוי וויניג באַנקראָט ווי איך. ווען איך וואָלט נור דעם אַלטען און דעם פאַסטאָר ניט פערשטערט די שמחה!

קיטע (אומאַרמענדיג יאָהאַנעס'ן). האַנעס, האַנעס! מונטער, מונטער!

יאָהאַנעס. און די אַרבייט מיינע ליגט מיר אויך אויף דער זעעלע. שוין איבער פערצעהן טעג, אַז איך האָב זיך ניט צוגעריהרט דערצו.

בראַון. דו ביסט אַ טרוס! דו ווילסט ניט מודה זיין, ווי קלעגליך עס איז...

יאָהאַנעס (האָט ניט געהערט). וואָס?

בראַון. ווען ס'רעגענט איז'ס נאַס, ווען ס'שנייט איז'ס וויים, ווען ס'פריהרט איז'ס אייז.

יאָהאַנעס. בהמה!

קייטע. מונטער, האַנעס! פֿערגעס ניט אָן אונזער קליינ־טשיקען פֿיליפּ׳ל! נישקשה, מיר וועלען זיך ווי געהעריג איז איינ־אָרדנען דאָ ווינטער־צייט; ס׳וועט זיין אַזוי געמיטהליך און רוהיג.
— דו וועסט זעהן, ווי געשמאַק דו וועסט אַרבייטען.

יאָהאַנעס (צו בראַון). דו ווייסט, ב־עאָ? דאָס פֿערטע קאַ־פּיטעל איז שוין פֿאַרטיג.

בראַון (אָהן אינטערעס). אַזוי?

יאָהאַנעס. זעה נאָר: אָט דאָס גאַנצע מאַנוסקריפּט! צוועלף זייטען קוועלען־אַנגאַבע אַליין. דאָס הייסט אַרבייט! ניט? איך זאָג דיר, דאָ וועלען זיך די פּאַרוקען אַביסעל שאָקלען!

בראַון. כ׳קען זיך פֿאָרשטעלען.

יאָהאַנעס. זעה, צום ביישפּיעל דאָ. (ער בלעטערט אין דעם מאַנוסקריפּט.) דאָ פֿאַל איך אָן אויף דיבוא־ריימאָן.

בראַון. דו... כ׳בעט דיך לייען ניט איצט. איך בין אַצונד אַזוי פֿאַרקוּדנע אויפֿגעלייגט... אַן אַנדער מאָל.

יאָהאַנעס (געפּאַסט). נאַטירליך! ניין, ניין! כ׳האָב דאָך גאָר ניט געהאַט אין זינען צו לייענען. איך...

קייטע. מען וועט דאָך באַלד געהן עסען.

יאָהאַנעס. נאַטירליך! ניין, ניין! כ׳האָב דאָך גאָר ניט געטראַכט דערפֿון, כ׳האָב דאָך בלויז געוואָלט — עה! (ער לייגט אוועק מיט אַ זיפֿץ דעם מאַנוסקריפּ: צוריק אין דער ביכער־שאַפֿע.)

קייטע. האַנעס, מונטער, מונטער!

יאָהאַנעס. אָבער קייטע, איך בין עס דאָך!

קייטע. ניין, דו ביסט עס שוין ווידער ניט.

יאָהאַנעס. ווען איין מענש וויינינגסטענס אין דער גרויסער, ברייטער וועלט זאָל דאָס האָבען אַ ברעקעל מיטגעפֿיהל מיט מיר! איך פֿע־לאַנג דאָך ניט קיין סך. נור אַ קליין ביסעל אינטערעס. אַ קליין ביסעל פֿערשטענדניס פֿאַר מיין אַרבייט.

קייטע. דו מוזט זיין פֿערנינפֿטיג. דאַרפֿסט זיך ניט נעה־מען צום הארצען. געדולדיג מוזט דו זיין. נישקשה, ס׳וועט קומען די צייט, ווען זיי וועלען איינזעהן...

יאָהאַנעס. און ביז דאַן? וואָס זשע, דו מיינסט, אַז דאָס איז לייכט אַזוי אין גאַנצען אָהן אַ שום הילף?... דו מיינסט, מען קען עס אויסהאַלטען אַזוי לאַנג?

קייטע. יאָ, דאָס איז מיין מיינונג. קום, האַנעס, ווען די געדאַנקען ווערן איינעם צו לאַסט, אַזוי אַז ער קען זיי ניט אַרויסבערטראָגען, דאַן איז דאָס בעסטע, לויז צו ווערן פֿון זיי. קום, גיב אַ קוק אויף פֿיליפּ'לען. ער איז דאָך אַזוי שעהן, אַזוי זיס, ווען ער שלאָפֿט. אַזוי ליגט ער אימער. (זי מאַכט נאָך, ווי ער האַלט די אָרעמלאַך.) אַזעלכע פֿויסטעלאַך מאַכט ער שטענדיג. ס'אַ פֿערגעניגען אַ קוק צו טהאָן אויף איהם. קום!

יאָהאַנעס (צו בראַון). קומסט מיט?

בראַון. אַך ניין, האַנז, איך האָב ניט קיין אינטערעס אין קליינע קינדער. כ'געה אַרוים אַביסעל אין גאָרטען. (אָב איבער די וועראַנדאַ.)

יאָהאַנעס. אַ מאָדנער קערל.

קייטע (עפֿענט גאַנץ פֿאָרזיכטיג אויף די שלאָפֿצימער-טהיר). האָסט גאָר קיין בעגריף ניט, ווי שעהן, ווי זיס ער איז! — שש... ש, שטיל! גאַנץ שטיל... (ביידע אָב אויף די שפּיץ-פֿינגער און האַנד אין האַנד.)

(פֿרוי וואָקעראַט און אַ דיענסט-מיידעל זיינען געוועזן בעשעפֿטיגט דערמיט צו גרייטען צום טיש אויף דער וועראַנדאַ. פּלוצלינג דערהערט זיך אַ געוואַלדיגער קראַך פֿון אַ מאַסע פּאָרצעלייַ, וואָס איז אַראָבגעפֿאַלען אויף דער ערד און צובראָכען געוואָרען. אַ קוויטש און דאָס מיידעל, בלייך ווי קאַלך, לויפֿט דורך דאָס צימער — פֿון דער וועראַנדאַ אין קאָרידאָר. פֿרוי וואָקעראַט לויפֿט איהר נאָך שעלטענדיג.)

פֿרוי וואָקעראַט. אָבער ניין, מינאַ! דאָס איז ווירקליך צופֿיעל. ס'געהט ניט אַוועק דער טאָג, איהר זאָלט ניט צוברעכען וואָס עס איז. דער שעהנער סאַלאַד! (מיידעל אָב דורך דער קאָרידאָר-טהיר.) נאַ, ביי מיר וואָלט אַזוי וואָס ניט פֿאָרגעקומען. ביי מיר וואָלטען די דיענסט-מיידלאַך געוואוסט, ווי אַכטונג צו געבען!

יאָהאַנעס (הערענדיג דעם גערויש, קומט אַרויס פון שלאָפצימער). וואָס איז געשעהן, מוטער׳ל? (ער אומאַרמט זי צערטליך.) רוהיג, רוהיג! נור ניט געערגערט זיך, מאַמעניו.

קייטע (דורך׳ן שפּאַלט פון טהיר). וואָס איז דאָס געווען פאַר אַ גערויש?

יאָהאַנעס. גאָרנישט! גאָרנישט!

קייטע (נעהמט אַריין צוריק דעם קאָפּ).

פרוי וואָקעראַט. אָט האָסט דו דיר — גאָרנישט. פאַר צעהן מאַרק געשיר האָט זי צובראָכען. גאָרנישט. און דעם גאַנצען שעהנעם סאַלאַד! נאַ... (שטופּט אָב יאָהאַנעס׳ן פון זיך.)

יאָהאַנעס. מאַמעלע, מאַמעלע! וועלען מיר אויסקומען אָהן סאַלאַד.

פרוי וואָקעראַט. ניין, ניין! איהר זייט שוין צו לייכטזיניג. איהר פערגעסט, אַז איהר האָט ניט אַזויפיעל איינפאַך אַרויסצוּוואַרפען. איהר זייט צו גוט צו די מיידלאַך. און דאָס פיהרט זיי איבער. זיי קריכען דערנאָך אויף׳ן קאָפּ.

יאָהאַנעס. נאַ, ווען זיי דאַרפען אימער אַרומגעהן מיט די זאַכען...

פרוי וואָקעראַט. איך בין אויך ניט קיין טיראַן. איך האַלט מיינע דיענסט-מיידלאַך שוין זעקס, זיבען יאָהר צייט. אָבער וואָס זיי צוברעכען, דאָס מוזען זיי בעצאָהלען. נו פערשטעהט זיך, ביי אייך דאָ קריגען זיי צוקער-טאָרט און קאַוויאַר! ניין, ניין! דאָס זיינען אייערע נייע אידעען: דערמיט לאָזט מיך צופריעדען, הערט איהר!

יאָהאַנעס (מונטער). נאַ, מאַמע טהייערע, זיי ניט אין כעס.

פרוי וואָקעראַט. ווער איז דען אין כעס, מיין קינד? (זי גיט איהם אַ קוש.) פערריקטער יונג דו! איך זאָג דיר, דו פּאַסט זיך גאָר ניט פאַר דער וועלט.

(מען זעהט דאָס דיענסט-מיידעל אויף דער וועראַנדאַ, ווי זי ווישט אַרום און קלייבט צונויף די שערבלאַך פון דער ערד.)

יאָהאַנעס (מיט אַ לייכטען ציטער). יאָ, מוטער! (לוסטיג.)

אָבער פֿאַרוואָס שטעלסט דו כסדר אויס אויף מיר אַזעלכע... אַזעלכע אויגען? אַזעלכע שרעקעדיגע אויגען? אַזעלכע געשפּאַנטע?

פֿרוי וואָקעראַט. איך? וואו דען! וואָס...? איך ווייס ניט, וואָס דו מיינסט. וואָס האָב איך דען אויסצושטעלען אויגען אויף דיר??!

יאָהאַנעס. קוק מיך אַקאָרשט נאָך אַמאָל אָן!

פֿרוי וואָקעראַט. דומער קערל! (קוקט איהם אַריין גלייך אין די אויגען.)

יאָהאַנעס. דאָס איז שעהן.

פֿרוי וואָקעראַט. נאַרישער יונג! אַלץ וואָס איך וויל איז, דו זאָלסט זיין צופֿריעדען, אַ צופֿריעדענער מענש, האַנעס!

יאָהאַנעס. מוטער! דאָס וועסט דו קיינמאָל ניט דערגרייכען. די צופֿריעדענע מענשען, דאָס זיינען די דראָהנען אין ביהן־שטאָק, אַ קלעגליכע באַנדע.

פֿרוי וואָקעראַט. וואָס קומט אַרויס פֿון דעם אַלעם...

יאָהאַנעס (ערנסטער, אין דערזעלבער צייט אויך געריהרטער). דער יונג דאָרט אינעווייניג, דער זאָל אויך ווערן אַזאַ איינער, אַזוי אַ ריכטיג אונצופֿריעדענער.

פֿרוי וואָקעראַט. זאָל גאָט אָבהיטען, האַנעס!

יאָהאַנעס. דער זאָל איבערהויפּט ווערן גאָר אַן אַנדער סאָרט חברה־מאַן ווי איך. דערפֿאַר וועל איך שוין זאָרגען.

פֿרוי וואָקעראַט. דער מענש טראַכט און גאָט לאַכט. מיר האָבען דאָך אויך געטהאָן, וואָס מיר האָבען נור געקענט.

יאָהאַנעס. נאַ מוטער'ל! אַזאַ ניט־געראָטענער בין איך דאָך פֿונדעסטוועגען ניט.

פֿרוי וואָקעראַט. געוויס ניט! דאָס זאָג איך דאָך גאָר ניט, חלילה... אָבער דו אַליין זאָגסט דאָך, אַז פֿיליפּ'ל מוז זיין אַנדערש ווי דו. און... און... דו ווייסט דאָך, וואָס איך מיין: דו גלויבסט דאָך ניט... דו גלויבסט דאָך אפילו אין דעם ליעבען גאָט ניט. דו האָסט דאָך ניט קיין שום רעליגיאָן. דאָס מוז דאָך אונז פֿערשאַפֿען ערגערניש און פֿערדרוס.

יאָהאַנעס. רעליגיאָן, רעליגיאָן! יעדענפֿאַלס גלויב איך ניט, אַז גאָט זעהט אויס ווי אַ מענש, און האַנדעלט ווי אַ מענש, און האָט אַ זוהן און דערגלייכען.

פֿרוי וואָקעראַט. אָבער יאָהאַנעס, דאָס מוז מען גלויבען!

יאָהאַנעס. ניין, מוטער! מען דאַרף דאָס גאָר ניט גלויבען און מען קען דאָך האָבען אַ רעליגיאָן. (מיט אַ דעקלאַמאַטאָרישען טאָן.) ווער עס זוכט זיך צו בעקענען מיט דער נאַטור, דער שטרעבט צו קענען גאָט. גאָט איז די נאַטור! „וואָס וואָלט דאָס געווען פֿאַר אַ גאָט, וואָס זאָל רעגירען זיין וועלט פֿון דרויסען. אינעווייניג, אין סאַמע האַרצען פֿון אַלצדינג מוז ער לעבען און זיך בעוועגען." אָט דאָס, מאַמעלע, האָט געזאָגט געטהע! און ער האָט אַסך מעהר געוואוסט וועגען די זאַכען, ווי אַלע פּאַסטאָרען און פּריסטער צוזאַמען.

פֿרוי וואָקעראַט. אַך, מיין זוהן! אַז איך הער דיך רייךדען אַזוי... ס'איז ווירקליך אַ שאָד, וואָס דו ביסט ניט געבליבען קיין טהעאָלאָג. כ'געדיינק נאָך ביי דיין ערשטער דרשה, וואָס דו האָסט געהאַלטען אַלס פּראָבע, האָט מיר דער דיאַקאָן געזאָגט...

יאָהאַנעס (לוסטיג). מוטער, מוטער! פֿערגאַנגענע צייטען! (דאָס הויז-גלעקעל קלינגט.)

פֿרוי וואָקעראַט. די הויז-טהיר — איז דאָך אָפֿען. (מאַכט אַ פּאָר טריט צו דער טהיר פֿון קאָרידאָר. עס ווערט געקלאַפּט אין דער דאָזיגער טהיר.)

וואַש-פֿרוי לעהמאַן (אין אַ בלאָה טראַנטעוואַטע ציצען קליידעל, קומט אַריין שרעקעדיג). אַ גוטען טאָג אייך.

פֿרוי וואָקעראַט און יאָהאַנעס (ניט גאַנץ אין איין און דערזעלבער צייט). גוטען טאָג, פֿרוי לעהמאַן.

פֿרוי לעהמאַן. כ'האָב בלויז געוואָלט אַ קוק טהאָן, ניט נעהמט פֿאַר אומגוט, פֿרוי וואָקעראַט. כ'זוך אַרום מיין הערר קוואַרטיראַנט, שוין אַ היבשע צייט.

יאָהאַנעס. יאָ, יאָ, פֿרוי לעהמאַן. העהר בראַון איז דאָ.

פֿרוי לעהמאַן. צ, צ! (קוקט זיך אום.) אָט דאָס הייסט אַ שעהנע וואוינונג!

פֿרוי וואָקעראַט. ווי געהט'ס אייך, פֿרוי לעהמאַן?

פֿרוי לעהמאַן. אַך, פֿרוי וואָקעראַט. מיר איז די לעצטע צייט גאָר ניט גוט געגאַנגען. כ'האָב געמוזט אַרויסיאָגען דעם אַלטען מיינעם. ס'איז שוין ניט געווען מעהר צום אויסהאַלטען. אַצונד מוז איך אַליין זאָרגען פֿאַר מיינע פֿינף קינדער, זאָלען לעבען.

פֿרוי וואָקעראַט. וואָס איהר זאָגט! אָבער...

פֿרוי לעהמאַן (ווערט אַלץ ריידעוודיגער). יאָ, זעהט איהר, פֿרוי וואָקעראַט, ס'וואָלט אַלץ רעכט געווען, ווען איך בין ניט אַזוי שוואַך אין געזונד. אָבער איך בין ניט מעהר ווי אַן אָרעמע קראַנקע פֿרוי. און שולדיג אין דעם איז ניט קיין אַנדערער, נאָר ער מיט זיין אויפֿפֿיהרונג. קיינער קען עס מיר ניט פֿערדיינקען. כ'האָב געזאָגט צו מיין אַלטען: אַדאָלף, זאָג איך, געה זיך דיר אין גאָט'ס נאָמען צו דיינע ברידער, זאָג איך. צו דיינע ברידער, די שכורים, זאָג איך, געה זיך דיר! איך וועל אַליין אַרבייטען שווער און ביטער און אויסהאַלטען מיינע פֿינף קינדער. זעה, וואָס דו קענסט קריגען פֿאַר זיך אַליין, זאָג איך, און גיס עס דיר אַריין אין דיין אייגענעם גאָרגעל, אַזוי שנעל ווי דו קענסט. דו האָסט דאָך גאָר קיין גייסט ניט אין זיך, זאָג איך. ווען דו וואָלסט געהאַט גייסט, זאָג איך, דאַן וואָלסט דו דיין פֿרוי און דיינע קינדער ניט אונגליקליך געמאַכט, זאָג איך. זעהט איהר, פֿרוי וואָקעראַט, דאָס האָב איך איהם געזאָגט, און איהר קענט מיר גלויבען, ס'האָט מיר גענוג וועה געטהאָן דאָס האַרץ עס צו זאָגען. ס'האָט מיר דורך און דורך געשטאָכען, ווי מיט אַ מעסער. אָבער וואָס האָב איך געקענט טהאָן? און צוריק שמועסענדיג, ווען איהר ווילט וויסען דעם ריינעם אמת, מוז איך זאָגען, אַז עס איז בעסער אַזוי! — נו, האָף איך, אַז דער ליעבער גאָט וועט

מירביישטעהן מיט מיינע פינף קינדער. (זי שנייצט זיך און ווישט זיך אויס די אויגען.)

פרוי וואָקעראַט. מיר מוזען אימער...

פרוי לעהמאַן. יאָ, יאָ! דאָס האָב איך דאָך טאַקע געזאָגט. געה זיך דיר צו די אינדיאַנער, זאָג איך. געה זיך דיר. ווען מען איז עהרליך, זאָג איך, און מען קען אַרבייטען, זאָג איך, און מען האַלט די פאָר פעניג צוזאַמען, זאָג איך, דאַן קען מען זיך ווי עס איז דורכמוטשען. און עהרליך בין איך, פרוי וואָקעראַט. פאַר מיר קען אַלצדינג בלייבען שטעהן און ליגען. ניט אַמאָל אַזויפיעל, וויפיעל ס'געהט אַרונטער אונטערן פינגער־נאָגעל...

יאָהאַנעס. איהר ווילט ריידען מיט הערר בראַון, פרוי לעהמאַן?

פרוי לעהמאַן. וואָס זאָגט איהר דערצו! כ'האָב דאָך שיער ניט פערגעסען אין גאַנצען אָן דעם. ס'איז אַ פריילייון, וואָס וויל גערן ריידען מיט איהם. (דורך די קאָרידאָר־טהיר שטעקט פריילייון מאַהר אַריין דעם קאָפּ און כאַפּט זיך גלייך צוריק. יאָהאַנעס האָט עס בעמערקט.)

יאָהאַנעס. קומט אַריין... ביטע, קומט אַריין. (צו די פרויען, וועלכע האָבען גאָרנישט בעמערקט.) דאָס פריילייון. ס'איז געווען דאָס פריילייון. (צו פרוי לעהמאַן.) איהר האָט זי געדאַרפט אַריינפיהרען מיט אייך. (ער עפענט די טהיר פון קאָרידאָר.) ביטע, גנעדיגעס פריילייון! איהר ווילט ריידען מיט מיין פריינד בראַון? זייט אַזוי גוט און קומט אַריין.

(פריילייון אַננאַ מאַהר איז פיער און צוואַנציג יאָהר אַלט; פון מיטעלען וואוקס, מיט אַ קליינעם קאָפּ, דונקעלע, גלאַטע האָר, פיינע נערוועזע געזיכטס־ציגע. אין איהרע פרייע בעוועגונגען ליגט חן און קראַפט. אַ געוויסע זיכערקייט אין אויפטרעטען, אַ געוויסע לעבעדיגקייט פון דער אַנדער זייט ווערט אַזוי ווייט געמילדערט דורך בעשיידענקייט און טאַקט, אַז דער איינדרוק פון דער ווייבליכקייט בלייבט אימער אונצושטערט. אננא איז אָנגעטהאָן אין שווארצען.)

פֿ ר י י ל י י ן אַ נ נ אַ מ אַ ה ר (קומט אריין). אַך, איך מוז בעטען אום ענטשולדיגונג. ס'טהוט מיר ווירקליך לייד איך צו שטערען.

י אָ ה אַ נ ע ס. אָבער ביטע, ביטע! איהר שטערט אונז גאָרנישט.

אַ נ נ אַ. פֿרוי לעהמאַן איז ניט אַרויסגעקומען צוריק — האָב איך איהר בלויז געוואָלט זאָג ־ן, אַז עס איז דאָך... אַז איך קען זיך דאָך אַן אַנדערס מאָל טרעפֿען מיט דעם הערר בראַון.

י אָ ה אַ נ ע ס. אָבער ניין! פֿאַרוואָס דען אַן אַנדערס מאָל? — כ'וועל גלייך אַריינרופֿען בראַון'ן. זעצט זיך צו אַ ווײַלע!

אַ נ נ אַ. איך דאַנק אייך זעהר! (בלייבט שטעהן.) אָבער ווירקליך! ס'טהוט מיר זעהר לייד, עס...

י אָ ה אַ נ ע ס. אָבער איך בעט אייך זעהר, גנעדיגעס פֿריילײן! איך ברייננ שוין אַריין בראַון'ן.

אַ נ נ אַ. אָבער איך גיב אייך צופֿיעל מיה, איך...

י אָ ה אַ נ ע ס. קיין האָר אויך ניט, פֿריילײן, — ענטשולדיגט אַן אויגענבליק. (אָב איבער די ווערא:דאַ.)

(קליינע פֿערלעגענהייטס-פויזע.)

פֿ ר ו י ל ע ה מ אַ ן. אַצונד וועל איך געהן. (צו אַננאַ'ן.) צוריק וועט איהר דאָך שוין אַליין געפֿינען דעם וועג.

אַ נ נ אַ. איך דאַנק אייך זעהר פֿאַר די בעגלייטונג. דאָ האָט איהר וואָס פֿאַר די קינדער... (גיט איהר געלד.)

פֿ ר ו י ל ע ה מ אַ ן. אַ שעהנעם דאַנק, אַ שעהנעם דאַנק! (צו פֿרוי ואָקעראַט.) דאָס איז מיין האַנד-געלד הייגט, פֿרוי וואָקעראַט. אַזוי וואַהר, ווי ס'איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט! ניין, ניין, קיין גרינג לעבען איז עס ניט, נאָר ליעבערשט, זאָג איך זיך פֿערקויפֿען פֿאַר אַ שקלאַף, איידער לעבען מיט אַזאַ פֿיאַניצע, זאָג איך, מיט אַזאַ... און ווייטער וועט גאָט העלפֿען, דער ליעבער גאָט האָט מיך נאָך קיינמאָל ניט פֿערלאָזען. (די קליאַמקע אין דער האַנד.) נו געה איך גלייך אין קראָם, קויפֿען עפּעס פֿאַר די פֿינף ווערימלאַך מיינע. (אָב.)

פֿרוי וואָקעראַט (שרייט איהר נאָך). געהט אַקאָרשט אַריין אין קיך! דאָרט איז דאָ וואָס פֿאַר אייך. — (טראָגט צו אַ שטוהל לעבען דעם, וואָס יאָהאַנעס האָט אַוועקגעשטעלט פֿאַר פֿריילין מאַהר און זעצט זיך אַנידער.) ביטע, פֿריילין, ווילט איהר זיך ניט צוזעצען אַ ווײלע?

אַננאַ (זעצט זיך לאַנגזאַם). איך בין גאָרנישט מיעד, איך...

פֿרוי וואָקעראַט. ווי איז דאָס, איהר קענט די היגע געגענד?

אַננאַ. ניין! — איך שטאַם פֿון די רוסישע באַלטישע פּראָווינצען, איך... (פֿערלעגענהייטס-פּויזע.)

פֿרוי וואָקעראַט. די היגע געגענד איז זעהר זאַמדיג. מיר געפֿעלט זי גאָרנישט. איך בין פֿון דער אומגעגענד פֿון ברעסלאַו. און אַלצדינג איז אַזוי בראַנד-טהייער דאָ, איהר קענט זיך גאָר ניט פֿאָרשטעלען. מיין מאַן האָט אַ גרויסע פֿערמע. געהט עס נאָך מיט, קענען מיר די קינדער צייטענווייז צושיקען וואָס עס איז. האָט איהר געזעהן די אָזיערע? דאָס איז ווירקליך שעהן. די אָזיערע איז ווירקליך שעהן, דאָס מוז מען צוגעבען. און מיר זיינען אַזוי נאָהענט דערצו, ביים סאַמע ברעג. צוויי לאָדקעס האָבען מיר אויך אונטען אין גאָרטען. אָבער איך קען ניט ליידען, ווען די קינדער רודערן אַרויס אויף דער אָזיערע. איך בין צו נערוועז. — ווי איז דאָס, איהר וואוינט איצט אין בערלין?

אַננאַ. יאָ. — איך בין צום ערשטען מאָל דאָ. איך האָב שוין לאַנג געוואונשען אָנצוקוקען בערלין ווי געהעריג איז.

פֿרוי וואָקעראַט. אָה יאָ! ס'איז דאָ וואָס צו זעהן אין בערלין. — אָבער ס'איז אַזוי רוישיג דאָרט.

אַננאַ. אָה יאָ! ס'איז ווירקליך רוישיג. בעזונדערס ווען מען איז צוגעוואוינט צו קליינע שטעדט.

פֿרוי וואָקעראַט. ענטשולדיגט, איהר קומט, הייסט עס פֿון...

אַננאַ. איך קום פֿון רעוואַל און פֿאָהר צוריק קיין ציריך די לעצטע פֿיער יאָהר בין איך געוועזען אין ציריך.

פֿרוי וואָקעראַט. אַך יאָ! די שעהנע שווייץ! — איהר האָט געוויס פֿערוואַנדטע אין ציריך.

אַננאַ. ניין — איך שטודיר דאָרט.

פֿרוי וואָקעראַט. איהר... אין דער אוניווערזיטעט?

אַננאַ. יאָ, אין דער אוניווערזיטעט.

פֿרוי וואָקעראַט. דאָס איז ניט מעגליך! זייט איהר, הייסט עס, גאָר אַ סטודענטקע?! וואָס איהר זאָגט! דאָס איז דאָך זעהר אינטערעסאַנט! — אַלזאָ, ווירקליך אַ סטודענטקע?

אַננאַ. נו געוויס, גנעדיגע פֿרוי!

פֿרוי וואָקעראַט. אָבער זאָגט מיר, כ׳בעט אייך! אָט דאָס גאַנצע לערנען, געפֿעלט עס אייך דען?

אַננאַ (לוסטיג). אָה, יאָ! גאַנץ גוט — ביז אַ געוויסען גראַד.

פֿרוי וואָקעראַט. איז דאָס מעגליך?!

(יאָהאַנעס און בראַון בעוויינען זיך אויף דער ווערענדאַ. די דאַמען דערזעהען זיי אָנקומען און הויבען זיך אויף.)

אַננאַ. ס׳טהוט מיר ווירקליך לייד, גנעדיגע פֿרוי, וואָס איך האָב אייך געשטערט.

פֿרוי וואָקעראַט. ביטע, ליעבעס פֿריילין. ס׳האָט מיך ווירקליך געפֿרעהט כאָטש איין מאָל צו זעהן אַ ריכטיגע סטודענטקע פֿאַר די אויגען. אונזער איינער נעהמט זיך צייטענווייז אַריין אַזעלכע נאַרישע אידעען אין קאָפּ. וואָס זשע, איהר זייט הערר בראַון׳ס אַ פֿערוואַנדטע?

אַננאַ. ניין — מיר האָבען זיך בעקענט אין פּאַריז, אויף דער אויסשטעלונג.

פֿרוי וואָקעראַט (גיט איהר די האַנד). זייט מיר געזונד! ס׳האָט מיך ווירקליך געפֿרעהט...

אַננאַ. און ביטע... כ׳בעט אייך נאָך אַמאָל ענטשולדיגונג.

(פֿרוי וואָקעראַט פֿערבייגט זיך, געהט אַרויס דורך דער קאָרידאָר-טהיר.)

(יאָהאַנעס און בראַון האָבען זיך אַ רגע בעראַטהען אויף דער ווערענדאַ, דערביי האָט זיך יאָהאַנעס אַנידערגעזעצט אויף דער ווערענדאַ, בעת ווען בראַון קומט אריין.)

בראַון (ערשטוינט). פֿריילין מאַהר! איהר?!

אַננאַ. יאָ — אָבער איך האָף, איהר האַלט מיך ניט פֿאַר אַזוי טאַקטלאָז... אייער בעל הבית'טע, אייער אָריגינעלע פֿרוי לעהמאַן איז שולדיג אין דעם, וואָס איך ביך אייך געקומען זעהן דאָ...

בראַון. הייליגער בימבאָם!

אַננאַ. וואָס זשע, ער לעבט נאָך אַלץ, דער הייליגער בימבאָם?

בראַון. דאָס וואָלט איך זיך אפילו אין חלום ניט פֿאָרגעשטעלט. דאָס איז דאָך ווירקליך אויסגעצייכענט.

אַננאַ. אַלזאָ נאָך אַלץ אויסגעצייכענט? ביי אייך איז נאָך אַלצדינג אויסגעצייכענט. איהר האָט זיך גאָר ניט געענדערט, ווירקליך!

בראַון. מיינט איהר אַזוי? אָבער טהוט דאָך אויס דעם הוט און דעם יאַקעל, פֿריילין.

אַננאַ. ניין, ניין! — וואָס פֿאַלט אייך איין? כ'האָב בלויז געוואָלט אַ קוק טהאָן, וואָס איהר מאַכט. (רשעות'דיג.) הויפּטזעכליך האָב איך געוואָלט געוואָהר ווערן, וואָס הערט זיך עפּעס מיט אייער גרויסער מאַלעריי. וואָס זשע, מען קען שוין פּילייכט בעוואונדערן?

בראַון. ס'הויבט זיך גאָר ניט אָן; קיין שאָטען, ניט אַמאָל די לייוועגט דערצו, פֿריילין מאַהר!

אַננאַ. דאָס איז שלעכט, דאָס איז ווירקליך זעהר שלעכט. און איהר האָט דאָך מיר אַזוי פֿעסט פֿערשפּראָכען...

בראַון. דער מענש טראַכט, און דער שוואַרץ יאָהר לאַכט. אָבער איך בעט אייך נאָך אַמאָל, מאַכט זיך בעקוועם.

אַננאַ. איך האָב אייך אַלזאָ געזעהן, הערר בראַון, און איך האָף...

בראַון. ניין, ניין, איהר מוזט בלייבען דאָ.

אַננאַ. דאָ?

בראַון. אָך ווירקליך! איהר ווייסט דאָך וואַהרשיינליך גאָר

ניט, וואו מיר זײנען? בײ יאָהאַנעס וואָקעראַט. נאַ, איהר קענט איהם דאָך יעדענפאַלט פון מײנע ערצעהלונגען. איבעריגענס איז הײנט אַ יום טוב דאָ, זײן קינד איז נור וואָס געטױפט געוואָרען. איהר זײט געקומען אין דער רעכטער צײט.

אַננאַ. אַך נײן, נײן! דאָס געהט דאָך ניט! איך האָב נאָך איבערהױפט צו מאַכען עטליכע גײנג אין דער שטאָדט.

בראַון. די געשעפטען זײנען אלע געשלאָסען.

אַננאַ. דאָס מאַכט גאָרנישט אויס, כ'דאַרף נור בעזוכען עטליכע בעקאַנטע. אָבער ניט מײנט אַקאָרשט, אַז איהר ווערט מיך שוין פטור. מיר מוזען זיך נאָך אַמאָל טרעפען און זיך דורכ־רײדען ווי געהעריג איז. איך מוז אײך נאָך גוט אויסזידלען, איהר וואָרט־ברעכער. איהר זעהט מיר נאָך אַלץ אויס צו זײן אַזוי אַ מין קאָפּ־מאַלער...

בראַון. אַפריהער מוז מען בײ זיך אַלײן קלאָהר זײן, וואָס מען וויל. דאָס אויפמאָלען איז שוין אַ קלײניגקײט.

אַננאַ. נאַ, ווער ווײס!

בראַון. אָבער אוועקגעהן וועט איהר איצט סײ ווי סײ ניט, הערט איהר!

אַננאַ. כ'בעט אײך, הערר בראַון, לאָזט מיך רוהיג...

בראַון (רופט). האַנז! האַנז!!

אַננאַ. כ'בעט אײך, הערר בראַון.

(יאָהאַנעס קומט אַרײן מיט אַ שעהמעדיגען פּנים.)

בראַון. ערלויבט! מײן פרײנד יאָהאַנעס וואָקעראַט — פרײלײן אַננאַ מאַהר.

אַננאַ און יאָהאַנעס (אין אײן און דערזעלבער צײט). איך האָב שוין אַזױפיעל פון אײך געהערט.

בראַון. שטעלט זיך פאָר, האַנז: דאָס פרײלײן וויל שוין אוועקגעהן פון דאַנען.

יאָהאַנעס. דאָס וועט מײן פרוי און אונז אַלעמען זעהר לײד טהאָן, ווילט איהר אונז ניט שײנקען דעם נאָכמיטאָג?

אַ נ נ אַ. כ׳ווייס ווירקליך ניט... נאָר אויב איהר זאָגט מיר, אַז איך פֿאַל קיינעם ניט צו לאַסט — דאַן בלייב איך גערן.

יאָהאַנעס. אָבער דורכאויס ניט. (ער העלפֿט איהר אויס־טהאָן דאָס יאַקעל, גיט עס בראַון׳ן.) זיי אַזוי גוט און הייצ דאָס אַקאָרשט אויף. איך וועל אַריינגעהן זאָגען מיין פֿרוי... (רופֿט אַריין אין שלאָפֿצימער.) קייטע! (אָב אין שלאָפֿצימער.)

אַ נ נ אַ (מאַכט זיך צורעכט איהר קלייד ביים שפּיגעל). אייער פֿריינד איז זעהר ליעבענסווירדיג.

ב ר אַ ו ן. אַביסעל צו זעהר פֿילייכט.

אַ נ נ אַ. וואָס הייסט?

ב ר אַ ו ן. איך שפּאַס דאָך נור. אַן אמת גוטער יונג איז ער. נאָר קומט ער צו זיין אַרבייט, אַזוי ווערט ער איינפֿאַך ניט צום פֿערדייען. איהר וועט זעהן, אויב איהר בלייבט דאָ דעם גאַנצען נאָכמיטאָג, וועט ער אייך גאָר אָהן צווייפֿעל פֿאָרלעזען זיין ווערק.

אַ נ נ אַ. וואָס איז דאָס דען פֿאַר אַ ווערק?

ב ר אַ ו ן. צו הויך־געלערענט פֿאַר מיר. פֿילאָזאָפֿיש־קריטיש־פּסיכאָ־פֿיזיאָלאָגיש — וואָס ווייס איך??!

אַ נ נ אַ. דאָס אינטערעסירט מיך גראָד. כ׳גיב זיך דאָך עפּעס אַליין אייך אָב מיט פֿילאָזאָפֿיע.

ב ר אַ ו ן. נאַ פֿרייליין! דאַן קען איך אייך פֿערזיכערן, אַז איהר וועט שוין אַזוי גיך ניט אַוועקגעהן פֿון דאַנען. אויב איהר אינטערעסירט זיך מיט זיין ווערק, וועט דאָס איהם זעהר שטאַרק פֿרעהען.

יאָהאַנעס (קומט אַרויס פֿון שלאָפֿצימער). בראַון!

ב ר אַ ו ן. נו?!

יאָהאַנעס. געה אַקאָרשט אַריין צו קייטע׳ן. בערוהיג זי אַביסעל. אַ ריף, זאָגט זי, שטעהט עפּעס אָב צו וויט ביים קינד.

ב ר אַ ו ן. ווייס איך וואָס!

יאָהאַנעס. נו געוויס; ס׳האָט קיין בעדייטונג ניט; נאָר געה אַריין צו איהר! זי נעהמט זיך צום האַרצען דערפֿון.

ב ר אַ ו ן. גוט, גוט! כ׳געה שוין. (אָב אין שלאָפֿצימער.)

יאָהאַנעס. מיין פֿרוי בעט, איהר זאָלט איהר ענטשול־דיגען, פֿריילײן! זי קומט אין עטליכע מינוטען אַרום. זי האָט מיר געהייסען, איך זאָל אייך דערווייל וויזען אַביסעל דעם גאָרטען אונזערן. אויב איהר ווילט אַלזאָ...

אַננאַ. אָה, זעהר גערן!

יאָהאַנעס (מיט אַ שמייכעל). מיר האָבען אַ גאַנץ שעהן שטיק לאַנד — ס'הייסט בלויז געדונגען. דאָס בעסטע דערביי איז די אָזיערע. קענט איהר דעם „מיגעלזעע"? (ער דערלאַנגט איהר דעם פּאַראַסאָל.ביידע, ריידענדיג, געהען אַרויס דורך דער טהיר צו דער ווערענדאַ.) איך בין איינער פֿון די, וואָס האַסען די שטאָדט. מיין אידעאַל איז אַ גרויסער פּאַרק מיט אַ הויכער וואַנד אַרום. אַזוי קען מען גאַנץ רוהיג און אונגעשטערט לעבען, ווי מען נעהמט זיך פֿאָר.

אַננאַ. עפּיקור.

יאָהאַנעס. יאָ, גאַנץ ריכטיג! נאָר איך פֿערזיכער אייך: כ'האָב ניט קיין אַנדער מעגליכקייט... — ווי איז דאָס, ס'וועט אייך ניט זיין צו קיהל?

אַננאַ. אָה, ניין! כ'בין געוואוינט צו קעלט.

(יאָהאַנעס לאָזט אַננאַ'ן געהן פֿאָראויס און געהט איהר נאָך אויף די ווערענדאַ. דאָ בלייבען זיי שטעהן עטליכע סעקונדען. מען זעהט, ווי יאָהאַנעס וועיזט דער פֿרעמדער די אויסזיכט און ערקלעהרט איהר אַלעס. ענדליך פֿערשווינדען ביידע אין גאָרטען.)

(בראַון קומט אַרויס פֿון שלאָפֿצימער, נאָך איהם קייטע.)

בראַון (קוקט זיך אום). זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען.

קייטע. אָה!

בראַון. ניין, ניין! דאָס מיט דעם ריף איז אַ גאַנץ נאַטירליכע זאַך.

קייטע. מיר איז ווירקליך שטאַרק פֿערקלעמט אויף'ן האַרצען.

בראַון. פֿערקלעמט אויף'ן האַרצען? פֿאַרוואָס?

קייטע (מיט אַ שמייכעל). עפּעס אַזוי ווי אַ מין האַרץ־קלאַפּעניש.

בראַון. איהר זייט נאָך איינפאַך נערוועז.

קייטע. ווי איז דאָס, זי איז זעהר אַ שטאָלצע?

בראַון. ווער?

קייטע. דאָס פריילין מיין איך.

בראַון. אַננאַ מאַהר? אַ שטאָלצע? — קיין שפּור.

קייטע. נאַ, כ'זעה ניט איין! איך וואָלט גראָד געווען שטאָלץ, ווען איך . . .

בראַון. קיין שפּור! ניין, ניין! דאָ האַלט איהר זי ווירקליך פאַר קלענער ווי זי איז.

קייטע. אין געגענטהייל! — כ'האָב אַ מורא'דיגען רעספּעקט פאַר איהר.

בראַון. נאַ, איבעריגענס . . . צייטענווייז בלאָזט זי אַביסעל פון זיך. אָבער דאָס געוועהנט מען איהר איינפאַך אָב.

(פּויזע.)

קייטע. דאָ האָט האַנעס געלאָזט ליגען אַ בויגען פון זיין מאַנוסקריפּט. וואָס זשע, זי פערשטעהט עפּעס דערפון?

בראַון. כ'מיין עפּעס אַז זי פערשטעהט!

קייטע. ווירקליך?! אַך! — וואָס פאַר אַ בעטרעף האָט אונזער איינער אַנטקעגען אַזעלכע הויך־געבילדעטע פרויען?

בראַון. אַ—אַך! — איך ווייס אויך ניט פיעל. איך האָב אויך ניט שטודירט. נאָר איך שרעק זיך ווינציג וואָס אָב פאַר דאָס ביסעל שול־קענטעניש, וואָס איינער האָט.

קייטע. זי מוז אַודאי זיין אַ גלענצענדע רעדנערין?

בראַון. אַ גלענצענדע? ניין. — זי רעדט אַזוי זיך . . . ווי מיר אַלע ריידען. זי איז גאַנץ פעהיג — נו יאָ! — אָבער דערפאַר —

קייטע (מיט אַ שמייכעל). מיידעל־ווייז בין איך געווען אַ ריכטיגער פלוידער־זאַק. מיין צונג האָט ניט גערוהט. דעם גאַנצען טאָג פון אין דערפריה ביז ביינאַכט, האָב איך גערעדט איבער גאָרנישט און ווידער גאָרנישט. דערפון האָב איך זיך יעדענפאַלס אָבגעוועהנט. אָבער איצט סמייע איך שוין גאָר ניט דאָס מויל צו

עפֿענען. איצט האָב איך איבערהויפּט מורא אַ וואָרט אויסצוריי־דען. (ביי דער וועראַנדאַ-טהיר, רופֿט אַרויס:) מוטער'ל! רעכען אויף איינעם מעהר!

פֿרוי וואָקעראַט (פֿון דער וועראַנדא, וואו זי מאַכט ווידער צורעכט דעם טיש). ווער קומט דען נאָך?

קייטע. דאָס פֿרייליין.

פֿרוי וואָקעראַט. ווער? — אַך יאָ! — גוט, קייטע.

קייטע (ווידער צו בראַון, מיט אַ זיפֿץ). אַך! ס'איז גאָרנישט צו מאַכען! מען טהוט דאָך וואָס מען קען. — וואָס נוצט עס אָבער? ס'איז צו שפּעט! (בלייבט שטעהן ביי אַ רויזען-טאָפּ.) זעהט נאָר, ווי שעהן דאָס זעהט אויס. נאָך איצט רויזען! (האַלט זיי פֿאַר בראַון'ן צום שמעקען.) און ווי שטאַרק זיי שמעקען נאָך!

בראַון. וואונדערליך!

קייטע (שטעלט אַוועק דעם בלומען-טאָפּ אויף זיין אָרט). ווי איז דאָס, זי איז אַ יונגע?

בראַון. ווער?

קייטע. פֿרייליין מאַהר.

בראַון. כ'ווייס ווירקליך ניט, ווי אַלט זי איז.

קייטע. איך בין שוין צוויי און צוואַנציג. יאָ, יאָ! ס'געהט באַרג אַראָב!

בראַון. שטאַרק באַרג אַראָב. (ער לאַכט.)

קייטע. אַך! כ'ווייס גאַנץ גוט, וואָס פֿאַר אַן אונוויסענדע, בעגרענעצטע זעלע איך בין!

(פֿרוי וואָקעראַט שטעקט אַריין דעם קאָפּ דורך דער טהיר.)

פֿרוי וואָקעראַט. קינדער! אַלעס איז גרייט! (ציהט צו-ריק דעם קאָפּ, רופֿט פֿון דער וועראַנדאַ אַרויס אין גאָרטען:) פּאַפּאַ! פּאַפּאַ!!

(הערר וואָקעראַט און דער פּאַסטאָר, ביידע זעהר גוט אויפֿגעלייגט, געהען אַרויף אויף די טרעפּ פֿון דער וועראַנדאַ.)

וואָקעראַט (ביי דער אָפֿענער טהיר, מיט דעם פּאַסטאָר'ס אויבער-ראָק). נאַ, ווילט איהר זיין אַזוי פֿריינדליך און אַריינגעהן;

מיר וועלען אויפהייגגען די זאַכען. האַ האַ האַ! (לאַכט פון גאַנצען האַרצען.)

פּאַסטאָר קאָלין (מיט'ן הוט, שאַל און שטעקען אין די הענד, רוויבערט און לאַכט). האַ האַ האַ! צו קאָמיש ווירקליך, הערט איהר! פּף, פּף — צו קאָמיש. (לאַכט).

וואָקעראַט. און די געשיכטע, הייסט עס, זאָל ווירקליך האָבען פּאַסירט, הערר פּאַסטאָר! (ער הייגגט אויף דעם אויבער-ראָק.)

פּאַסטאָר קאָלין. „הערר נויגעבאַוער!" (לאַכט.) — פּף, פּף — „הערר נויגעבאַוער, ווינשט איהר פּילייכט נאָך עפּעס?" (לאַכט; הייגגט אויף דעם שאַל און דעם הוט, לאָזט די יאַרמולקע אויף'ן קאָפּ.)

וואָקעראַט (לאַכט מיט). הערר נויגעבאַוער... (צו בראַון.) ס'איז געווען ביי אַ בעגרעבעניש אויף'ן לאַנד אין אונזער געגענד, הערר בראַון. מילא, שטעהען זיך אַזוי די אבלים אַרום דעם ארון, ווייסט איהר — (מאַכט נאָך דעם שרעק, שנעל:) מיט אַמאָל — ס'ריהרט זיך וואָס עס איז. ס'קען זיין אימיצער האָט אַ רוק געטהאָן מיט'ן שטוהל אָדער אַזוי — ס'ריהרט זיך וואָס עס איז. (ער שטעלט פאָר דעם שרעק.) אַלע ווערן פערציטערט. — נור דער דיענער פון דער קירכע, האַ האַ האַ! דער מאַכט זיך האַרץ, דער איז מוטהיג. גאַנץ פאָרזיכטיג געהט ער צו צום ארון — האַ האַ האַ! — און קלאַפּט אָן. (נאָכמאַכענדיג די שטימע פון'ם קירכען-דיענער און קלאַפּענדיג מיט'ן קנעכעל אויף'ן טיש.) הערר נויגעבאַוער! — הערר נויגעבאַוער! ווינשט איהר פילייכט נאָך עפּעס? — (לעב-האַפטער געלעכטער.)

פּאַסטאָר קאָלין (לאַכענדיג). הערט איהר! — פּף, פּף! — דאָס איז ריכטיג ווי דער טאָג! כ'קען זיי גוט, די קירכען-דיענער!

פרוי וואָקעראַט (קומט אַריין). נאַ, פּאַפּאַ, ביטע! לאָז ניט קאַלט ווערן די זופּ.

וואָקעראַט. אַלזאָ הערר פּאַסטאָר, ווילט איהר זיין אַזוי גוט...

פּאַסטאָר קאָלין. איהר האָט מיך איבערגערעדט, הערט איהר! (ער וואַרפט אַריין דעם שטיקעל ציגאַר אין אַש-בעכער און באַט אָן פרוי וואָקעראַט זיין אָרם.) פרוי וואָקעראַט!

וואָקעראַט (האַלט דערביי צו געבען זיין שנור דעם אָרם). אָבער וואו איז ערגעץ יאָהאַנעס?

פרוי וואָקעראַט. און דאָס פריילײן? — ניין, דאָס איז גאָר ניט שעהן פון יאָהאַנעס'ן, דאָס גאַנצע עסען וועט דאָך...

וואָקעראַט (לוסטיג). זעהט איהר, הערר פּאַסטאָר: „צוויי-שען ליפּ און בעכער-ראַנד" — האַ האַ האַ!

פּאַסטאָר קאָלין. „שוועבט די פינסטערע שדים-האַנד" — האַ האַ האַ!

וואָקעראַט. דאָס האָט אודאי געמוזט זיין די דאַמע, מיר האָבען געזעהן אַ פּאָר'ל אויף דער אָזיערע. ניט אמת, הערר פּאַסטאָר?

פּאַסטאָר קאָלין. יאָ, יאָ! זיי האָבען געמוזט אַרוים-רודערן אַביסעל.

פרוי וואָקעראַט. נאַ, כ'מיין, מיר וועלען אָנפאַנגען!

וואָקעראַט. ווער עס קומט ניט אין דער צייט...

בראַון (וועלכער האָט אַרויסגעקוקט פון דער ווערענדאַ, קומט אַריין). זיי קומען! זיי קומען!

וואָקעראַט. שוין ווירקליך צייט.

(יאָהאַנעס און פריילײן מאַהר קומען אַריין פון דער ווערענדאַ.)

יאָהאַנעס. וואָס זשע, מיר קומען צו שפּעט?

וואָקעראַט. גראָד אין צייט.

יאָהאַנעס. ס'טהוט מיר לייד; מיר האָבען געהאַט... ס'איז געווען אַזוי וואונדער-שעהן אויף'ן וואַסער... ערלויבט! (שטעלט פאָר.) הערר פּאַסטאָר קאָלין! מיין פאָטער! מיין מוטער!

פרוי וואָקעראַט. מיר קענען זיך שוין.

יאָהאַנעס. מיין פרוי — פריילײן מאַהר.

(מען שטעלט זיך אויס און מען געהט אַרויס אויף די ווערענדאַ. פרוי וואָקעראַט אין דעם פּאַסטאָר'ס אָרם, קייטע אין דעם אָרם פון'ם

אַלטען וואָקעראַט, פרייליין מאַהר, געפיהרט פון יאָהאַנעס אַליין און דער לעצטער געהט בראַון.)

(דאָס צימער איז ליידיג. פון דעם שלאָפצימער הערט זיך דער שטי־לער געזאַנג פון דער אַם, ווי זי פערוויגט דאָס קינד. אַ קלאַנג פון טעלער, מעסער און גאָפּלען פון דער וועראַנדאַ. פּלוצלינג קומט אַריין קייטע, כדי צו נעהמען עפּעס פון טיש־שופלאָד. יאָהאַנעס לויפט איהר נאָך.)

יאָהאַנעס. אָבער קייטע — דו ווייסט דאָך, אַז דו דאַרפסט ניט... דו דאַרפסט ניט לויפען. לאָז מיך...

קייטע. אַך, אַזוי שוואַך בין איך דאָך ניט.

יאָהאַנעס (פייער און פלאַם). הערסט דו, קייטע! דאָס איז אַ וואונדערבאַרעס וועזען! ווי געלערנט! און אַזוי זעלבסטשטענדיג און אָריגינעל! און אַז מען בערעכענט, אַז אַזאַ פרוי האָט קוים, קוים געגנוג אויף דורכצוקומען. דו ווייסט דאָך, בראַון האָט דאָך אונז אימער דערצעהלט. אייגענטליך איז עס אונזער פליכט, הערסט דו, מיר זאָלען איהר בעטען צו בלייבען דאָ אַ פּאָר וואָכען.

קייטע. אַז דו ווילסט.

יאָהאַנעס. ניין, איך וויל ניט! דיר איז עס פיעל נייטי־גער איידער מיר, דו דאַרפסט ווערען! פון אַזאַ פרוי קענסט דו נאָך זעהר פיעל לערנען.

קייטע. צייטענווייז ביסט דו ווירקליך עקעלהאַפט, האַנעס.

יאָהאַנעס. וואָס זשע, ס'איז דען ניט ריכטיג? דו וואָלסט געדאַרפט אויסניצען יעדע געלעגענהייט, זיך אַביסעל צו ענטוויק־לען גייסטיג. דו וואָלסט געדאַרפט טרייבען דערצו! דו וואָלסט געמוזט זעהן מיט אַלע מעגליכקייטען, זי זאָל דאָ בלייבען. איך פערשטעה גאָר ניט, ווי מען קען זיין אַזוי גלייכגילטיג.

קייטע. איך בין גאַנץ צופריעדען, זי זאָל בלייבען, האַנעס.

יאָהאַנעס. ניטאָ קיין ביסעל פייער אין אייך! קיין ברע־קעל איניציאַטיווע — שרעקליך!

(דער פּאַסטאָר קלאַפּט אָן אויף דרויסען אָן די גלעזער.)

קייטע. אַך האַנעס, געה אַרויס, געה! — דער פּאַסטאָר. דער פּאַסטאָר האַלט אַ טאָאסט. איך קום גלייך! איך בין דאָך

גאַנץ צופֿריעדען דערמיט. מיר קענען דאָך ניט בּיידע זיין אַוועק, ווען...

יאָהאַנעס. נאַ, קייטע, הער אויף, הער אויף וויינען! (ער קושט איהר אויס די טרעהרען פֿון די אויגען און געהט שנעל אַרויס אויף די וועראַנדאַ.)

(מען הערט דעם פּאַסטאָר'ס שטימע. דאָס שלאָף־ליעד פֿון דער אַם קלינגט נאָך אַלץ שטיל. אין קייטע'ן קומט עפּעס פֿאָר אַ פֿערענדערונג. אַזוי גיך ווי יאָהאַנעס געהט אַרויס, ווערט איהר שלעכט אויף'ן הארצען, זי קען זיך קוים האַלטען אויף די פֿיס, און זי זוכט זיך אָן וואָס אָנצוהאַלטען, בעת ווען זי סטאַרעט זיך אַרויסצוקומען אויף די וועראַנדאַ. ס'שווינדעלט איהר פֿאַר די אויגען. ענדליך קען זי ניט געהן ווייטער און מוז זיך אַנידערזעצען. זי קוקט פֿאַר זיך אָהן אַ ציעל און מאַכט מיט די ליפּען, ניט אַרויסברייגענדיג קיין קלאַנג. איהרע אויגען זיינען פֿול מיט טרעהרען. דעם פּאַסטאָר'ס רעדע איז געענדיגט. עס ווערט אָנגעקלאַפּט מיט די גלעזער. קייטע קומט צו זיך, הויבּט זיך אויף און לאָזט זיך געהן צו דער וועראַנדאַ.

צווייטער אקט.

אַ שעהנער פֿריה-מאָרגען אין הערבסט. פֿרוי וואָקעראַט, אין אַ הויז-קלייד, מיט אַ פֿאַרטוך און אַ בונד מיט שליסלען, גרייט דעם טיש צום אָנ-בייסען. מען הערט מענער-שטימען, זינגענדיג אַ ליעד: אַ געזאַנג-פֿעראיין מאַרשירט דורך פֿערביי דעם הויז. פֿרייליין אַננאַ מאַהר, אויף׳ן אָרם אַ קאָרב מיט וויינטרויבען, קומט אַרויף פֿון גאָרטען אויף דער וועראַנדאַ. זי בלייבט שטעהן, הערט זיך צו צו דעם געזאַנג און דאַן קוקט זי אַרויס, זיך פֿער-שטעלענדיג די אויגען מיט דער האַנד, צו דער אָזיערע אין דער וויטענס. דער געזאַנג קלינגט שוואַכער. אַננאַ קומט אַריין. זי טראָגט אַ שוואַרץ מאָר-גען-קלייד מיט קורצע אַרבעל און אַ שוואַרץ שפּיצען-טיכעל איבער׳ן קאָפּ און האַלז. אויף דער ברוסט אַ בינטעל פֿון העלע הערבסט בלעטער.

פֿרוי וואָקעראַט. אַ שעהנעם גוט מאָרגען אייך, פֿריי-לייןן!

אַננאַ (שטעלט אַוועק דעם קאָרב, לויפֿט צו צו פֿרוי וואָקעראַט און גיט איהר אַ קוש אין דער האַנד). גוט מאָרגען, מאַמאַ וואָקעראַט!

פֿרוי וואָקעראַט. אַזוי פֿריה אויף די פֿיס, ליעב פֿרייליין!?

אַננאַ. מיר נעהמען אַראָב די ווינטרויבען, הערר יאָהאַנעס און איך.

פֿרוי וואָקעראַט. ס׳איז ווירקליך צייט געווען עס צו טהאָן. (זי פֿערזוכט אַ פּאָר ווינטרויבען פֿון קאָרב.) זיסער וועלען זיי שוין ניט ווערן. — אָבער וואָס זשע, ס׳איז אייך גאָר ניט קאַלט, פֿרייליין? (ריהרט אָן מיט׳ן פֿינגער אַננאַ׳ס בלויזען אָרם.) אַזוי לייכט...? מיר דוכט, ס׳איז גאַנץ פֿריש היינט!

אַ נ נ אַ (איז בעשעפֿטיגט דערמיט פֿאָרזיכטיג אויסצולייגען די בינט־לאַך וויינטרויבען אויף אַ ברעט). יאָ, ס׳איז ווירקליך שעהן און פֿריש. — אָבער מיר מאַכט עס גאָרנישט אויס. — איך בין צוגעוואוינט צו קעלט. — די לופֿט איז גרויסאַרטיג, איינפֿאַך אַ חיות! — די שטאַנגען — אין דער אָזיערע — כ׳מיין די שטאַנגען, אָן וועלכע די לאָדקעס ווערן צוגעבונדען — די זיינען געווען אין גאַנצען וויים פֿון פֿראָסט — היינט אין דערפֿריה: — דאָס האָט אויסגעזעהן גאַנץ שעהן, ס׳איז איבערהויפּט וואונדער־שעהן דאָ. — — — קען איך אייך אַצונד מיט וואָס עס איז בעהילפֿיג זיין, מאַמאַ וואָקעראַט?

פֿ ר ו י ו ו אָ ק ע ר אַ ט. אויב איהרווילט אַזוי גוט זיין, מיר דערלאַנגען די צוקער־פושקע!

אַ נ נ אַ (האָט אַוועקגעשטעלט די צוקער-פושקע אויף׳ן טיש. נאָך אָנגעבויגען איבער׳ן טיש, וואַרפֿט אַ בליק פֿון דער זייט). איהר זייט ניט בייז אויף מיר, ווען איך רוף אייך מאַמאַ וואָקעראַט?

פֿ ר ו י ו ו אָ ק ע ר אַ ט (לאַכט). אַך, וואָס פֿאַלט אייך איין!

אַ נ נ אַ. איך בין אַזוי גליקליך, ווען איהר ערלויבט עס מיר. (קושט פֿרוי וואָקעראַט אומגעריכט און מיט אימפּעט.) אַך! איך בין אייך איבערהויפּט אַזוי דאַנקבאַר, וואָס איהר ערלויבט מיר צו זיין דאָ.

פֿ ר ו י ו ו אָ ק ע ר אַ ט. אָבער פֿריילייז אַננאַ!

אַ נ נ אַ. איך פֿיהל זיך אַזוי גליקליך ביי אייך אין דער פֿאַ־מיליע. איהר זייט אַלע אַזוי ליעב־האַרציג צו מיר. איהר זייט איבערהויפּט אַלע אַזעלכע גוטע מענשען.

פֿ ר ו י ו ו אָ ק ע ר אַ ט. וואָס זאָגט איהר ניט דערצו...! איהר זייט דאָך בעדעקט מיט שפּינוועבס. (זי נעהמט אַרונטער די פֿעדים פֿון אַננאַ׳ס קלייד.)

אַ נ נ אַ. און אַז מען קען זיין אַזוי גליקליך אין אַ פֿאַמיליע! מיר איז אַזוי וואָס געווען גאַנץ פֿרעמד ביז איצט.

פֿ ר ו י ו ו אָ ק ע ר אַ ט (נאָך אימער קלייבענדיג די פֿעדים). מען

טהאָר ניט ריידען אַזוי, פֿרייליין אַננאַ! — וואַרט אַקאָרשט! — דאָ... גאַנצע שנורען ווירקליך.

אַ נ נ אַ. וואָס זשע, איהר זייט אַבערגלויביש, מאַמאַ וואָ־קעראַט?

פֿ ר וי ו אָ ק ע ר אַ ט. אַך ניין, ניין, האַרצעלע מיינס! ס'איז דאָך ריכטיג: דער ליעבער גאָט מיינט עס דאָך גאַנץ גוט מיט אונז. נאָר אַלצדינג איז גראָד ניט אַזוי ווי ס'האָט געקענט זיין.

אַ נ נ אַ. כ'ווייס ווירקליך ניט, וואָס איהר האָט זיך צו בע־קלאָגען... איהר זייט דאָך אַלע... אַך ניין, איהר דאַרפֿט עס ניט זאָגען!

פֿ ר וי ו אָ ק ע ר אַ ט. ניין, ניין! איהר זייט גערעכט. מען טהאָר זיך ווירקליך ניט בעקלאָגען. (ענדערט דאָס געשפרעך.) דער־ווייל איז וואונדער-שעהן, וואָס מיר האָבען אייך דאָ ביי אונז. (געהיימניספֿול.) איהר זייט אויך פֿאַר יאָהאַנעס'ן אַ גוטער גייסט.

אַ נ נ אַ (איבעררַאשט. די פֿאַרב קומט איהר אין פנים. מיט אימפעט). האָט איהר מיך ווירקליך אַביסעלע ליעב.

פֿ ר וי ו אָ ק ע ר אַ ט. איך האָב אייך זאָגאַר זעהר ליעב, פֿרייליין.

אַ נ נ אַ. אָבער ניט אַזוי ווי איך. ווי מיין אייגענע מוטער האָב איך אייך ליעב. (נעהמט דעם לייִדיגען קאָרב; האָט בדעה ווידער אַרויסצוגעהן אין גאָרטען.) הערר יאָהאַנעס האָט דאָך אַ צ ו גוט האַרץ, כמעט צו ווייך.

פֿ ר וי ו אָ ק ע ר אַ ט. ווי אַזוי דען?

אַ נ נ אַ. אַך איבערהויפט. — נעכטען, צום ביישפּיעל, האָ־בען מיר אויף דער גאַס אָנגעטראָפֿען אַ שכור. די קינדער זיינען גראָד אַרויסגעקומען פֿון שולע. און די דערוואַקסענע האָבען איהם אויך ניט צורוה געלאָזט. אַ גרויסער עולם מענשען האָט זיך פֿער־זאַמעלט ביים „שטאָדט-הויז"...

פֿ ר וי ו אָ ק ע ר אַ ט. יאָ, יאָ! אַזוי וואָס קען ער ניט ליי־דען, דאָס ברייננגט איהם אַרויס פֿון געדולד. ניט איינמאָל האָט

ער זיך שוין פֿערשאַפֿט אונאַנגענעהמליכקייטען צוליעב זיין אַריינ־מישען זיך אין אַזעלכע זאַכען.

אַ נ נ אַ. און איהר מיינט, אַז דאָס איז ניט שעהן פֿון איהם, מאַמאַ וואָקעראַט?

פֿ ר וי וואָ ק ע ר אַ ט. שעהן? — אַך... נו יאָ, פֿאַרוואָס דען ניט! ער איז דאָך אַ גוטער יונג. — אָבער אַז מען בערע־כענט זיך גוט: וואָס קומט דען אַרויס פֿון דעם אַלעמען?! וואָס נוצט דען די גאַנצע גוטסקייט?! און אַז ער זאָל זיין נאָך אַמאָל אַזוי גוט: דעם גאָט זיינעם האָט ער דאָך פֿערלאָרען... דאָס איז גאָר ניט קיין קלייניגקייט. דאָס קענט איהר ווירקליך גלויבען, פֿריילייין! פֿאַר אַ מוטער... פֿאַר עלטערן — וועלכע האָבען אָב־געגעבען דאָס בלוט פֿון זייער האַרצען, קען איך זאָגען, צו ערציהען דעם זוהן זייערן פֿאַר אַ פֿרומען קריסט. (זי שנייצט זיך אויס די נאָז, כדי צו פֿערבאָרגען איהר גערירהרטקייט.) דער שרעקליכער קאַטאַר! שוין עטליכע טעג... (בעשעפֿטיגט מיט אָבווישען דעם שטויב, נאָך אַ פויזע.) אַ גוטער יונג איז ער! דאָס איז אַלעס גוט און שעהן, אָבער דאָס פֿערשאַפֿט נאָך דאָפּעלטע שמערצען. און מען זעהט דאָך אויך, ווי גאָט'ס האַנד רעכענט זיך אָב דערפֿאַר: ס'איז ניטאָ קיין ברכה אין זיין אַרבייט. אימער און אייביג אונרוה און האַסטיגקייט. אַן אמת'ע יאַגד כסדר אָהן אויפֿהער. און ווען עס וואָלט כאָטש עפּעס אַרויסגעקומען דערפֿון. אָבער מען זעהט עס דאָך, ער שטעהט אויף איין אָרט. — און ווי איז דער יונג געווען פֿריהער: אַ קינד... אַן אמת וואונדער־קינד איז ער געווען. איך געדיינק נאָך, פּאַסטאָר שמידעל... אַלע זיינען געווען ערשטוינט איבער איהם. צו דרייצעהן יאָהר אַ שילער פֿון צווייטען קלאַס. צו זיבצעהן איז ער דורך די גימנאַזיע — און היינט? היינט האָבען זיי איהם כמעט אַלע אַרי־בערגעיאָגט. היינט זיינען אַ טהייל, וועלכע זיינען ניט געווען קיין העלפֿט אַזוי פֿעהיג ווי ער, שוין לאַנג בעאַמטע.

אַ נ נ אַ. דאָס איז דאָך אָבער אין גרונד גענומען גאַנץ נאַ־טירליך. — דאָס ווייזט דאָך גראָד, אַז הערר יאָהאַנעס וויל געהן

וויטער. די אויסגעטראָטענע וועגען, די זיינען ניט פאַר יערען. הערר יאָהאַנעס געהערט צו די, וואָס זוכען נייע וועגען.

פרוי וואָקעראַט. דערפאַר אָבער וועט דאָך איהם קיין מענש גאָרנישט געבען, פריילין אַננאַ! וואָס קומט אַרויס דערפון, וואָס ער מוטשעט זיך אַזוי? כ'זאָג אייך דעם ריינעם אמת, ס'וואָלט מיר שוין געווען הונדערט מאָל ליעבער, ווען ער איז אַן איינפאַכער פערמער — אָדער גערטנער — אָדער פון מיינעטוועגען אויך אַ בעאַמטער, אָדער וואָס עס זאָל ניט זיין — אַבי ער זאָל אַוועקוואַרפען אָט דאָס גאַנצע גריבלען און שוויבלען... נאַ, פריילין! לאָמיך אייך ניט פערקלאָגען דעם קאָפּ מיט מיינע טרויעריגע געדאַנקען. צייטענווייז קען איך זיך ניט העלפען; ס'ווערט אַזוי שלעכט, אַז מען מיינט, מען וועט עס גאָרנישט קענען אַריבערטראָגען. אָבער אַז מען האָט זיך אַזוי אָבגעערגערט אַ ווײַלע, דאַן זאָגט מען זיך גאַנץ איינפאַך: דער ליעבער גאָט וועט שוין אַלעס איינאָרדנען ווי ס'בעדאַרף צו זיין. — יאָ, יאָ! איהר שמייכעלט. איך בין נאָך גאָר אַן אַלט־מאָדישע פרוי. דעם לאָז איך ניט אָב. דעם דאָרט אויבען, מיין איך... פון דעם קען מיך קיין מאַכט אין דער וועלט ניט אָברייסען.

אַננאַ. דאָס וויל איך גאָר ניט. און געשמייכעלט האָב איך אויך ניט, מאַמאַ וואָקעראַט. אָבער זעהט איהר: אָט זייט איהר שוין אַליין צוריק מונטער און פרעהליך. קומט אַרויס אַ ווײַלע! ווילט איהר? ס'איז אַזוי פיין אויף דער וועראַנדאַ.

פרוי וואָקעראַט. ניין, ניין! כ'קען זיך נאָך מעהר פערקיהלען. אויסער דעם האָב איך נאָך צו טהאָן. געהט איהר — און ברייננגט מיט יאָהאַנעס'ן מיט זיך: דער אָנבייסען איז פאַרטיג. (אַננאַ אָב.)

(אין דער צייט, וואָס פרוי וואָקעראַט שטויבט אָב עטליכע מעבעלזאַכען, הערט מען אַ גערויש פון פויקען און פלייטען. פרוי וואָקעראַט לויפט צו צום פענסטער. דאָס גערויש פון די אינסטרומענטען לאָזט נאָך און ענדליך שטאַרבט עס גאָר אָב. קייטע אין אַ מאָרגען־קלייד, קומט אַרויס פון שלאָפצימער.)

קייטע (מאַט). ס'איז צו לעבעדיג דאָ אום זונטאָג.

פֿרוי וואָקעראַט. גימנאַסטיקער פֿון בערלין, קייטע! פֿיינע, שטאַרקע יונגען. אַ גוט מאָרגען דיר, קייטעלע. נו — ? ווי האָסט דו געשלאָפֿען קינד? גוט? זעהסט ניט איבעריג גוט אויס.

קייטע. דער קליינער חברה־מאַן האָט מיך צוויי מאָל אויפֿגעוועקט. דאָ בין איך נאָך געלעגען אַ צייט לאַנג, ביז איך בין ווידער איינגעשלאָפֿען. וואַרט אַקאָרשט, מוטער! איך מוז זיך דערמאָנען... כ׳מוז דיינקען.

פֿרוי וואָקעראַט. דו וואָלסט שוין כ׳לעבען געדאַרפֿט נאָכגעבען, קינדעל, און לאָזען די אַם אַליין שלאָפֿען מיט פֿיליפּ׳לען.

קייטע (מיט אַ מיענע פֿון מילדען פֿאָרוואורף). אַך מוטער, דו ווייסט דאָך.

פֿרוי וואָקעראַט. אָבער פֿאַרוואָס דען ניט?

קייטע. דו ווייסט דאָך, אַז איך וועל עס ניט טהאָן.

פֿרוי וואָקעראַט. דו וועסט דאָך דאָס ענדליך אַמאָל מוזען טהאָן, קייטעניו?

קייטע (געררייצט). איך וועל ניט דערלאָזען, מען זאָל אונז צושיידען. פֿיליפּ׳ל איז מיין קינד. אַזאַ קליין קינד אָהן אַ מוטער...

פֿרוי וואָקעראַט. אָבער קינדעלע, קינדעלע! זאָל גאָט אָבהיטען! ווער האָט דען אַזוי וואָס אין זינען! קום! כ׳וועל דיר וואָס אַריינטראָגען. — קאַפֿע. — זאָל איך דיר דערווייל אָנשמירען אַ רייפֿטעל ברויט מיט פּוטער — אָדער...

קייטע (זיצענדיג ביים טיש, פֿערמאַטערט). אַך יאָ, אויב דו ווילסט זיין אַזוי גוט! (נאָך אַ פּויזע, בעת וועו פֿרוי וואָקעראַט שמירט אָן דאָס ברויט מיט פּוטער.) וואו איז ערגעץ יאָהאַנעס?

פֿרוי וואָקעראַט. זיי נעהמען אַראָב די וויינטרויבען; ער און דאָס פֿריילין.

קייטע (מיט דער מאָרדע אָנגעשפּאַרט אויף דער האַנד, אויסגעצויגען). זי איז זעהר ליעב, ניט?

פֿרוי וואָקעראַט. איך מוז צוגעבען, כ׳האָב זי אויך גאַנץ גערן.

קייטע. נו זאָג אַליין, מוטער׳ל: דו ביסט אימער געווען פייער און פלאַם איוף די עמאַנציפּירטע, אויף די נייע פרויען.

פרוי וואָקעראַט. וואָס רעכט איז רעכט! איך מוז ווירקליך זאָגען...

קייטע (פערטראַכט). אַזוי איינפאַך און אַזוי ווייבליך. קיין שפּור פון אויפדרינגליכקייט. — ניט קוקענדיג דערויף וואָס זי ווייסט אַזויפיעל און איז אַזוי קלוג. דאָס איז פיין פון איהר. ניט אמת, מוטער׳ל? זי וויל זיך גאָר ניט אַרויסצייגען מיט איהר געלערענטקייט... און וואָס אָנבעלאַנגט יאָהאַנעס׳ן, בין איך איצט גאַנץ צופריעדען. — מיינסט דו ניט, מוטער: ער איז אימער אַזוי מונטער איצט.

פרוי וואָקעראַט (איבערראַשט). יאָ, יאָ! דו ביסט גערעכט. ער איז איצט צייטענווייז ווירקליך זעהר פרעהליך.

קייטע. ניט וואַהר, מאַמעניו?

פרוי וואָקעראַט. ווייל ער האָט אַצונד אימיצען, זעהסט דו, פאַר וועמען ער קען זיך פונאַנדערלייגען מיט זיינע געלערענטע זאַכען.

קייטע. דאָס איז זעהר נייטיג פאַר איהם.

פרוי וואָקעראַט. דאָס קען שוין זיין, יאָ, יאָ!

(פויזע.)

קייטע. אין פיעל פונקטען בין איך איינשטימיג מיט פריילין אַננאַ. זי האָט מיט עטליכע טעג צוריק געזאָגט: מיר פרויען לעבען אין אַ צושטאַנד פון ערנידעריגונג. זי איז גאַנץ גערעכט. דאָס פיהל איך הונדערט מאָל.

פרוי וואָקעראַט. אַך, דאָס הויבט מיך ניט אָן צו קימערן. ווייסט דו — איבערהויפּט — מיט אַזעלכע זאַכען וועט זי ניט קומען צו מיר, אַלטע, ערפאַהרענע פרוי. דאָס ווייסט זי גאַנץ גוט. דערצו בין איך צו אַלט און האָב צופיעל ערפאַהרונגען געהאַט אין מיין לעבען.

קייטע. אָבער זי איז דאָך גערעכט, מוטער. ס׳איז דאָך קלאָהר ווי דער טאָג, אַז זי איז גערעכט. — מיר זיינען ווירקליך

אַ פֿעראַכטעטעס געשלעכט. — אָט נעהם צום ביישפּיעל דאָס: אין אונזערע געזעצען איז פֿאַרהאַן אַ פּאַראַגראַף — דאָס האָט זי נעכטען דערצעהלט — לויט וועלכען דער מאַן האָט נאָך היינט דאָס רעכט אויף אַ געוויסען אופֿן אויסצואיבען אַ קערפּערליכע שטראָף איבער זיין פֿרוי.

פֿרוי וואָקעראַט. דאָס ווייס איך ניט. וועגען דעם וויל איך גאָרנישט זאָגען. וואַהרשיינליך איז דאָס ניט אַזוי שלעכט, ווי מען זאָגט. אָבער אויב דו ווילסט מיר טהאָן אַ טובה, קייטעניו, גיב זיך ניט אָב מיט די נייע געשיכטען. דאָס פֿערדרעהט נור דעם מענשען דעם קאָפּ. דאָס רויבט אַוועק די רוהה און דעם פֿריעדען, ווייטער גאָרנישט. וואַרט, קינדעלע, כ'ברייננ דיר גלייך דעם קאַפֿע. — דאָס איז מיין מיינונג, קייטעלע. (אָב.)

(קייטע זיצט מיט די עלענבויגענס אויף'ן טיש, די מאָרדע אין דער האַנד. פּלוצלינג געהען יאָהאַנעס און פֿריילין אַננאַ פֿערביי דורך'ן פֿענסטער; זיי ריידען הויך אין לאַכען. קייטע דערשרעקט זיך, טהוט אַ ציטער און הויבט זיך אויף, כדי צו קענען נאָכקוקען דאָס פּאָר'ל. איהר בליק איז פֿול מיט אַנגסט, זי אָטהעמט שווער. מען הערט, ווי פֿרוי וואָקעראַט קומט אָן מיט דעם קאַפֿע. גלייך נאָכדעם קומט זי אַריין און געפֿינט קייטע'ן נאָך אין דער-זעלבער פּאָזע ביים טיש, ווי זי האָט איהר איבערגעלאָזט.)

פֿרוי וואָקעראַט (גיסט אָן קאַפֿע). נאַ. — דאָ האָסט דו. — טרינק און שטאַרק זיך!

(פֿריילין אַננאַ און יאָהאַנעס קומען אַריין פֿון דער וועראַנדאַ.)

פֿרוי וואָקעראַט. גוט, וואָס איהר קומט.

יאָהאַנעס (לאָזט אָפֿען די טהיר). מיר וועלען לאָזען אָפֿען. די זונן וואַרעמט שוין היבשלאַך. — וואָס זשע, איהר האָט זיך שטאַרק וועה געטהאָן, פֿריילין?

אַננאַ (אַריינשלעפּענדיג הינטער זיך עטליכע לאַנגע ווייןֿ-צווייגען). אַך, ניין, גאָרנישט! די בוימער-גראַטע איז געוועזען אַזוי נאַס, האָב איך זיך אויסגעגליטשט מיט דער שער. (לויפֿט צו צו קייטע'ן, כאַפּט איהר אָן פֿאַר ביידע הענד און גיט איהר אַ קוש אין שטערן.) גוט מאָרגען, פֿרוי קייטע! — הו, קאַלטע הענד... וואָס פֿאַר קאַלטע הענד איהר האָט דאָס! (זי רייבט איהר די הענד, זיי אָנצוואַרעמען.)

יאָהאַנעס (גיט קייטען הינטערוויילאַכס אַ קוש אין באַק). גוט מאָרגען, קייטע! — (מיט קאָמישער ערשטוינונג.) אַך, גאָט מיינער! ווי דו זעהסט שוין ווידער אויס! שרעקליך! פונקט ווי אַ קראַנק היהנדעלע.

פֿרוי וואָקעראַט. אָבער דאָס בריינגט איהר דאָס אַריין קעלט מיט זיך! כ'מיין, מען מעג שוין באַלד אָנהויבען היי־צען. — נאַ, זעצט זיך שוין צום טיש.

(זי גיסט אָן קאַפֿע פֿאַר אַלעמען.)

אַננאַ (לייגט אויס איהרע וויין-צווייגען אויף'ן טיש). אַביסעלע דעקאָרירען.

קייטע. וואונדער־שעהן!

יאָהאַנעס (זעצט זיך). נו, זאָגט איהר אַליין: ווי זעהט פֿרייליין אַננאַ אויס היינט, און ווי האָט זי אויסגעזעהן פֿאַר אַבטאָ־גען — ווען זי איז אָנגעקומען?

אַננאַ. ס'געהט מיר צו גוט דאָ. כ'וועל מוזען אָבפֿאָהרען.

פֿרוי וואָקעראַט. מען מערקט די ווירקונג פֿון דער לאַנד־לופֿט.

יאָהאַנעס. — און ווער האָט דעמאָלט ניט געוואָלט און ניט געוואָלט — ?

פֿרוי וואָקעראַט. אַ וואונדער, וואָס פֿאַפּא טהוט איצט?

יאָהאַנעס. ער מוז אַוודאי בייַנקען נאָך דיר און צעהלען די טעג, דו זאָלסט שוין קומען.

פֿרוי וואָקעראַט. נאַ, ער האָט גענוג וואָס צו טהאָן. די ווינטערדיגע ווייץ איז שוין אמת פֿערזעעט — נאָר ער האָט דאָך געשריבען, אַז איך קען דאָ בלייבען, אַזוי לאַנג ווי איך וועל נייטיג זיין.

יאָהאַנעס. ער וועט דאָך געוויס קומען נאָך דיר, מוטער'ל?

פֿרוי וואָקעראַט. יאָ, אַז איך וועל איהם שרייבען, וועט ער קומען. (צו פֿרייליין אַננאַ.) ער לאָזט דאָך ניט דורך קיין געלע־גענהייט, זיך צו זעהן מיט די קינדער. און אַצונד איז נאָך דאָ

דאָס אייניקעל! נאַ, ווען ס'איז דאָן אָנגעקומען אייער טעלעגראַם: געזונדער יונג, נאַ, אָט דער מאַן! — — — איהר האָט איהם דאָן בעדאַרפט זעהן, ווי אויסער זיך ער איז געווען פאַר פרייד.

קייטע. דער גוטער פאַפאַ! דו מוזט ווירקליך באַלד צו־ריקפאָהרען צו איהם. דאָס וואָלט געווען צו עגאָאיסטיש פון אונז...

פרוי וואָקעראַט. נו, נו! אַפריהער קריג אַקאָרשט אַנ־דערע באַקען!

אַננאַ. איך בין דאָך עפּעס אויך דאָ אויף דער וועלט. וואָס מיינט איהר! כ'קען אויך פיהרען אַ הויז, און אַ שפּאַס וואָס איך וואָלט אייך אַלעס געקענט קאָכען! רוסיש! באָרשטש אָדער פילאַוו.

(אַלע לאַכען.)

פרוי וואָקערט (ניט ווילענדיג האַסטיג). ניין, ניין! כ'פאָהר נאָך ניט. אויף קיין פאַל ניט.

קייטע. נו, ווען עס מאַכט דיר ווירקליך גאָרנישט אויס, מוטער'ל...

(פויזע.)

יאָהאַנעס. גיב אַקאָרשט אַהער דעם האָניג, קייטע'ל.

קייטע. אַך, אָט קומט בראַון!

(בראַון, מיט אַן אויבער־ראָק, הוט, שירם, רייזע־טאַש, בוך אונטער'ן אָרם. ער מאַכט אַ געלאַנגווײלטען איינדרוק. מיעדער און נאַכלעסיגער גאַנג.)

בראַון. מאָרגען!

יאָהאַנעס. פון וואַנען טראָגט דיך דער גוטער יאָהר אָן שוין אַזוי פריה?

(פרוי וואָקעראַט טהוט אַ קלאַפּ מיט איהר סערוויעטקע אָן וואָס עס איז.)

יאָהאַנעס. ס'איז אַ ביהן, מוטער! ניט שלאָגען, ניט שלאָגען!

בראַון. כ'האָב געוואָלט אַריבערפאָהרען קיין בערלין, ברייג־גען פאַרבען פון מיין בודקע. נאָר ליידער האָב איך פערזאַמט דעם צוג.

יאָהאַנעס. דו! דאָס פּאַסירט דיר ניט דעם ערשטען מאָל.

בראַון. נאַ, מאָרגען איז דאָך אויך אַ טאָג!

קייטע (הויבט אויף די הענד, אַזוי ווי די ביהן וואָלט אַרומגע-זומט אַרום איהר טעלער). זי שפּירט דעם האָניג.

אַננאַ. וואָס זשע, ס׳געהען שוין גאָר מעהר קיין צוגען ניט היינט? (קוקט אַראָב אויף איהר בוזים, סטראַשענדיג:) ביהנעלע, ביהנעלע!

בראַון. די זיינען פּאַר מיר צו טייער. איך פאָהר נור מיט׳ן אַרבייטער־צוג.

יאָהאַנעס. און די געהען נור גאַנץ פריה. — אָבער הער אוים! מאָלען קענסט דו נאָך?

בראַון. אָהן פאַרבען? ניין.

יאָהאַנעס. בראַוואָ, בראַוואָ! דו ווערסט אַ פּוסט־און־פּאַסניק.

בראַון. אַ נפקא־מינה דאָס איז! אַ טאָג פריהער אָדער אַ טאָג שפּעטער בעריהמט — אַך, איבערהויפּט די גאַנצע מאַלעריי...

יאָהאַנעס. ליעבערשט שאַך שפּיעלען, ווי?

בראַון. ווען דו וואָלסט נור געהאַט אַ שטיקעל געשמאַק דערפאַר. אָבער דיין ים האָט ניט קיין האַפענס, מיין זוהן. ניטאָ קיין רוה, קיין פּויזע אין דיין לעבען.

יאָהאַנעס. אַך, ס׳איז ניט מעגליך! —

פרוי וואָקעראַט (שפּרינגט אויף, שרייט): אַ וועספּע, אַ וועספּע!

(אַלע קלאַפּען מיט זייערע סערוויעטען אויף דער פליעג.)

יאָהאַנעס. שוין אַרויס.

פרוי וואָקעראַט (זעצט זיך צוריק אַנידער). אונפערשעהמטע טהיערע!

(אַלע זעצען זיך צוריק אויף זייערע פּלעצער.)

יאָהאַנעס (צו בראַון). נאַ, קום זעץ זיך! — וואָס האָסט דו דאָרט?

בראַון. וואָס זשע, ווילסט עס שטאַרק וויסען? אַן אינטע־רעסאַנטע זאַך.

יאָהאַנעס. נאַ, קום, עסס עפעס אָנבייסען.

בראַון (זעצט זיך אַנידער ביים טיש און גיט דאָס בוך יאָהאַנעס׳ן, וועלכער בלעטערט דעריין). יאָ, עפעס אָנבייסען עסס איך זעהר גערן. כ׳האָב נור צייט געהאַט עפעס איבערצוכאַפּען... זוך אַקאָרשט: „די קינסטלער" — פון גאַרשין —

יאָהאַנעס (בלעטערענדיג). וואָס האָסט דו שוין דאָ ווידער אויסגעפונען?

בראַון. עפעס פאַר דיר, האַנז.

אַננאַ. יאָ, דאָס איז אַ זעהר גוטע ערצעהלונג. איהר האָט זי נאָך ניט געהאַט געלייענט?

בראַון. ניין. ערשט היינט אין דערפריה, אין בעט ליגענדיג, האָב איך זי גענומען לייענען. דערפאַר טאַקע האָב איך פערזאַמט דעם צוג.

אַננאַ. נו, זייט איהר פאַר ריעבינין אָדער פאַר דיעדאָוו׳ן?

יאָהאַנעס. יעדענפאַלס ביזט דו איצט מעהר פאַר לייענען איידער פאַר מאָלען.

בראַון. פאַר דעם מאָמענט זאָג בעסער ניט פאַר׳ן לייענען און ניט פאַר׳ן מאָלען. לייען אַקאָרשט דורך גאַרשין׳ס געשיכטע און נעהם עס דיר אַביסעל צום האַרצען. פאַרהאַן זאַכען צו טהאָן, וואָס זיינען פיללייכט וויכטיגער איצט ווי אַלע מאַלערייען און שרייבערייען פון דער וועלט.

אַננאַ. איהר זייט אַלזאָ פאַר ריעבינין?

בראַון. פאַר ריעבינין? — אָ—אָה! — דאָס קען איך יעדענפאַלס ניט זאָגען — אַזוי בעשטימט.

יאָהאַנעס. וואָס איז דאָס אייגענטליך פאַר אַ געשיכטע: „די קינסטלער"?

אַננאַ. צוויי קינסטלער ווערן געשילדערט: אַ נאַאיווער און אַ זאָגענאַנטער דיינקענדער קינסטלער. דער נאַאיווער איז געוועזען אַן אינזשעניר און ווערט אַ מאַלער. דער דיינקענדער וואַרפט אַוועק די מאַלעריי און ווערט אַ לעהרער אין אַ שולע.

יאָהאַנעס. פאַרוואָס?

אַננאַ. ווייל אין דעם מאָמענט ווייזט זיך איהם אויס, אַז עס איז וויכטיגער צו זיין אַ לעהרער.

יאָהאַנעס. ווי אַזוי קומט ער דען צו דעם בעשלוס?

אַננאַ (האָט גענומען דאָס בוך, בלעטערט). וואַרט אַ ווײלע!— דאָס איינפאַכסטע, וואָס איך קען טהאָן, איז אייך פאָרלעזען די שטעלע, וואו עס רעדט זיך וועגען דעם. — אָט איז דאָס! (זי האַלט דעם פינגער אויף דער געפונענער שטעלע און ווענדעט זיך צו אַלעמען, ערקלעהרענדיג:) דיעדראָוו, דער געוועזענער אינזשעניר, האָט מיטגענומען ריעבינין'ן אין אַ פאַבריק פון דאַמפף־קעסלען. די, וועלכע טהוען די אַרבייט אינעווייניג אין קעסעל, ווערן נאָך אַ געוויסער צייט כמעט אַלע טויב פון דעם מורא'דיגען גערויש, וואָס די האַמערס מאַכען. מחמת דעם ווערן זיי פון די אַנדערע אַרבייטער אין רוסלאַנד אָנגערופען די טויבע. אַזאַ „טויבען" ווייזט איהם דיעדראָוו ביי דער אַרבייט. (זי לייענט.) „דאָ זיצט ער פאַר מיר אין דעם דונקעלען ווינקעל פון'ם קעסעל, צונויפגעדרעהט ווי אַ קנויל, איינגעוויקעלט אין טראַנטעס, כמעט איבערוועלטיגט פון מיעדקייט... זיין געזיכט בלוטיג רויט... דער שווייס גיסט זיך פון איהם... זיין ברייטע, איינגעפאַלענע ברוסט הויבט זיך מיט שמערץ אַרויף און אַראָב..."

פרוי וואָקעראַט. אָבער פאַרוואָס שילדערט מען איבער־הויפט אַזעלכע שרעקליכע זאַכען? דאָס קען דאָך קיינעם ניט פערשאַפען קיין פערגניגען.

יאָהאַנעס (לאַכט, גלעט זיין מוטער מיט ליעבע איבער'ן שווי־טעל). מוטער'ל, מוטער'ל! מוז מען דען אימער לאַכען?

פרוי וואָקעראַט. דאָס זאָג איך ניט. אָבער כ'לעבען, מען מעג דאָך ערוואַרטען צו האָבען פערגניגען פון דער קונסט.

יאָהאַנעס. מען קען פיעל מעהר האָבען פון דער קונסט, איידער פערגניגען.

אַננאַ. ריעבינין האָט אויך ניט קיין פערגניגען. ער איז פערביטערט, אין דער טיעפסטער טיעפעניש פון זיין נשמה איז ער גערירט און צוטרייסעלט.

יאָהאַנעס. אָט נעהם צום ביישפּיעל די ערד, מוטער! זי מוז אויך אויפגעריהרט און פונאַנדערגעגראָבען ווערן — אַלע יאָהר, מיט'ן אַקער, אויב מען וויל, אַז וואָס נייעס זאָל אויף איהר וואַקסען.

אַננאַ. אין ריעבינין וואַקסט אויך אוים עטוואָס נייעס. ער זאָגט זיך: אַזוי לאַנג ווי עס עקזיסטירט נאָך אַזאַ עלענד און נויטה, איז אַ פערברעכען צו טהאָן עפּעס אַנדערש, וואָס האָט ניט דעם דירעקטען ציעל צו לינדערן די דאָזיגע נויטה.

פרוי וואָקעראַט. עלענד און נויטה זיינען אימער געוועזן אויף דער וועלט.

יאָהאַנעס. אָבער די אידעע צו ווערן אַ לעהרער, איז דאָך אָבער דאָ וויניג וואָס אַם פּלאַץ.

בראַון. פאַרוואָס עפּעס? איז דאָס אפשר ניט קיין ניצליכערע זאַך ווי מאָלען בילדער און שרייבען ביכער?!

יאָהאַנעס. ווי הויך דו שאַצסט אָב דיין אַרבייט, מוזט דו דאָך אַליין וויסען. איך פאַר מיין טהייל האָב גאָר ניט אַזאַ קליינע מיינונג וועגען מיין טהעטיגקייט.

בראַון. דו ווילסט עס ניט צוגעבען, און איך גיב עס צו; דאָס איז אַלעס.

יאָהאַנעס. וואָס פאָרט? וואָס וויל איך ניט צוגעבען?

בראַון. נו, אָט טאַקע דאָס.

יאָהאַנעס. וואָס?

בראַון. אַז די גאַנצע שרייבעריי דיינע איז פּונקט אַזוי נוצלאָז ווי...

יאָהאַנעס. וואָסער שרייבעריי?

בראַון. נאַ, דיין פּסיכאָ־פיזיאָלאָגישע דאָ.

יאָהאַנעס (גראָב). די הויבסט דו דאָך גאָר ניט אָן צו פערשטעהן.

בראַון. בין איך אויך ניט בדלות!

יאָהאַנעס. נאַ, הער אוים! דאַן ביסט דו דאָך איינפאַך אַ

קלעגליכער, אונוויסענדער קערל, דאַן שטעהסט דו אויף אַ ביל־דונגס־שטופּע...

בראַון. יאָ, יאָ, בעריהם זיך מיט דיין שול־בילדונג.

יאָהאַנעס. אויף מיין שול־בילדונג שפּיי איך; דאָס ווייסט דו גאַנץ גוט. אָבער עס פערשטעהט זיך דאָך פון זיך אַליין...

בראַון. דאָס זאָגסט דו הונדערט מאָל, און דאָך קוקט דיר דער בילדונגס־שטאָלץ אַרויס דורך אַלע שפּאַלטען. אַך, לאָמיר בעסער אויפהערען ריידען דערפון! דאָס זיינען האַרבע זאַכען, וואָס יעדער איינער מוז מיט זיך אַליין אויסמאַכען.

יאָהאַנעס. וואָס הייסט האַרבע זאַכען?

בראַון. ס'האָט דאָך קיין זינן ניט מיט דיר צו דיסקוטירען. דו ווערסט גלייך אין כעס. באַלד ועסט דו ווידער אַרויס פון די כלים און...

יאָהאַנעס. רייד אַרויס, ליעבער זוהן! זאָג, וואָס מיינסט דו דערמיט!

בראַון. אַך אונזינן! ס'האָט דאָך ווירקליך ניט קיין צוועקי זאָל יעדער איינער האַנדלען ווי ער פערשטעהט!

יאָהאַנעס. וואָס זשע, האַנדעל איך עס אַזוי שלעכט? זאָג אַקאָרשט!

בראַון. ניט ערגער ווי אַלע אַנדערע. דו ביסט אַ קאָמ־פּראָמיסלער.

יאָהאַנעס. ענטשולדיג, ווען איך וועל דיר דערויף ניט גע־בען קיין ענטפער. — די זאַך איז מיר איינפאַך איבערדריסיג — — — (פּלאַצט אַרויס מיט אויפרעגונג.) אָט אַזוי שטעהט עס מיט אייך! איהר, פריינדע, האָט כסדר געדראָשען ראַדיקאַלע פראַזען, און איך האָב אייך איינמאָל פאַר אַלע מאָל געזאָגט, אַז איך וויל עס ניט מיטמאַכען: דערפאַר בין איך אַ קאָמפּראָמיסלער.

בראַון. אַזוי דריקסט דו עס אויס, אָבער די זאַך איז די: ווען מיר אַנדערע האָבען ניט געקוקט אויף קיינע קאָנזעקווענצען און געטראָגען פאָרווערטס אונזערע געדאַנקען, האָסט דו זיך כסדר אָנגענומען פאַר דאָס אַלטע אוז איבערגעלעבטע. און דערפאַר

האָסט דו פֿערטריבען דיינע פֿריינד פֿון דיר און ביסט געבליבען אַליין.

קייטע (בערוהיגענדיג). יאָהאַנעס!

יאָהאַנעס. די פֿריינד, וואָס איך האָב געקענט פֿערטרייבען פֿון מיר... אויף די פֿריינד, דעם ריינעם אמת געזאָגט!... אויף די פֿייף איך.

בראַון (הויבט זיך אויף). דו פֿייפֿסט אויף זיי? (מיט א בליק אויף אַננאַ'ן.) זינט ווען איז דאָס, האַנז?

קייטע (נאָך א פויזע). וואָס זשע, איהר געהט שוין, הערר בראַון?

בראַון (בעליידיגט, מיט א גלייכגילטיגען טאָן). יאָ. איך האָב נאָך וואָס צו טהאָן.

יאָהאַנעס (גוטמוטהיג). מאַך ניט קיין דומהייטען!

בראַון. ניין, ווירקליך.

יאָהאַנעס. נאַ, דאַן — טהו וואָס דו האָסט צו טהאָן.

בראַון. אַדיע! (אָב.)

(פויזע.)

פֿרוי וואָקעראַט (הויבט אָן צוזאַמענשטעלען דאָס געשיר). כ'ווייס ניט! איהר זייט אימער אַזוי בעגייסטערט פֿאַר דעם בראַון. איך מוז זאָגען אָפֿען און עהרליך: כ'בין ווינציג וואָס ענטציקט פֿון איהם.

יאָהאַנעס (געררייצט). מוטער! טהו מיר די איינציגע טובה...!

קייטע. אָבער בראַון איז ווירקליך גאָר ניט פֿיין צו דיר, האַנעס!

יאָהאַנעס. קינדער! מישט זיך ניט, כ'בעט אייך, אין מיינע פריוואַט-אַנגעלעגענהייטען.

(ווידער א פויזע. פֿרוי וואָקעראַט נעהמט צו פֿון טיש. קייטע הויבט זיך אויף.)

יאָהאַנעס (צו קייטע'ן). וואוהין געהסט דו?

קייטע. באָדען דאָס קינד. (זי שאָקעלט דעם קאָפּ מיט אַ געצוואונגענעם שמייכעל צו פרייליין אַננאַ, דאַן אָב אין שלאָפצימער.)

(פרוי וואָקעראַט, טראָגענדיג אַ טהייל פון'ם געשיר אויף אַ טאַץ, וויל אַרויסגעהן. אין דער רגע עפענט זיך די קאָרידאָר-טהיר אויף אַביסעל, עס בעווייזט זיך אַ מארק-פרוי, וועלכע רופט אַריין: „די גרין-פרוי!“)

פרוי וואָקעראַט (ענטפערט). איך קום שוין. (אָב דורך דער קאָרידאָר-טהיר.)

(פויזע.)

אַננאַ (הויבט זיך אויף, שטעלט אָן איהר זייגער). ווי שפּעט קען איצט זיין — געננו? (ווענדעט זיך צו יאָהאַנעס'ן, וועלכער זיצט פערטראַכט און אומעטיג.) נו, הערר דאָקטאָר! — (זי זינגט די מעלאָדיע פון „ברידערליין פיין“ און קוקט דערביי מיט אַ רשעות'דיגען בליק אויף יאָהענעס'ן, ביידע פּלאַצען אַרויס מיט אַ געלעכטער.)

יאָהאַנעס (ווידער ערנסט, זיפצט). אַך פרייליין אַננאַ! ס'איז ליידער אַ ביטערער ערנסט.

אַננאַ (מאַכט מיט'ן פינגער סטראַשענדיג צו איהם). אָבער זעהט, איהר זאָלט ניט לאַכען!

יאָהאַנעס (לאַכט ווידער, דאַן ערנסט). ניין, ווירקליך. איהר ווייסט גאָר ניט, וואָס עס שטעקט דאָ הינטער אַזאַ רעדע פון בראַון.

אַננאַ. האָט איהר שוין געהערט, ווי איך שפּיעל קלאַוויר?

יאָהאַנעס. ניין, פרייליין! — אָבער איך מיין, איהר שפּיעלט דאָך גאָר איבערהויפּט ניט.

אַננאַ. ניין, ניין! כ'שפּאַס דאָך נור. — אַלזאָ מיר רודערן אַרויס היינט!?

יאָהאַנעס. עפּעס האָב איך איצט קיין לוסט ניט צו קיין זאַך.

אַננאַ (מיט אַ פריינדליך-סטראַשענדען טאָן). הערר דאָקטאָר! הערר דאָקטאָר! אַזוי שלעכט אויפגעלייגט צוליעב אַזאַ קלייניגקייט!

יאָהאַנעס. כ'קען גאָר ניט פערשטעהן, ווי אַזוי אַ מענש ווי בראַון...

אַ נ נ אַ. אַלזאָ נאָך אַלץ בראַון! וואָס זשע, אַזאַ טיעפען איינדרוק האָבען זיינע רייד געמאַכט אויף אייך?

י אָ ה אַ נ ע ס. פריילײן! דאָס זיינען אַלטע געשיכטען, וועלכע ווערן דורך דעם ווידער פונאַנדערגעראָיעט און...

אַ נ נ א. די מוז מען לאָזען ליגען אין רוה, העררר דאָקטאָר — די אַלטע געשיכטען. אַזוי לאַנג מען קוקט ריקווערטס, קומט מען ניט פאָרווערטס.

י אָ ה אַ נ ע ס. איהר זייט ווירקליך גערעכט. אַלזאָ, לאָמיר עס טאַקע לאָזען צורוה. — ס'איז איבעריגענס אינטערעסאַנט, ווי אַזוי קלוגע מענשען, דוכט זיך, און זיי האַלטען זיך יאָהרען נאָכאַנאַנד ביי איין און דעם זעלבען טעות. דאָס איז זיין פולער ערנסט; וואָס ער זאָגט, דאָס מיינט ער. ער האַלט טאַקע מיין פילאָזאָפישע אַרבייט פאַר אַן אַרויסגעוואָרפענע זאַך. קענט איהר זיך דאָס פאָרשטעלען?

אַ נ נ אַ. פאַרהאַן אַזעלכע מענשען.

י אָ ה אַ נ ע ס. קיין זאַך איז ניט גוט פאַר זיי, נור עפענטליכע טהעטיגקייט, ליאַרם און הויכע ראַדיקאַלע פראַזען. מען זאָל ניט חתונה האָבען אין דער קירכע, אפילו ניט מחמת איינזעהעניש מיט דער כלה, וועלכע איז רעליגיעז ערצויגען געוואָרען. מען זאָל איבערהויפּט ניט האָבען קיין שום איינזעהעניש, און אַז מען לעבט גאָר, ווי איך, איינגעשלאָסען אין די אייגענע פיער ווענד, זיך אָבגעבענדיג מיט אַ וויסענשאַפטליכער אויפגאַבע, דאַן איז מען ביי די פריינד אין די אויגען אַ מענש, וואָס האָט פערראַטהען זיינע אידעאַלען. איז דאָס ניט אַ מאָדנע ערשיינונג, פריילײן?

אַ נ נ אַ. אַך, העררר דאָקטאָר, לייגט ניט אַזויפיעל געוויכט אויף דאָס, וואָס אייערע פריינד זאָגען. אויב אייערע אַנשויאונגען קענען אייך אַליין בעפריעדיגען, — טאָ זאָל עס אייך ניט אַרען, וואָס די אַנדערע ווערן ניט בעפרידיגט דערפון. אָט ד י שטרייטיגקייטען נעהמען ביי דעם מענשען צו די בעסטע כוחות זיינע.

י אָ ה אַ נ ע ס. אַך ניין, ניין! געוויס ניט. איך וועל זיך געוויס ניט לאָזען מעהר שטערען פון קיינעם. ווען עס געפעלט ניט,

דעם קען איך איינפֿאַך ניט העלפֿען! אָבער ניט אימער איז מען געווען אַזוי גלייכגילטיג. מען איז אויפֿגעוואַקסען מיט די פֿריינד, מען האָט זיך צוגעוואוינט דערצו, זיי זאָלען האָבען פֿון אייך אַ גוטע מיינונג, מען זאָל פֿון זיי פֿיעל וויניג געשעצט ווערן. — און אַז מען דערשפּירט מיט אַמאָל, אַז אָט די שעצונג איז מעהר ניטאָ, פֿיהלט מען זיך, עפּעס אַזוי ווי מען וואָלט פּלוצלינג גע־דאַרפֿט אָטהעמען אין אַ פּוסטען רוים, אָהן לופֿט.

אַ נ נ אַ. איהר האָט דאָך די פֿאַמיליע, הערר דאָקטאָר.

יאָהאַנעס. געוויס. נו יאָ. דאָס הייסט... ניין, פֿריילין אַננאַ! — איהר וועט דאָך מיך ריכטיג פֿערשטעהן. כ'האָב נאָך ביז אַהער מיט קיינעם קיין וואָרט ניט אויסגערעדט וועגען דעם. איהר ווייסט דאָך, ווי שטאַרק צוגעבונדען איך בין צו מיין פֿאַמיליע. אָבער, וואָס אָנבעלאַנגט מיין אַרבייט, קען מיר מיין פֿאַמיליע ווירקליך גאָרנישט, אָבער טאַקע גאָרנישט העלפֿען. קייטע האָט נאָך וויי־ניגסטענס דעם גוטען ווילען דערצו. — ס'איז ווירקליך ריהרענד! זי האָט נור גוטעס צו זאָגען וועגען מיין אַרבייט. אַלעס איז ביי איהר אַזוי וואונדער-שעהן. אָבער איך ווייס דאָך, אַז זי קען ניט האָבען קיין אורטהייל איבער דעם; און דאָס קען דאָך מיר וויניג וואָס נוצען. אָט דערפֿאַר טאַקע געפֿין איך זיך דאָך איינפֿאַך אין זיבעטען הימעל, זינט איהר זייט דאָ, פֿריילין אַננאַ. דאָס טרעפֿט דאָך מיר צום ערשטען מאָל אין לעבען, אַז אימיצער זאָל האָבען אַ ריכטיגען אינטערעס אין מיין אַרבייט, אין דעם, וואָס איך בין אימשטאַנד אויפֿצוטהאָן. דאָס פֿרישט דאָך מיך גאָר אָב. דאָס איז דאָך ווי דער רעגען אויף אַ טרוקען פֿעלד. דאָס...

אַ נ נ אַ. כ'לעבען, איהר זייט דאָך גאָר פּאָעטיש, הערר דאָקטאָר!

יאָהאַנעס. ס'איז ווירקליך צום פּאָעטיש ווערן. אָבער איהר האָט אַ גרויסען טעות. מיין מוטער קען איינפֿאַך ניט אָנקוקען דאָס אָרעמע מאַנוסקריפּט. זי וואָלט זיך מחיה געווען, ווען זי קען עס אַריינוואַרפֿען אין אויווען. מיט מיין גוטען פֿאָטער איז אויך דאָסזעלבע. אַלזאָ פֿון דאָ האָב איך גאָרנישט צו ערוואַרטען. פֿו

מיין פֿאַמיליע קען איך ערוואַרטען בלויז שטערונגען — וואָס איז שייך צו מיין אַרבייט. — דעם אמת זאָגענדיג, וואונדערט עס מיך גאָרנישט. אָבער אַז אויך די פֿריינד, וואָס מען האָט, זאָלען אייך ניט אַרויסווייזען קיין ברעקעלע אַכטונג פֿאַר מיין לייסטונג — אַז אַ מאַן ווי בראַון...

אַ נ נ אַ. עס וואונדערט מיך, וואָס גראָד בראַון פֿערשאַפֿט אייך אַזאַ פֿערדרוס.

יאָ ה אַ נ ע ס. יאָ, בראַון... דאָס איז... מיר קענען זיך פֿון יונגווייז אויף.

אַ נ נ אַ. דאָס הייסט: איהר קענט א י ה ם פֿון יונגווייז אויף.

יאָ ה אַ נ ע ס. יאָ, און ער מיך —

אַ נ נ אַ. ער, אייך? ווירקליך?

יאָ ה אַ נ ע ס. נו יאָ — דאָס הייסט, ביז צו אַ געוויסען גראַד.

אַ נ נ אַ. מיר דוכט, איהר זייט אַזוי גרונד־פֿערשיעדען איינער פֿון אַנדערן.

יאָ ה אַ נ ע ס. אַך, מיינט איהר ווירקליך אַזוי?

אַ נ נ אַ (נאָך אַ פּויזע). הערר בראַון איז דאָך נאָך אַזוי רויה, אַזוי אונענטוויקעלט אין יעדער הינזיכט — אַזוי אַז... איך וויל ניט זאָגען, אַז ער איז אייך מקנא, אָבער עס פֿערדריסט איהם... אייער האַלטען זיך פֿעסט ביי אייער אייגענעם וועג איז איהם אונבעקוועמליך. פֿילייכט וואַרפֿט עס אויך אָן אויף איהם אַ געוויסען שרעק — — ער האָט געקראָגען עטוואָס פֿאַרטיגעס, צוגעשניטענעס: געוויסע סאָציאַל־עטהישע אידעען, אָדער ווי מען זאָל זיי דאָרט ניט אָנרופֿען; און אָן דעם האַלט ער זיך פֿעסט, ווייל ער קען אַליין ניט געהן. ער איז ניט קיין שטאַרקע אינדיווידואַליטעט אַלס מענש, ווי זעהר פֿיעל קינסטלער. ער געטרויט זיך ניט צו שטעהן איינער אַליין. ער מוז פֿיהלען, אַז ער האָט מאַסען הינטער זיך.

יאָ ה אַ נ ע ס. אָה, אָט דאָס האָט מיר אימיצער גענדאַרפֿט זאָגען מיט יאָהרען צוריק, ווען איך בין כמעט געווען פֿאָלשטענדיג

אונטערוואָרפֿען דעם אורטהייל פֿון מיינע פֿריינד; ווען איך פֿלעג זיך מאַכען פֿאָרווירפֿע, פֿאַרוואָס איך האָב געוואוינט אין אַ שעהן הויז, פֿאַרוואָס איך האָב גוט געגעסען און געטרונקען; ווען איך פֿלעג מיט אַ מין געפֿיהל פֿון שרעק אויסמיידען יעדען אַרבייטער און מיט האַרצ־קלאַפּעניש פֿערבייגעהן פֿערביי די געביידען, וואו זיי האָבען געאַרבייט. דאַן האָב איך אויך מיין פֿרוי גענוג גע־פלאַגט: כ׳האָב געוואָלט אַלעס אַוועקשיינקען און לעבען מיט איהר אין פֿרייוויליגער אָרעמקייט. ווירקליך, איידער ווידער אַמאָל דורכצומאַכען אַזעלכע צייטען, שוין ליעבערשט... — יאָ כ׳לעב־ען! — ליעבערשט דער מיגעלזעע. — (ער כאַפּט זיין הוט.) אַצונד אָבער וויל איך געהן אויפֿזוכען דעם נאַרישען יונג — בראַון׳ן — און ריידען עטליכע פֿערנינפֿטיגע ווערטער מיט איהם.

אַננאַ (קוקט איהם אָן מיט אַ מאָדנעם שמייכעל).

יאָהאַנעס. וואָס זשע, איהר דיינקט, ס׳איז ניט ריכטיג?

אַננאַ. טהוט נור דאָס, וואָס איהר מוזט טהאָן, איהר גרויס קינד וואָס איהר זייט!

יאָהאַנעס. פֿריילין אַננאַ!

אַננאַ. אייער האַרץ, הערר דאָקטאָר, דאָס איז אייער פֿיינד.

יאָהאַנעס. יאָ, זעהט איהר, אַז איך דערמאָן זיך, אַז ער לויפֿט אַרום און ערגערט זיך — דאָס לאָזט מיך ניט רוהען.

אַננאַ. מיינט איהר, ס׳איז גוט, אַז מען איז אַזוי שטאַרק אָבהייגניג?

יאָהאַנעס (ענטשלאָסען). ניין—ס׳איז ניט גוט. ס׳איז אמת, אַז ער וועט איצט ניט קומען צוריק. ער איז קיינמאָל ניט געווען דער ערשטער זיך איבערצובעטען, ווען מיר פֿלעגען זיך צוואווערטלען. אָבער אַלצאיינס! איהר זייט גערעכט. און דערום וועל איך — היינטיגס מאָל — אויך ניט געהן צו בראַון׳ן. — אויב איהר ווילט, קענען מיר אַרויסרודערן אויף דער אָזיערע אַצונד.

אַננאַ. אָבער איהר האָט דאָך מיר געוואָלט איבערלייענען דעם דריטען קאַפּיטעל.

יאָהאַנעס. מיר קענען דאָך עס מיטנעהמען — דאָס מאַנוסקריפּט.

אַננאַ. יאָ — זעהר גוט. כ'געה זיך שוין אָנטהאָן. (אָב.)

(יאָהאַנעס געהט צו צו דער ביכער-שאַפע, נעהמט אַרויס זיין מאַנוסקריפּט און פערטיעפט זיך אין דעם.)

(פרוי וואָקעראַט קומט אַריין דורך דער קאָרידאָר-טהיר, צוויי ביכעלאַך מיט גאָלד-שניט אין דער האַנד.)

פרוי וואָקעראַט. זעהסט דו — אַצונד נעהם איך מיר איינעם פון אייערע ווייכע שטוהלען — טהו זיך אָן די ברילען — און האַלט מיר אָב מיין קליינעם גאָטעס-דיענסט. ס'איז דאָך וואַרם גענוג צו זיצען אויף דער וועראַנדאַ, ווי מיינסט דו?

יאָהאַנעס. געוויס, מוטער. (הויבט אויף די אויגען פון מאַנוסקריפּט.) וואָס האָסט דו דאָ?

פרוי וואָקעראַט. „ווערטער פון האַרצען". דו ווייסט דאָך — מיין געליעבטען לאַוואַטער. און דאָ האָב איך געראָק'ס „פאַלם-בלעטער". — אָט דאָס איז געוועזען אַ מאַן! — ער האָט זיי ניט געשאַנעוועט, די געלערענטע. אוי וועה! (זי לייגט אַרום דעם אָרם אַרום יאָהאַנעס'ן און דעם קאָפּ אויף זיין ברוסט, צערטליך:) נאַ, מיין זוהן!? גריבעלסט זיך שוין ווידער?! — (האַלב אין שפּאַס.) דו יונגער פאָטער, דו.

יאָהאַנעס (צושטרייט, אַרויפקוקענדיג פון מאַנוסקריפּט). נאַ, מוטער?

פרוי וואָקעראַט. ווי איז דיר פאַרט איצט צו מוטה, אַלס פאָטער?

יאָהאַנעס. אַך, מוטער'ל, ניט בעזונדערס. — אַזוי ווי אימער.

פרוי וואָקעראַט. נאַ, נאַ, מאַך זיך נור ניט אַזוי תּמ'עוואַטע! פריהער ביסט דו געשפּרונגען אין דער הויך פאַר פרייד און אַצונד... וואָס זשע, ביסט שוין ווידער ניט צופריעדען.

יאָהאַנעס (צושטרייט אויפבליקענדיג). אַך, זעהר צופריעדען, מאַמע'לע!

פ ר וי וואָ ק ע ר אַ ט. הער אויס, דו טהוסט איצט כסדר אָן דעם גוטען אַנצוג. דו וואָלסט געדאַרפט אָבטראָגען דיינע אַלטע קליידער דאָ אויף'ן לאַנד. פרייליין אַננאַ וועט דאָך דיר עס געוויס ניט נעהמען פאַר אומגוט.

יאָ ה אַ נ ע ס. אָבער איך בין דאָך שוין ניט קיין קליין קינד, מוטער!

פ ר וי וואָ ק ע ר אַ ט. גלייך ווערסט דו אין כעס. (אומאַרמט איהם פעסטער, מיט מעהר צערטליכקייט.) און זיי אַ קליין ביסעלע פרום, מיין קינד. טהו עס דיין אַלטער מוטער צוליעב. דער אַלטער העקעל און דער דומער דאַרווין דאָ: זיי מאַכען דיך נור אונגליקליך. דו הערסט! טהו עס דיין אַלטער מוטער צוליעב.

יאָ ה אַ נ ע ס (אַרויפקוקענדיג צום הימעל). אַך, גוטע, גוטע מענשען! ביי אייך מוז מען ווירקליך זאָגען: פערגיב זיי, אָ גאָט, וואָרים זיי ווייסען ניט... וואָס זשע, דו מיינסט טאַקע, אַז עס געהט אַזוי איינפאַך? — מיט דעם פרום ווערן?

פ ר וי וואָ ק ע ר אַ ט (לאָזט זיך געהן). עס געהט! עס געהט! דו דאַרפסט נור ווילען, האַנעס. פּרוביר בלויז, האַנעס. פּרוביר עס בלויז — איין מאָל. (אָב אויף דער וועראַנדאַ, וואו זי זעצט זיך אַנידער אויף אַ שטוהל און לייענט.)

(יאָהאַנעס ווידער פערטיעפט אין זיין מאַנוסקריפט.)

(קייטע קומט אַריין מיט בריעף.)

ק יי ט ע (לייענט, דאַן בליקט זי אויף). האַנעס! דאָ איז אַ בריעף פון דעם באַנקיר.

יאָ ה אַ נ ע ס. כ'בעט דיך, קייטע'לע! מיין קאָפּ איז ווירקליך ניט פאַר אַזעלכע זאַכען איצט אין דעם מאָמענט.

ק יי ט ע. ער פרעגט זיך אָן, צי ער זאָל פערקויפען.

יאָ ה אַ נ ע ס. אום גאָטעס ווילען, לאָז מיך איצט צורוה דערמיט.

ק יי ט ע. אָבער ס'איז ניטאָ קיין צייט אָבצולייגען, האַנעס.

יאָ ה אַ נ ע ס (בייז). אָט! דאָ! (קלאַפּט מיט'ן פינגער אויף זיין מאַנוסקריפּט.) מיין זאַך קען גיבער ניט אָבגעלייגט ווערן!

קייטע. פֿון מיינעטוועגען קען עס בלייבען ליגען. דאַן אָבער וועלען מיר שוין מאָרגען זיין אָהן געלד.

יאָהאַנעס (נאָך אויפֿגערעגטער). ניין — קייטע! — מיר זיינען ווירקליך ניט קיין פּאָר! און איהר וואונדערט זיך נאָך, פֿאַרוואָס מען קען ניט קומען צו קיין רוה! קוים האָט זיך עס נור אַביסעל איינגעאָרדענט ביי מיר אין קאָפּ, — אַזוי קומסט דו — און קעהרסט אַלעס איבער מיט'ן קאָפּ אַראָב און מיט די פֿיס אַרויף.

קייטע. כ'ווייס ניט, וואָס דו מיינסט. דער בריעף־טרעגער איז נור וואָס געקומען, האָב איך דיר עס געזאָגט — דאָס איז אַלעס.

יאָהאַנעס. דאָס איז אַלעס — וואָס דען? דאָס בעווייזט דאָך טאַקע, ווי איהר האָט קיין ברעקעל פֿערשטענדניס ניט פֿאַר מיין אַרבייט. אָקוראַט ווי עס וואָלט זיך געהאַנדעלט וועגען מאַכען אַ פּאָר שיך. דער בריעף-טרעגער קומט און דו זאָגסט עס מיר איינפֿאַך. נאַטירליך! פֿאַרוואָס דען ניט? נאָר אַז דו רייסט מיר דערמיט פֿונאַנדער אַ גאַנצע געדאַנקען־קייט, וואָס האָט גענומען אַזויפֿיעל צייט און מיה צוזאַמענצושליסען, — דאָס קומט דיר גאָר ניט אַרויף אויף'ן זינען.

קייטע. אָבער די פּראַקטישע זאַכען דאַרף מען דאָך אויך ניט פֿערגעסען.

יאָהאַנעס. ווען איך זאָג דיר אָבער, אַז מיין אַרבייט קומט אַפֿריהער פֿון אַלצדינג! זי קומט צום ערשטען און צום צווייטען און צום דריטען, און דאַן ערשט קענען פֿון מיינעטוועגען קומען די פּראַקטישע זאַכען. פֿאַרוואָס זאָלסט דו ניט פּרואווען דאָס בעגרייפֿען, קייטע! אונטערשטיץ מיר פֿאָרט אויף אַזויפֿיעל! אָדער זאָג מיר גאָרנישט וועגען די טעגליכע, פּראַקטישע זאַכען! בעזאָרג זיי דיר אַליין ווי דו פֿערשטעהסט! גיב מיר ניט...

קייטע. איך וויל ניט נעהמען אויף זיך די פֿעראַנטוואָרטליכקייט, האַנעס!

יאָהאַנעס. אָט האָסט דו דיר! ווידער דאָסזעלבע! נור ניט קיין פֿעראַנטוואָרטליכקייט! נור ניט קיין זעלבסטשטענדיגען

בעשלום! ס'איז מערקווירדיג, ווי אַזוי איהר ווילט אונבעדינגט זיין אָבהייננגיג, ווי איהר טהוט אַלעס מעגליכע, נאָר ניט צו ווערן זעלבסטשטענדיג!

קייטע (וויל איהם דערלאַנגען דעם בריעף). אַך, האַנעס! זאָג דאָך וואָס עס איז!

יאָהאַנעס. אָבער איך קען איצט ניט, קייטע.

קייטע. ווען זשע דען זאָל איך קומען דערמיט, האַנעס? איך קען דאָך ניט, ווען דאָס פֿריילײַן איז דערביי...

יאָהאַנעס. דאָס איז אויך אַזוי קליינליך, אַזוי בעשריינקט... אַז אַלצדינג, וואָס האָט צו טהאָן מיט געלד-זאַכען, מוז זיין געהיים. דאָס איז אַזוי ניט פֿריי! כ'וויים ניט... דאָס פּאַסט פֿאַר קליינע נשמות, — עה!

קייטע. כ'וואָלט געוואָלט זעהן, וואָס פֿאַר אַ פּנים דו וואָלסט געמאַכט, ווען איך קום דערמיט פֿאַר פֿריילײַן אַננאַ אין די אויגען.

יאָהאַנעס. אַלץ דאָס פֿריילײַן, דאָס פֿריילײַן. לאָז דאָך איהר צורוה! זי שטערט דאָך אונז ניט.

קייטע. איך זאָג דאָך ניט, אַז זי שטערט אונז. נאָר עס קען דאָך ניט זיין פֿאַר איהר זעהר אינטערעסאַנט צו הערען...

יאָהאַנעס. אַך קייטע, קייטע! — דאָס איז שרעקליך! אימער די געלד-זאַכען, אימער די מורא, עפּעס אַזוי ווי מיר וואָלטען שוין מאָרגען ניט געהאַט מיט וואָס דורכצוקומען. דאָס איז דאָך אונערטרעגליך. דאָס מאַכט דאָך דעם איינדרוק, עפּעס אַזוי ווי דיין קאָפּ און דיין האַרץ וואָלטען נור געווען פֿול מיט געלד. יאָ, די הויכע אידעאַלען וועגען דער פֿרוי... וואָס בלייבט נאָך איבער צו ליעבען?!

קייטע. פֿאַר מיר זאָרג איך דאָך ניט. אָבער וואָס וועט ווערן פֿון פֿיליפּ'לען, ווען... און דו זאָגסט דאָך אַליין, אַז דו קענסט ניט רעכענען אויף קיין פֿערדיענסט. מוז מען דאָך ווי עס איז צוזאַמענהאַלטען דאָס, וואָס מען האָט.

יאָהאַנעס. נו פֿערשטעהט זיך! דו האָסט אימער דיינע פֿאַמיליען-אינטערעסען, און איך האָב אַלגעמיינע אינטערעסען. איך

בין איבערהויפּט ניט קיין פֿאַמיליען־פֿאַטער. די הויפּטזאַך פֿאַר מיר איז, אַרויסצוגעבען דאָס, וואָס איז אין מיר. ווי פּענאַזוס אין יאָך, אַזוי קום איך מיר פֿאָר. כ'האָב מורא, אַז איך וועל נאָך אַמאָל גאָר אין גאַנצען אונטערגעהן דערביי.

קייטע. יאָהאַנעס! ווי שרעקליך דאָס איז אויסצוהערען אַזעלכע ווערטער!

יאָהאַנעס. פֿרייליין אַננאַ איז גאַנץ גערעכט. די קיך און די קינדער־שטוב, דאָס איז אין בעסטען פֿאַל איער האָריזאָנט. אויסער דעם עקזיסטירט גאָרנישט פֿאַר דער דייטשער פֿרוי.

קייטע. איינער מוז דאָך קאָכען און אַרומגעהן אַרום די קינדער. ס'איז גאַנץ לייכט פֿאַר פֿרייליין אַננאַ צו ריידען אַזוי! איך וואָלט אויך ליעבערשט געוואָלט לעזען ביכער.

יאָהאַנעס. קייטע! דו דאַרפֿסט זיך ווירקליך ניט אַזוי קליין מאַכען. ווי דו רעדסט דאָס אַביסעל וועגען אַ ווענן, וואָס שטעהט אַזוי הויך ווי פֿרייליין אַננאַ!...

קייטע. נו, ווען זי זאָגט אַזעלכע זאַכען!

יאָהאַנעס. וואָס פֿאַר זאַכען?

קייטע. פֿון אונז דייטשע פֿרויען. — אַזעלכע דומע זאַכען.

יאָהאַנעס. זי האָט ניט געזאָגט קיין דומע זאַכען. אין געגענטהייל. אין דעם מאָמענט איז עס מיר כמעט דערווידער, דיר צו זאָגען, ווי גוט זי האָט פֿון דיר גערעדט. איך וואָלט דיך ניט געוואָלט אַזוי שטאַרק פֿערשעהמען.

קייטע. זי האָט דאָך אָבער גערעדט פֿון אונזער איינגען האָריזאָנט.

יאָהאַנעס. בעוויז, אַז זי האָט אַ טעות!

קייטע (אין טרעהרען לײדענשאַפֿטליך). ניין, האַנעס... ווי גוט דו ביסט ניט — נאָר צייטענווייז... צייטענווייז ביסט דו אַזוי קאַלט, אַזוי גרויזאַם — אַזוי אונבאַרמהאַרציג!

יאָהאַנעס (אַביסעל אָבגעקיהלט). דאָ בין איך שוין ווידער אונבאַרמהאַרציג! מיט וואָס דען, קייטע?

קייטע (שלוכצענדיג). ווייל דו — מאַטערסט מיך. דו ווייסט גאַנץ גוט...

יאָהאַנעס. וואָס ווייס איך דען, קייטע?

קייטע. דו ווייסט, ווי ווייניג צופריעדען איך בין מיט זיך אַליין. — דו ווייסט עס — נאָר... נאָר דו האָסט קיין ברעקעל רחמנות ניט. רק דו האַלסט מיר אין איין אויפוואַרפען...

יאָהאַנעס. אָבער, קייטעניו, וואָס מיינסט דו דערמיט?

קייטע. אָנשטאָט דו זאָלסט ווען ניט ווען זיין גוט צו מיר, אויף וויפיעל עס איז שטאַרקען מיין צוטרוי צו מיר אַליין... ניין — ווער איך אימער נור קליין געמאַכט — אימער קליין — אי־מער נידעריג ווער איך געמאַכט. גאָט ווייסט דעם אמת, אַז איך האַלט זיך ניט גרויס, אַז איך בילד זיך גאָרנישט איין אויף מיין גרויסען האָריזאָנט. אָבער איך בין דאָך ניט געמאַכט פון שטיין, כ'האָב דאָך אויך געפיהלען. — נאַ, ס'איז וואַהר, איך בין ניט קיין ליכט. איבערהויפּט: כ'האָב עס שוין לאַנג בעמערקט, אַז איך בין גאַנץ איבעריג.

יאָהאַנעס (וויל אָננעהמען איהר האַנד, קייטע ציהט זי אַוועק פון איהם). דו ביסט ניט איבעריג: דאָס האָב איך קיינמאָל ניט געזאָגט.

קייטע. דאָס האָסט דו ערשט פריהער געזאָגט. נאָר ווען דו וואָלסט עס מיר זאָגאַר קיינמאָל ניט געזאָגט, כ'פיהל עס דאָך אַליין: — פאַר דיר קען איך גאָרנישט זיין, וואָרים דיין אַרבייט פערשטעה איך ניט. און פיליפ'לען... נו יאָ! דעם גיט מען זיין מילך, מען האַלט איהם ריין... אָבער דאָס קען דאָך אַן איינפאַכע דיענסט טהאָן, און שפּעטער... שפּעטער וועל איך דאָך איהם געוויס גאָרנישט קענען געבען. (וויינענדיג נאָך שטאַרקער.) דאַן וועט איהם זיין אַסך בעסער ביי — ביי פרייליין אַננאַ.

יאָהאַנעס. דו ביסט דאָך... אָבער מיין ליעבע קייטע, וואָס רעדסט דו!

קייטע. נאַ — כ'זאָג עס נור אַזוי. ס'איז דאָך אָבער וואַהר. זי האָט דאָך עפּעס געלערענט. זי פערשטעהט דאָך עפּעס. מיר

זיינען דאָך ריכטיגע קאַליקעס. ווי אַזוי זאָל מען דען זיין אַ שטיצע פֿאַר אומ־צען אַנדערש, אַז מען קען זאָגאָר ניט...

יאָהאַנעס (פֿול מיט ליעבשאַפֿט, וויל אומאַרמען קייטע'ן). קייטעניו! דו גאָלדען, גאָלדען וואונדערל מיינס! דו האָסט דאָך אַ האַרץ ווי... דו טיעף, טיעף וואונדער־האַרץ דו! אָה, דו מיין זיסע, ליעבע... (זי שטופּט איהם אָב פֿון זיך, ער שטאַמעלט:) אויב ס'איז דאָ אַ פֿונק עהרע אין מיר, זאָג איך דיר... כ'וויים, איך בין צייטענווייז גראָב און שלעכט! איך בין דיך ניט ווערטה, קייטע!

קייטע. אַך ניין — ניין, האַנעס! — דאָס זאָגסט דו בלויז אַזוי, איצט, דאָס...

יאָהאַנעס. ס'איז די ריינע וואַהרהייט, קייטעלע! — אַ לומפּ וואָלט איך געווען, ווען איך...

קייטע. לאָז מיך, האַנעס! כ'מוז דיינקען, — און דער בריעף, דער בריעף!

יאָהאַנעס. אַך, דו נאַרישע קייטעניו, דו! וואָס מוזט דו דען דיינקען?

קייטע. אַזויפֿיעל, אַזויפֿיעל געדאַנקען קומען מיר אין קאָפּ. לאָז, לאָז אָב, יאָהאַנעס!

יאָהאַנעס (הייס). אַך, לאָז איצט דעם בריעף! דו מיין זיס, זיס ווייבעלע, דו!

קייטע. ניין, מיין האַנעס! ניין. (זי שטופּט איהם ווידער אָב פֿון זיך.)

יאָהאַנעס. אָבער קייטע, וואָס איז דיר פֿאָרט?!

קייטע. קום, האַנעס! גיב אַ קוק דערויף! (זי האַלט דעם בריעף אָפֿען פֿאַר זיינע אויגען.) ער פֿרעגט, צי ער זאָל פֿערקויפֿען.

יאָהאַנעס. וועלכע פּאַפּירען?

קייטע. די שפּינעריי־אַקציען.

יאָהאַנעס. וואָס זשע, די פּראָצענטען זיינען דען ניט גענוג?

קײטע. וואָס רעדסט דו! מיר האָבען דאָך דעם מאָנאַט ווידער פערטהאָן איבער טוויענד מאַרק.

יאָהאַנעס. אָבער קייטע! דאָס איז דאָך כמעט ניט מעג־ליך! הערט איהר קינדער! צי ווייט איהר מיר אַקאָרשט גענוג שפּאָרזאַם?!

קײטע. ס׳איז אַלעס פערצייכענט, האַנעס.

יאָהאַנעס. דאָס איז איינפאַך אונבעגרייפליך.

קײטע. דו גיסט אַוועק צופיעל, האַנעס; און אַזוי ווערט דאָס קאַפּיטאַל פערשמאָלצען. זאָל ער אַלזאָ פערקויפען?

יאָהאַנעס. יאָ יאָ, נאַטירליך. — אָבער ס׳האָט דאָך צייט! איבערהויפּט — וואוהין געהסט דו?

קײטע. שרייבען ענטפער.

יאָהאַנעס. קײטע!

קײטע (ביי דער טהיר, קעהרט זיך אום). וואָס זשע?

יאָהאַנעס. אַזוי געהסט דו אַוועק?

קײטע. ווי אַזוי?

יאָהאַנעס. כ׳ווייס אויך ניט, ווי אַזוי.

קײטע. וואָס ווילסט דו דען?

יאָהאַנעס. איך ווייס ניט, וואָס מיט דיר איז.

קײטע. גאָרנישט, האַנעס. ניין, ווירקליך גאָרנישט.

יאָהאַנעס. וואָס זשע, האָסט מיך אויפגעהערט ליעבען?

קײטע (לאָזט אַראָב דעם קאָפּ און שאָקעלט איהם אויף ניין).

יאָהאַנעס (לייגט אַרום דעם אָרם אַרום קייטע׳ן). האָסט שוין פערגעסען, קייטעניו, אַז מיר האָבען פון פאָראויס אויסגענומען, ניט צו האָבען קיין שום סוד איינער פאַר׳ן צווייטען? ניט דעם מינדעסטען. — (אומאַרמט זי נאָך שטאַרקער.) זאָג וואָס עס איז! — האָסט מיך שוין מעהר ניט ליעב, קייטעניו?

קײטע. אַך האַנעס! דאָס ווייסט דו דאָך.

יאָהאַנעס. אָבער וואָס איז דיר פאָרט?

קײטע. דו ווייסט דאָך.

יאָהאַנעס. וואָס איז דאָס אַזוינס? כ'וויים גאָרנישט. כ'האָב קיין אַהנונג ניט דערפֿון.

קייטע. כ'וואָלט געוואונשען, איך זאָל דיר קענען זיין וואָס עס איז.

יאָהאַנעס. אָבער דו ביסט מיר פֿיעל.

קייטע. ניין, ניין!

יאָהאַנעס. אָבער, טאָ זאָג מיר דאָך...

קייטע. דו קענסט דאָך גאָרנישט העלפֿען דערצו, האַנעס, אָבער — איך בין ניט גענוג פֿאַר דיר.

יאָהאַנעס. דו ביסט מיר גענוג. דו ביסט מיר פֿאָלשטענ־דיג גענוג.

קייטע. דאָס זאָגסט דו איצט.

יאָהאַנעס. דאָס איז מיין הייליגע איבערצייגונג.

קייטע. איצט אין דער רגע.

יאָהאַנעס. אָבער פֿון וואָס נעהמסט דו דען, אַז...

קייטע. דאָס זעה איך דאָך.

יאָהאַנעס. קייטע'לע, האָב איך דיר ווען געגעבען אַ גרונד צו...

קייטע. ניין, קיינמאָל ניט.

יאָהאַנעס. זעהסט דו שוין! (אומארמט זי ליידענשאַפֿטליכער.) דאָס זיינען איינבילדונגען. שלעכטע איינבילדונגען, קייטע, וואָס מען מוז פֿעריאָגען פֿון זיך. קום, קום! (ער קושט זי הארצליך.)

קייטע. אַך, ווען עס וואָלט געווען ניט מעהר ווי איינביל־דונגען!

יאָהאַנעס. פֿערלאָז זיך דערויף.

קייטע. און — איך האָב דאָך דיך אויך — אַזוי שטאַרק ליעב, האַנעס! — כ'קען גאָר ניט אויסדריקען ווי שטאַרק. כ'מיין, איך וואָלט שוין גיכער געקענט אָבגעבען פֿיליפ'לען, איידער דיר.

יאָהאַנעס. אָבער, קייטע!

קייטע. זאָל מיר גאָט ניט שטראָפֿען פֿאַר די רייד! —

דער קליינער, ליעבער יונג. (פֿאַלט יאָהאַנעס׳ן אויף׳ן האַלז.) דו ליע-בער! גוטער!

(פויזע. שטומע אומאַרמונג.)

(פֿרייליין אַננאַ, אָנגעטהאָן צום אַרויסרודערן, עפֿענט די טהיר פֿון דער וועראַנדאַ.)

פֿרייליין אַננאַ (רופֿט אַריין). הערר דאָקטאָר! אַך, ענטשולדיגט! (זי ציהט צוריק דעם קאָפּ.)

יאָהאַנעס. גלייך, גלייך פֿרייליין. (ער נעהמט זיין מאַנוסקריפּט.) מיר רודערן אַרוים אַביסעל אויף דער אָזיערע, קייטע! — און קיין איינבילדונגען מעהר, דו זאָגסט עס מיר צו, ווי? (גיט איהר אַ קוש, נעהמט זיין הוט און לאָזט זיך געהן, נאָר פּלוצלינג קעהרט ער זיך אום.) וואָלסט אפשר געוואָלט מיטקומען, קייטעניו?

קייטע. איך קען ניט אַוועקגעהן, האַנעס!

יאָהאַנעס. אַלזאָ, ווידערזעהן! (אָב.)

(קייטע קוקט איהם נאָך, ווי אימיצער, וואָס זעהט אַ שעהנע ערשיינונג צופֿליסענדיג אין גאָרנישט. איהרע אויגען ווערן פֿול מיט טרעהרען.)

דריטער אקט.

(צייט: ארום צעהן אזייגער אין דער פריה. אויף'ן שרייב-טיש ברענט נאָך דער לאָמפּ. קייטע זיצט דערביי, פערטיפט אין רעכנונגען.)

(פון דרויסען אויף דער וועראַנדאַ הערען זיך טריט. קייטע הויבט זיך האַלב אויף און וואַרט מיט אונגעדולד. בראַון קומט אַריין.)

קייטע (געהט איהם אַנטקעגען). אַך! — זעהט איהר, דאָס איז זעהר פריינדליך פון אייך.

בראַון. גוט מאָרגען. וואָס פאַר אַ שרעקליכער נעבעל דאָס איז!

קייטע. ס'וויל גאָר היינט ניט טאָג ווערן. קומט אַקאָרשט אַהער. דער אויווען גליהט. — האָט אייך פרוי לעהמאַן צוגעשיקט אַהער?

בראַון. יאָ, זי איז געווען ביי מיר.

(קייטע איז גאָרנישט דיזעלבע. אָנשטאָט איהר געוועהנליך רוהיגער נאַטור, איז זי איצט מערקווירדיג לעבעדיג און נערוועז. זי ווערט לייכט אויפגערעגט. איהרע אויגען לייכטען. אויף איהרע בלאַסע, אָבגעצעהרטע באַקען טרעט אַרויס אַ צאַרטע רויטקייט.)

קייטע. וואַרט אַקאָרשט! כ'וועל ברייגנען ציגאַרען.

בראַון. אָבער כ'בעט אייך! — ניין, ניין! (ער לויפט נאָך קייטע'ן און קומט איהר אַפריהער, בעת ווען זי סטאַרעט זיך אַראָבצונעהמען אַ קעסטעל ציגאַרען פון דער ביכער-שאַפע.)

קייטע. אַצונד מוזט איהר זיך מאַכען גאַנץ בעקוועמליך דאָ.

בראַון (מיט אַ בליק אויף קייטע'ן). אָבער איך וויל דאָך גאָר ניט רויכערן.

קייטע. טהוט עס מיר צוליעב. כ'האָב אַזוי ליעב דעם ציגאַרען־רויך.

בראַון. אויב אַזוי, דאַן... (ער פּערדרויכערט אַ ציגאַר.)

קייטע. איהר מוזט זיך ווידער פּיהלען דאָ ווי ביי זיך אין דערהיים, פּונקט אַזוי ווי פריהער. — און אַצונד, איהר שלעכטער מענש! פאַרוואָס זייט איהר שוין איבער אַ וואָך ניט געווען ביי אונז?

בראַון. כ'האָב געדיינקט, אַז האַנז נייטיגט זיך שוין ניט אין מיר.

קייטע. אָבער ווי האָט איהר דאָס גאָר געקענט...?

בראַון. ער האָט דאָך אַצונד פּרייליין אַננאַ מאַהר.

קייטע. ווי קענט איהר דאָס גאָר זאָגען!

בראַון. ער פּייפט דאָך אויף זיינע פריינד.

קייטע. איהר קענט דאָך איהם; איהר ווייסט דאָך, וואָס פאַר אַ האַסטיגער מענש ער איז. ער האָט דאָך עס געוויס ניט געמיינט ערנסט.

בראַון. אָה יאָ. און איך וויים אויך גאַנץ גוט, ווער עס האָט איהם אַרויפגעפיהרט אויף דעם וועג. איבערהויפּט: פּרייליין מאַהר מעג זיך זיין אַ קלוגע פּערזאָן, אָבער דאָס איז זיכער: ענטשלאָסען און עגאָאיסטיש, אָהן אַ שום איינזעהעניש, דאָרט וואו זי האָט אַ געוויסען ציעל דערביי. פאַר מיר האָט זי מורא. זי ווייסט גאַנץ גוט, אַז איך מאַך זיך ווינציג וואָס פון איהר.

קייטע. אָבער וואָס פאַר אַ ציעל קען זי דען האָבען דאָ...?

בראַון. זי דאַרף איהם האָבען, ווער ווייסט צו וואָס. איך טויג פאַר איהר ניט. מיין איינפלוס פּאַסט ניט פאַר איהר.

קייטע. אָבער איך האָב ווירקליך קיינמאָל ניט בעמערקט...

בראַון (הויבט זיך אויף). איך וואַרף זיך אויף קיינעם ניט אָן. האַנז האָט מיך געבעטען, האָב איך זיך אַרויסגעצויגען אַהער. אויב איך בין איבעריג, דאַן פאָהר איך צוריק.

קייטע (שנעל און מיט אויסדרוק). אַננאַ פאָהרט היינט אָב פון דאַנען.

ב ר אַ ו ן. ווירקליך?! זי פֿאָהרט אַלזאָ דאָך?!

ק י י ט ע. יאָ. און דערפֿאַר מאַקע, הערר בראַון, האָב איך אייך געוואָלט בעטען... ס'וואָלט דאָך געווען אַזוי שרעקליך פֿאַר האַנעס'ן, ווען ער זאָל אויף איינמאָל גאָר קיינעם מעהר ניט האָבען. איהר מוזט ווידער קומען צו אונז, הערר בראַון. טראָגט ניט אויף איהם קיין האַרץ: כ'מיין פֿאַר די האַסטיגע ווערטער פֿון יענעם טאָג. מיר קענען דאָך איהם. מיר וויסען דאָך, וואָס פֿאַר אַ גוטער מענש ער איז אין דער ווירקליכקייט.

ב ר אַ ו ן. איך בין געוויס ניט עמפּפינדליך און איך בעליידיג זיך ניט אַזוי לייכט, נאָר...

ק י י ט ע. נו גוט. דאַן בלייבט איהר ביי אונז. שוין היינט! דעם גאַנצען טאָג.

ב ר אַ ו ן. ניין, ניט גלייך. כ'קען העכסטענס קומען שפּעטער נאָך אַמאָל.

ק י י ט ע. אָבער אַזוי, אַז איהר זאָלט דאָ זיין ביים געזעגענען זיך. איהר קענט זיך גאָר ניט פֿאָרשטעלען, ווי שעהן ס'וועט איצט ווערן ביי אונז. כ'האָב פֿאַר דער צייט פֿיעל איינגעזעהן. מיר וועלען פֿערברייננגען אַ זעהר רוהיגען און שעהנעם ווינטער. — און נאָך עפּעס האָב איך אייך געוואָלט פֿרעגען, יאָ. (אַזוי ווי אין שפּאַס:) איך מוז אָנהויבען פֿערדיענען אַביסעל געלד. — — — — יאָ, יאָ! כ'מיין עס גאַנץ ערנסט! וואָס זשע, זיינען מיר דען אויך ניט געשאַפֿען צו אַרבייטען, מיר פֿרויען?

ב ר אַ ו ן. ווי פֿאַלט אייך מיט אַמאָל איין אַזאַ אידעע?

ק י י ט ע. עס וואָלט געווען פֿאַר מיר אַן אַנגענעהמער שפּאַס, הערר בראַון.

ב ר אַ ו ן. ס'רעדט זיך אַזוי לייכט: פֿערדיענען געלד...

ק י י ט ע. נאַ, כ'קען צום ביישפּיעל מאָלען פֿאָרצעליי. איהר זעהט אַט דעם סערוויז? דאָס איז מיין אַרבייט. אָדער ווען דאָס זאָל ניט געהן — איז שטיקען. איהר ווייסט דאָך, אויסנייהען אַזעלכע שעהנע נאָמענס-צייכענס אין וועש.

בראַון. אָבער איהר מאַכט דאָך נור שפּאַס, פערשטעהט זיך.

קייטע. נאַ, ווער וויס!

בראַון. אַז איהר וועט ניט ריידען אַביסעל דייטליכער מיט מיר, קען איך דאָס ווירקליך נ״ט...

קייטע (זיך פערגעסענדיג). קענט איהר האַלטען אַ סוד? — אַך ניין! קורץ און גוט: עס זיינען דאָ אַזוי פיעל בעדירפניסען... מיר זיינען אַלע ניט פון די מענשען, וואָס קענען לעבען מיט רעכנונג.

בראַון. און האַנז נאָך ווייניגער פון אַלעמען.

קייטע. אַך ניין... דאָס הייסט: זיין צו אויסגערעכענט טויג אויך ניט. מען דאַרף נור זאָרגען, עס זאָל זיין גענוג.

בראַון. אויב איהר שטעלט זיך פאָר, אַז איהר וועט קענען פערדיענען אַזויפיעל... נאַ, דאָס איז פון פאָראויס אַרויסגעוואָרפענע מיה.

קייטע. אָבער פיער הונדערט טהאַלער אַ יאָהר וועל איך פיללייכט דאָך קענען פערדיענען.

בראַון. פיער הונדערט טהאַלער?! כ׳גלויב קוים. — פאַר וואָס עפּעס גראָד פיער הונדערט?

קייטע. ווייל אַזויפיעל מוז איך האָבען.

בראַון. וואָס זשע, מען האָט שוין, ווייזט אויס, ווידער אַמאָל מיסברויכט האַנעס׳עס אונבעגרענעצטע גוטסקייט?

קייטע. ניין, אויף קיין פאַל ניט.

בראַון. וואָס דען? פריילײן אַננאַ מוז אודאי אונטערשטיצט ווערן?

קייטע. ניין, ניין, ניין! וואָס רעדט איהר! ווי פאַלט אייך איין אַזוי וואָס! — כ׳זאָג מעהר גאָרנישט. קיין איין וואָרט ניט, הערר בראַון!

בראַון (נעהמט זיין הוט). נאַ, יעדענפאַלס קען איך ניט צולייגען קיין האַנד דערצו. דאָס וואָלט דאָך ווירקליך געווען...

קייטע. נו גוט, גוט! לאָמיר עס לאָזען צורוה! אָבער איהר קומט דאָך צוריק?

ב ר אַ ו ן (איידער ער געהט). געוויס, נאַטירליך. — וואָס זשע, ס'איז דען ווירקליך ערנסט, פֿרוי קייטע?

ק י י ט ע (וויל לאַכען, ס'שטעלען זיך איהר טרעהרען אין די אויגען). ווייס איך וואָס! כ'שפּאַס דאָך נור! (גיט אַ האַסטיגען און אַ האַלב שפּאַסהאַפֿטען וואונק, ער זאָל אַוועקגעהן.) געהט! געהט, הערר בראַון! (קען זיך שוין מעהר ניט איינהאַלטען פֿון וויינען, לויפֿט אַריין אין שלאָפֿ-צימער.)

ב ר אַ ו ן (פֿערטראַכטערהייט אָב).

(פֿרוי וואָקעראַט קומט אַריין, טראָגענדיג אַ שיסעל מיט עפּעל, זעצט זיך ביים טיש און שיילט זיי.)

(קייטע קומט צוריק פֿון שלאָפֿצימער און געהט גלייך צו צום שרייב-טיש.)

פֿ ר ו י וו אָ ק ע ר אַ ט (שאָקעלט די עפּעל אין שיסעל). ס'איז גאַנץ גוט, וואָס עס וועט איצט ווידער ווערן רוהיג אין שטוב. — ניט ריכטיג, קייטע'לע?

ק י י ט ע (אָנגעבויגען איבער איהרע רעכנונגען). לאָז מיך, מאַ-מע'לע! איך מוז דיינקען!

פֿ ר ו י וו אָ ק ע ר אַ ט. אַך יאָ, כ'האָב ניט געזעהן, אַז דו ביסט פֿערנומען. — כ'וועל דיך ניט שטערן. — וואוהין פֿאָהרט י דאָס אייגענטליך?

ק י י ט ע. קיין ציריך, גלויב איך.

פֿ ר ו י וו אָ ק ע ר אַ ט. נו יאָ, דער ריכטיגער פלאַץ פֿאַר איהר.

ק י י ט ע. וואָס הייסט, מוטער'ל? מיר דוכט, אַז זי איז דאָך דיר גאַנץ גוט געפֿעלען.

פֿ ר ו י וו אָ ק ע ר אַ ט. אי ניין, ניין, זי געפֿעלט מיר גאָרנישט; זי איז צו מאָדערן פֿאַר מיר.

ק י י ט ע. אָבער מוטער'ל!

פֿ ר ו י וו אָ ק ע ר אַ ט. און דאָס איז איבערהויפּט ניט קיין שטאַט. אַ יונג מיידעל דאַרף ניט אַרומלויפֿען דריי טאָג נאָכאַנאַנד מיט אַ גרויסען לאָך אין אַרבעל.

(יאָהאַנעס, מיט'ן הוט אויף'ן קאָפּ, קומט אַריין פון דער וועראַנדאַ. ער וויל שנעל אַריינגעהן צו זיך אין שטודיר-צימער.)

קייטע. האַנעס!

יאָהאַנעס. יאָ.

קייטע. זאָל איך מיטקומען צו דער באַהן?

יאָהאַנעס (ציהט מיט די אַקסלען). דאָס מוזט דו דאָך אַליין וויסען. (אָב אין שטודיר-צימער.)

(קליינע פּויזע.)

פרוי וואָקעראַט. וואָס איז שוין ווידער מיט איהם? (זי איז פאַרטיג מיט'ן עפּעל-שניידען און הויבט זיך אויף.) נאַ, ווירקליך. ס'איז שוין צייט, עס זאָל אַמאָל ווערן רוהיג אין הויז. די שכנים הויבען שוין זאָגאַר אָן ריידען וועגען דעם.

קייטע. וועגען וואָס?

פרוי וואָקעראַט. ווייס איך וועגען וואָס? כ'זאָג דאָך נור... און אויסערדעם קאָסט דאָך דאָס געלד אויך.

קייטע. אַך, מאַמעניו, צי מען קאָכט פאַר דריי פּערזאָן אָדער פאַר פיער, דאָס שפּיעלט דאָך גאָר אַ קנאַפּע ראָלע.

פרוי וואָקעראַט. יאָ, יאָ, אָבער ברעקלאַך מאַכען ברויט, קייטעניו.

(יאָהאַנעס קומט אַריין, זעצט זיך אַנידער, לייגט אַריבער איין פוס איבער'ן אַנדערן און בלעטערט אין אַ בוך.)

יאָהאַנעס. אַן אונפערשעהמטע באַנדע, די באַהן-בעאַמטע. אַזאַ וואָקזאַל-אינספּעקטאָר! זויפען, זויפען, דעם גאַנצען טאָג קיין אַנדער זאַך ניט נור זויפען. און דערצו נאָך גראָב ווי אַ... עה!

קייטע. ווען געהט דער בעסטער צוג? ערגער זיך ניט, האַנעס!

יאָהאַנעס. ס'איז איבערהויפּט אַ שוידערליכער פּלאַץ דאָ — אַ העק! (גיט אַ קלאַפּ צו דאָס בוך, שפּרינגט אויף.) איך בלייב אויך ניט דאָ.

פרוי וואָקעראַט. וואָס הייסט! דו האָסט דאָך געדונגען אויף פיער יאָהר.

יאָהאַנעס. זאָל איך, הייסט עס, דאָ רוהיג צו גרונד געהן, דערפאַר וואָס איך בין צום אונגליק געווען אַזוי נאַריש צו דינגען אויף פיער יאָהר?

פרוי וואָקעראַט. דו האָסט דאָך אימער געוואָלט וואוינען אויף'ם לאַנד. נו, ביסט דו דאָ אַ האַלב יאָהר און דו קענסט עס שוין ניט אויסהאַלטען.

יאָהאַנעס. אין דער שווייץ איז אויך לאַנד.

פרוי וואָקעראַט. און דאָס קינד? וואָס ווערט ווערן פון איהם? וואָס זשע, איהר ווערט זיך מיט איהם אַרומשלעפּען איבער דער וועלט?

יאָהאַנעס. אין דער שווייץ איז געזונדער צו לעבען ווי דאָ, אויך פאַר פיליפּ'לען.

פרוי וואָקעראַט. נאַ, מיין זוהן, דו וועסט נאָך אין גיכען זיך אַריבערקלייבען אויף דער לבנה. פון מיינעטוועגען, טהוט וואָס איהר ווילט. אויף מיר אַלטע פרוי האָט איהר גאָרנישט וואָס צו קוקען, איך זאָל אייך ניט שטעהן אין וועג! (אָב אין קאָרידאָר.)

(קליינע פּויזע.)

יאָהאַנעס (זיפצט). קינדער, גיט אַכטונג, זאָג איך אייך.

קייטע. ווי פאַלט דיר עפּעס פלוצים איין די שווייץ?

יאָהאַנעס. יאָ, יאָ, מאַך נור אַ פרום, כשר פנים'ל! (ער קריכט איהר נאָך.) „ווי פאַלט דיר עפּעס פלוצים איין די שווייץ?" דו, הער אויס, דאָס קען איך, דאָס איז אַזוי הינטען אַרום, אָנשטאָט גלייך אַרויס. איך ווייס, וואָס דו מיינסט. דו ביסט גאַנץ גערעכט. כ'וואָלט גערן געוואָלט זיין דאָרט, וואו פרייליין אַננאַ איז. דאָס איז דאָך גאַנץ נאַטירליך. דאָס קען מען דאָך אַרויסזאָגען אָפען.

קייטע. האַנעס — דו ביסט עפּעס אַזוי מאָדנע היינט. אַזוי מאָדנע... אויף אַזאַ'ן אופן וועל איך בעסער אַוועקגעהן.

יאָהאַנעס (שנעל). איך קען דאָך אויך געהן! (אָב איבער די וועראַנדאַ.)

קייטע (זיפצט און שאָקעלט פאַר זיך מיט'ן קאָפּ). אָה גאָט — גאָט...

(פרייליין אַננאַ קומט אַריין, לייגט אַוועק דעם הוט, טעשעל און מאַנטעל אויף'ן שטוהל.)

אַננאַ. כ'בין פאַרטיג. (קעהרט זיך אום מיט'ן פּנים צו קייטע'ן.) נו, איז נאָך דאָ צייט — ווי לאַנג?

קייטע. וויינינגסטענס דריי פערטעל שעה.

אַננאַ. אַך! — כ'בין געווען אַזוי גערן ביי אייך. (נעהמט קייטע'ס האַנד.)

קייטע. די צייט פערגעהט.

אַננאַ. אַצונד וועל איך מיך ווידער אין גאַנצען איינשפּאַנען אין ציריך. אַרבייטען, אַרבייטען, ווייטער וויל איך פון גאָרנישט וויסען.

קייטע. נעהמסט אַ שטיקעל ברויט מיט פּוטער?

אַננאַ. ניין, אַ דאַנק. ניט עסען! (קורצע פּויזע.) כ'וואָלט געוואָלט די בעגריסונגען זאָלען שוין זיין אַריבער. דאָס איז שרעקליך. די גאַנצע מאַסע פון פריינד — און דאָס אויספרעגען! בררר! (זי טרייסעלט זיך ווי אין פראָסט.) — וועסט דו מיר ווען עס איז שרייבען אַ בריוועל?

קייטע. אָה יאָ! אָבער ביי אונז פּאַסירט ווינציג וואָס נייעס.

אַננאַ. ווילסט דו מיר שיינקען דיין בילד?

קייטע. יאָ, מיט פערגניגען. (זי זוכט אין אַ שאָפלאָד פון'ם שרייב-טיש.) אָבער עס איז אַלט.

אַננאַ (קלאַפּט איהר לייכט אויף'ן נאַקען. כמעט מיט אַ טאָן פון מיטלייד). דו דין העלזועל, דו!

קייטע (נאָך זוכענדיג, דרעהט אום דעם קאָפּ, מיט אַן אומעטיגען שמייכעל). פאַר דעם, וואָס עס האָט צו טראָגען אויף זיך, איז עס געענוג, אַננאַ! — אָט! — דאָ איז דאָס בילד. (דערלאַנגט אַננאַ'ן אַ פאָטאָגראַפיע.)

אַננאַ. זעהר שעהן, זעהר שעהן! דו האָסט פיליייכט איינע פון דיין מאַן? — איך האָב אייך אַלע אַזוי ליעב געקראָגען.

קיטע. כ'ווייס ניט, צי ס'איז דאָ.

אַננאַ. אַך, ליעב קיטעניו, זוך, זוך! — פאַרהאַן איינע? — יאָ?

קיטע. יאָ, איינע איז נאָך געבליבען.

אַננאַ. קען איך זי האָבען?

קיטע. יאָ, אַננאַ, נעהם זי.

אַננאַ (לאָזט האַסטיג אַרונטער דאָס בילדעל צו זיך אין טאַש). און אַצונד — אַצונד וועל איך באַלד זיין פערגעסען פון אייך.— — — אַך, קיטעניו! קיטעניו! (זי פאַלט איהר אויף'ן האַלז און פלאַצט אַרויס מיט א געוויין.)

קיטע. ניין אַננאַ — איך וועל מיך — געווים, אַננאַ! — איך וועל מיך אימער דערמאָנען אָן דיר און...

אַננאַ. מיך ליעב האָבען?

קיטע. יאָ, אַננאַ! יאָ!

אַננאַ. האָסט דו מיך בלויז ליעב?

קיטע. וואָס הייסט בלויז?

אַננאַ. ביסט דו ניט אויך אַביסעל צופריעדען, וואָס איך פאָהר אַוועק?

קיטע. וואָס מיינסט דו דערמיט?

אַננאַ (האָט אָבגעלאָזט קיטע'ן און אָבגעטראָטען אָן אַ זייט). יאָ, יאָ! ס'איז גוט, וואָס איך פאָהר אַוועק. אויף יעדען פאַל. מאַמאַ וואָקעראַט קען מיך שוין אויך מעהר ניט ליידען.

קיטע. כ'מיין, עס דוכט זיך דיר אויס...

אַננאַ. ניין, קיטע, ס'דוכט זיך מיר גאָרנישט אויס. (זי זעצט זיך אַנידער ביים טיש.) וואָס קומט אַרויס פון דעם אַלעם! (זי פערגעסט זיך, ציהט אַרויס די פאָטאָגראַפיע און פערטיעפט זיך אין איהר.) ער האָט אַזאַ טיעפען צוג אַרום מויל.

קיטע. ווער?

אַננאַ. האַנעס. — אַ צוג פון ערגערניש. דאָס קומט פון איינזאַמקייט. ווער עס איז איינזאַם, דער מוז פיעל ליידען פון

די אַנדערע. — — — ווי אַזוי האָט איהר זיך בעקענט איינס מיט'ן אַנדערן?

קייטע. אַך, דאָס איז געווען...

אַננאַ. ער איז נאָך געווען אַ סטודענט?

קייטע. יאָ, אַננאַ.

אַננאַ. דו ביסט נאָך געווען זעהר יונג, האָסט דו געזאָגט יאָ?

קייטע (רויט און צומישט). דאָס הייסט, איך...

אַננאַ (פיהלט זיך אויך געפייניגט). אַך, קייטע, קייטע! (זי לייגט אַריין דאָס בילד צוריק אין קעשענע, הויבט זיך אויף.) האָב איך נאָך צייט?

קייטע. נאָך לאַנג.

אַננאַ. לאַנג? גאָט, דאָס הייסט לאַנג! (זי זעצט זיך אַנידער ביי דער פּיאַנאָ.) דו שפּיעלסט ניט? (קייטע שאָקעלט מיט'ן קאָפּ.) און זינגסט ניט? (קייטע שאָקעלט ווידער מיט'ן קאָפּ.) און האָנעס האָט ליעב מוזיק? ניט וואָהר? — איך האָב געשפּיעלט און געזונגען — אַמאָל, שוין לאַנג, לאַנג צוריק. (זי שפּרינגט אויף.) אַלצאיינס! וואָס מען האָט געגאָסען, האָט מען געגאָסען. מען מוז זיך בעגנוגענען. איבער אָט די זאַכען ליגט אַ זיסער ריח, אַ הויך: דאָס איז דאָס בעסטע. ניט אמת, קייטע?

קייטע. כ'ווייס ניט.

אַננאַ. ניט אַלעס, וואָס שמעקט זיס, איז בלויז זיס און זיס דורך און דורך.

קייטע. דאָס קען זיין.

אַננאַ. אַזוי איז עס אין דער ווירקליכקייט. — אַך! פרייהייט!! פרייהייט!!! מען מוז זיין פריי אין יעדער הינזיכט. ניט קיין פאָטער־לאַנד, ניט קיין פאַמיליע, ניט קיין פריינד — מען דאַרף גאָרנישט האָבען! — איצט מוז שוין זיין צייט צו געהן.

קייטע. נאָך ניט, אַננאַ.

(קליינע פּויזע.)

אַננאַ. כ׳קום אָן צו פֿריה קיין ציריך. אַכט פֿולע טעג צו פֿריה.

קייטע. ווירקליך?

אַננאַ. ווען די אַרבייט וועט זיך נור ווידער אָנפֿאַנגען! (פֿאַלט פלוצלינג שלוכצענדיג קייטע׳ן אויף׳ן האַלז.) אַך גאָט! מיר איז אַזוי שלעכט אויף׳ן האַרצען, אַזוי פֿינסטער, אַזוי אומעטיג!

קייטע. דו אָרעמע, אָרעמע אַננאַ!

אַננאַ (זיך האַסטיג פריי-מאַכענדיג). אָבער איך מוז אָבפֿאָהרען. איך מוז.

(קליינע פויזע.)

קייטע. אַננאַ — איידער דו פֿאָהרסט אַוועק — ווילסט דו מיר ניט געבען אַ שטיקעל עצה?

אַננאַ (מיט אַ טרויעריגען, כמעט רחמנות׳דיגען שמייכעל). ליעבע קייטע!

קייטע. דו האָסט עס פֿערשטאַנען... דו האָסט געהאַט אַזאַ גוטען איינפֿלוס אויף איהם.

אַננאַ. האָב איך דאָס? האָב איך עס ווירקליך געהאַט?

קייטע. יאָ, אַננאַ. — און — און אויף מיר אויך. אין פֿיעל הינזיכטען מוז איך דיר דאַנקבאַר זיין. איך האָב אַצונד אויך דעם פֿעסטען ווילען... גיב מיר אָן עצה, ראָטה מיר, וואָס צו טהאָן, אַננאַ.

אַננאַ. איך קען דיר ניט ראָטהען. כ׳האָב מורא, דיר צו ראָטהען.

קייטע. דו האָסט מורא?

אַננאַ. כ׳האָב דיך צו שטאַרק ליעב, צו שטאַרק ליעב, קייטעניו!

קייטע. ווען איך וואָלט וואָס עס איז געקענט טהאָן פֿאַר דיר, אַננאַ!

אַננאַ. דאָס טהאָרסט דו ניט, — קענסט דו ניט.

קייטע. פֿילייכט קען איך דאָך. פֿילייכט ווייס איך, פֿון וואָס דו ליידסט.

אַננאַ. פֿון וואָס לייד איך דען, נאַרעלע?

קייטע. כ'וואָלט עס געקענט זאָגען, נאָר...

אַננאַ. אַה, אונזינן! אונזינן! פֿון וואָס לייד איך דען?! נאַ, נאַ! כ'בין געקומען, כ'פֿאָהר צוריק. ס'איז דאָך גאָרנישט געשעהן. זעהסט דו, אָט שיינט זאָגאַר די זונן ווידער. לאָמיר גאָר מאַכען אַ שפּאַציר איבער'ן גאָרטען — צום אָבשיעד. אַזוי צי אַזוי, הונדערטער און טויזענדער געהט עס ניט בעסער, אָדער — דאָ פֿאַלט מיר איין — כ'מוז נאָך אויף גיך אָנשרייבען אַ פּאָר ווערטער.

קייטע. דאָס קענסט דו טהאָן דאָ. (מאַכט פּלאַץ ביים שרייב-טיש.) אָבער ניין. מינט און פֿעדער זיינען אינעווייניג — ביי האַנעס'ן אין צימער. ער איז איצט ניטאָ דאָרט. קענסט אַריינגעהן אַהין, אַננאַ! (זי עפֿענט די טהיר פֿאַר אַננאַ'ן און בלייבט צוריק.)

(קליינע פּויזע.)

יאָהאַנעס (קומט אַריין פֿון דרויסען. אונרוהיגער ווי פֿריהער). ס'הויבט שוין ווידער אָן רעגענען. — — — מיר וואָלטען געדאַרפֿט בעשטעלען אַ וואָגען.

קייטע. אַצונד איז שוין צו שפּעט דערצו.

יאָהאַנעס. יאָ, ליידער.

קייטע. בראַון איז דאָ געוועזען.

יאָהאַנעס. דאָס לאָזט מיר גאַנץ גלייכגילטיג. וואָס האָט ער דען געוואָלט?

קייטע. ער וועט ווידער קומען צו אונז און אַלעס וועט צוריק גוט ווערען צווישען אייך, ווי געוועזען.

יאָהאַנעס (טהוט אַ לאַך). מאָדנע! דאָס זאָל מיך, הייסט עס, צוציהען? — וואָלטען מיר ניט געקענט אַריבערשיקען — שנעל? — אַך, איבערהויפּט...

קייטע. נאָך אַ וואָגען, האַנעס? ס'איז דאָך ניט וויט ביז'ן וואָקזאַל.

יאָהאַנעס. אָבער נאַס און בלאָטיג, קוים דורכצוגעהן. איבערהויפּט איז עס דאָס אונגינסטיגסטע וועטער צום פֿאָהרען.

קיטע. אַך, ס'איז דאָך נור ביז װאַנען זי װעט זיצען אין װאַגאָן דאַן...

יאָהאַנעס. יאָ, אין אַ פֿול געפּאַקטען װאַגאָן, דריטע קלאַסע, מיט נאַסע פֿיס.

קיטע. זי װעט דאָך געװיס אַרײנגעהן אין דעם דאַמען־װאַגאָן.

יאָהאַנעס. גיב איהר װײניגסטענס מיט דעם גרויסען פֿוס־זאַק.

קיטע. יאָ, יאָ! דו ביסט גערעכט. כ'האָב עס טאַקע אויך אין זינען געהאַט.

יאָהאַנעס. אַך, איבערהויפּט — די גאַנצע זאַך איז עפּעס אַזוי מיט אומפּעט, אין אײלעניש אָבגעבראָכען געװאָרען.

קיטע (ענטפֿערט ניט).

יאָהאַנעס. זי װאָלט געװיס גערן געבליבען נאָך אַ פּאָר טעג.

קיטע (נאָך אַ קלײנער פּויזע). אָבער דו האָסט דאָך עס איהר פֿאָרגעלײגט.

יאָהאַנעס (האַסטיגער). איך טאַקע יאָ, נאָר איהר ניט. דו און מאַמאַ! איהר האָט געשװיגען שטיל, און פֿערשטעהט זיך, אַז זי האָט דאָס געמערקט.

קיטע. אַך, דאָס... נײן... כ'גלויב ניט, האַנעס...

יאָהאַנעס. און אַז צװײ שטעהען אַזוי דערבײ — אַזוי שטום װי די פֿיש, — דאַן פֿערגעהט אײנעם אײנפֿאַך די לוסט, דאַן ענטזאָגט מען זיך ליעבערשט דערפֿון. — — — אײגענטליך קען איך עס ניט אַריבערטראָגען, װאָס מיר שיקען זי אַזוי אַװעק אין נאַכט און נעבעל.

קיטע (געהט צו נעהענטער צו איהם, מיט אַ שרעקעדיג-צערט-ליכען טאָן). נײן, האַנעס, קוק ניט אַזוי פֿאַלש אויף דער זאַך. און איך בעט דיך, האַלט מיך ניט פֿאַר אַזוי שלעכט! װעגען אַװעק־שיקען איז דאָך גאָר קײן רייד ניט, האַנעס!

יאָהאַנעס. װאָס איך פֿעהלט, איז פֿײנפֿיהליגקײט, איהר

זייט בלינד, איהר זעהט קיין זאַך ניט. אויף מיר מאַכט עס דעם איינדרוק, אַזוי ווי מיר וואָלטען איהר איינפאַך געוויזען די טהיר. ווייטער נישט. „דו ביסט שוין גענוג געווען דאָ, אַצונד קענסט דו זיך געהן! — געה זיך דיר וואוהין דו ווילסט. געה אין דער ווייטער וועלט! לעב זיך דיר אַזוי גוט ווי עס לאָזט זיך! שווים, אויב דו ביסט אימשטאַנד צו שווימען." אַזוי קומט עס מיר פאָר, קייטע. העכסטענס ווייזען מיר אַרויס אַ קאַלט געפיהל פון בעדויערן: דאָס איז אַלעס!

קייטע. ניין, האַנעס! אויף אַזויפיעל האָבען מיר דאָך געזאָרגט, אַז זי זאָל ניט דאַרפען ליידען קיין נויטה.

יאָהאַנעס. דו ווייסט דען, צי זי וועט עס אָננעהמען? און אויב יאָ זאָגאַר, איז נאָך דערמיט פערדאַמט ווייניג געטהאָן פאַר איהר. מיט געלד קען נאָך ניט אויסגעפילט ווערן דער מאַנגעל אין פריינדליכקייט, וואָס זי האָט פון אונזער זייט.

קייטע. אָבער, האַנעס! איינמאָל מוז זי דאָך אַוועקפאָהרען.

יאָהאַנעס. אַזוי זאָגען די קרעמער, קייטע. די קליין־גייסטיגע און איינג־האַרציגע מענשען. זי איז דאָ געווען, זי איז געוואָרען אונזער פריינדין, נו זאָגען די קרעמער: אַצונד מוזען מיר זיך צושיידען. דאָס פערשטעה איך ניט. דאָס איז דער פערפלוכ־טער אונזינן, וואָס שטעלט זיך איבעראַל אין וועג, וואָס מאַכט אַ תל פון'ם לעבען.

קייטע. וואָס זשע, דו ווילסט, זי זאָל נאָך בלייבען דאָ?

יאָהאַנעס. איך וויל גאָרנישט. איך זאָג נור אַזויפיעל, אַז עס איז אַ... אַז אונזער אַרט דיינקען איז פונקט אַזוי קלעגליך און איינג־האַרציג, ווי יעדע קרעמערשע דיינקונגס־אַרט. און ווען עס וואָלט זיך געווענדט אָן מיר — אַזויפיעל וויים איך! — ווען איך וואָלט ניט געווען געבונדען הענד און פיס דורך אַלערליי קליינליכע איינזעהענישען, דאַן וואָלט איך שוין געוואוסט ווי אַזוי אָנצוגעהן אין אַזעלכע זאַכען. דאַן וואָלט איך אויף אַן אַנדער אופן ריין געהאַלטען מיין געוויסען. איהר קענט זיך פערלאָזען דערויף!

קיטע. אָבער ווייסט דו, האַנעס! — כ'הויב אָן פיהלען, עפּעס אַזוי ווי איך וואָלט ווירקליך געווען גאַנץ איבעריג דאָ.

יאָהאַנעס. דאָס פערשטעה איך ניט.

קיטע. אַז דו ביסט מיט — מיט מיר אַליין ניט צופריעדען.

יאָהאַנעס. גאָט! פאָטער אין הימעל!! ניין — ווירקליך — הערסט דו! — נאָך דאָס האָט מיר געפעהלט. מיינע נערווען זיינען ניט פון אייזען. דאָס קען איך אויף קיין פאַל ניט אַריבערטראָגען. (ווידער אָב אין גאָרטען.)

פרוי וואָקעראַט (ברייננט אַ טאַס בוליאָן, שטעלט עס אַוועק אויף'ן טיש). נאַ — פאַר דאָס פריילין.

קיטע (מיט אַן אויסברוך פון פערצווייפלונג לויפט זי צו צו פרוי וואָקעראַט, פאַלט איהר שלוכצענדיג אויף'ן האַלז און שטאַמעלט). מוטער'ל — מוטער'ל! כ'מוז אַוועק — אַוועק פון דאַנען — אַוועק פון אָט דעם הויז — אַוועק פון אייך אַלעמען. — דאָס איז צופיעל, צופיעל, מאַמעלע זיסע!

פרוי וואָקעראַט. אָבער אום גאָטעס ווילען! קינדעלע — וואָס...? ווי...? ווער האָט דיר דען...?

קיטע (מיט אויפגעבראַכטקייט אָנשטאָט פערצווייפלונג). ניין, דערצו בין איך נאָך צו גוט. צום אַרויסוואַרפען בין איך צו גוט. איך וואַרף זיך ניט אַוועק! מוטער'ל, כ'מוז גלייך אָבפאָהרען פון דאַנען, גלייך אויף'ן שטעל. מיט'ן שיף — קיין אַמעריקאַ — נאָר אַוועק, אַוועק — קיין ענגלאַנד — וואו קיין מענש קען מיך ניט, וואו...

פרוי וואָקעראַט. אָבער קינד מיינס! — קיין אַמעריקאַ — באַרמהאַרציגער פאָטער! וואָס טהוט זיך דאָ מיט דיר?! ווילסט דו אַוועק פון דיין מאַן, פון דיין קינד? וואָס זשע, פיליפ'ל זאָל אויסוואַקסען אָהן אַ מוטער? דאָס קען דאָך ניט מעגליך זיין!

קיטע. אַך וואָס, אויך מיר אַ „מוטער"! אַ נאַרישע בעשריינקטע פערזאָן האָט ער פאַר אַ מוטער. וואָס טויג איהם

אַזאַ דומע, בעשריינקטע פּערזאָן ווי איך בין! כ'וויים דאָך גאַנץ גוט, ווי דום און בעשריינקט איך בין. זיי האָבען דאָך עס מיר געזאָגט, טאָג פּאַר טאָג. זיי האָבען דאָך מיר אַזוי קליין און קלעגליך געמאַכט, אַז איך בין מיר אַליין נמאס ומאוס. ניין, ניין! אַוועק, אַוועק!

פֿרוי וואָקעראַט. אָבער קייטעניו, בערעכען פֿאָרט... פֿון מאַן און קינד... איך בעט דיך, אום גאָטעס און יעזוס ווילען.

קייטע. וואָס זשע, צי איז ער דען איבערהויפּט געוועזען מיינער? אַפֿריהער האָבען איהם די פֿריינד זיינע געהאַט, איצט האָט איהם אַננאַ. מיט מיר אַליין איז ער קיינמאָל ניט געוועזען צופֿריעדען. איך פֿערפֿלוך מיין לעבען. ס'איז מיר דערווידער, דאָס פֿערפֿלוכטע לעבען.

פֿרוי וואָקעראַט (ברעכט פֿון איהר זייט אויס אין אַן עקסטאַז, ווי אונטער'ן איינדרוק פֿון אַ פּלעצליכען ליכט. איהרע אויסגעגלאָצטע אויגען צינדען זיך אָן, איהר געזיכט ווערט אַלערליי קוליערען). זעהט איהר! זעהט איהר? (זי ווייזט מיט'ן פֿינגער אין דער הויך.) זעהט איהר שוין! וואָס האָב איך געזאָגט? זעהט איהר! אַ הויז, האָב איך געזאָגט, פֿון וואַנען דער ליעבער גאָט איז פֿערטריבען, פֿאַלט צוזאַמען איבער נאַכט. נאַ, אָט האָט איהר עס! מאַכט נור קיין אירטהום ניט! זעהט איהר שוין? וואָס האָב איך געזאָגט? צוערשט לייקענט מען אין גאָט, דאַן ווערט מען אונטריי דער פֿרוי, דאַן... קייטע!!!

קייטע (קעמפּפֿענדיג מיט אַן אָהנמאַכט). ניין, מוטער! ניין, ניין, מוטער! איך... איך...

פֿרוי וואָקעראַט. קייטעניו! — שטאַרק זיך, קום! כ'הער, אימיצער געהט. קום! (אָב מיט קייטע'ן אין שלאָפֿצימער.)

(יאָהאַנעס קומט אַריין פֿון דער וועראַנדאַ.)

(פֿרוי וואָקעראַט עפֿענט אויף די טהיר פֿון שלאָפֿצימער.)

פֿרוי וואָקעראַט. אַך, דאָס ביסט דו גאָר, האַנעס!

(זי קומט אַרויס, אונטערדריקענדיג מיט אַלע כוחות איהר געוואַלטיגע אויפֿרעגונג. זי מאַכט זיך, אַזוי ווי זי וואָלט עפּעס געזוכט אין צימער.)

פֿרוי וואָקעראַט. נו, מיין זוהן!

יאָהאַנעס. וואָס זשע, מוטער?

פֿרוי וואָקעראַט. גאָרנישט. (יאָהאַנעס קוקט אויף איהר מיט פֿרעגענדע בליקען.) וואָס איז, האַנעס?

יאָהאַנעס. ס'האָט אויף מיר געמאַכט דעם איינדרוק אָקוראַט ווי דו וואָלסט... כ'מוז דיר זאָגען, אַז איך קען ניט ליי־דען, ווי איהר קוקט מיר כסדר נאָך די טריט.

פֿרוי וואָקעראַט. האַנעס, האַנעס! ס'איז גוט פֿאַר דיר, וואָס דער ווינטער קומט. דיין צושטאַנד איז אַזוי... דו ביסט פֿריהער קיינמאָל ניט געווען אַזוי העסליך צו מיר. דו מוזט האָ־בען רוה.

יאָהאַנעס. יאָ, יאָ! איהר ווייסט דאָך אימער בעסער ווי איך, וואָס פֿאַר מיר איז גוט.

פֿרוי וואָקעראַט. נאַ, און איבערהויפּט, קייטע איז נאָך אויך ניט אַזוי געזונד ווי זי האָט געדאַרפֿט זיין.

יאָהאַנעס. נאַ, אַננאַ האָט איהר ווירקליך ניט געגעבען קיין איבעריגע אַרבייט.

פֿרוי וואָקעראַט. מעגליך אַז ניט. אָבער דו דאַרפֿסט ניט פֿערגעסען, אַז איך בין שוין אויך אַן אַלטע פֿרוי — און ווי גערן מען זאָל ניט וועלען אַלעם אַליין טהאָן, אָבער די אַלטעביינער שפּאַרען זיך צייטענווייז איין און ווילען מעהר ניט דיענען.

יאָהאַנעס. דאָס דאַרפֿסט דו גאָר ניט טהאָן, דאָס האָב איך דיר שוין הונדערט מאָל געזאָגט. עס זיינען דאָ גענוג דיענ־סטען אין הויז.

פֿרוי וואָקעראַט. אָבער דאָס פֿריילײן מוז דאָך ענדליך אַמאָל צוריקפֿאָהרען צו איהר אַרבייט.

יאָהאַנעס. דאָס איז איהר זאַך.

פֿרוי וואָקעראַט. נאַ, כ'זעה ניט איין! אַלעס מוז זיין מיט אַ מאָס. ס'איז פֿאַלשטענדיג גענוג. זי איז לאַנג גענוג געוועזן דאָ ביי אונז.

יאָהאַנעס. וואָס ווילסט דו דען אייגענטליך? דאָס זעהט

מיר אוים עפּעס אַזוי מאָדנע, אַזוי... איך פֿערשטעה גאָר ניט...

פֿרוי וואָקעראַט. דו ווילסט בעטען פֿריילײן מאַהר צו בלייבען נאָך אַ שטיקעל צייט און...

יאָהאַנעס. נו יאָ, דאָס האָב איך איז זינען צו טהאָן, דאָס וועל איך געוויס טהאָן. גאַנץ געוויס... וואָס זשע, דו האָסט עפּעס דאַגעגען, מוטער?

פֿרוי וואָקעראַט (וואָרנענדיג איהם). מיין זוהן, מיין זוהן! —

יאָהאַנעס. ניין, מוטער! דאָס איז דאָך ווירקליך... עפּעס אַזוי ווי מען וואָלט בעגאַנגען גאָט ווייס וואָס פֿאַר אַ פֿערברעכען. דאָס איז דאָך שוין ניט מעהר...

פֿרוי וואָקעראַט (מיט אַ גוטמוטהיגען ליעבשאַפֿטליכען טאָן). מיין קינד! זיי דאָך פֿערנינפֿטיג! קום! הער מיך אַקאָרשט רוהיג אוים! איך בין דאָך דיין מוטער. איך מיין עס דאָך ווירקליך דיר צו גוטען. ס'איז דאָך איבערהויפּט ניטאָ קיין מענש, וואָס מיינט עס בעסער מיט דיר ווי איך. הער זשע מיך אוים, איך ווייס דאָך, אַז דו האָסט אַן עהרענהאַפֿטען כאַראַקטער — אָבער מיר זיינען שוואַכע מענשען, האַנעס, און... און קייטע נעהמט זיך אַזוי צום האַרצען — און...

יאָהאַנעס (לאַכט). מוטער! האָב קיין פֿאַראיבעל ניט אויף מיר, אָבער איך מוז לאַכען. ס'קומט ווירקליך אַנדערש ניט אוים נאָר לאַכען, מוטער! דאָס איז איינפֿאַך לעכערליך.

פֿרוי וואָקעראַט. האַנעס, האַנעס! שטאַרקערע פֿון דיר זיינען שוין אַריינגעפֿאַלען אין נעץ. אָפֿט כאַפּט מען זיך ערשט, ווען עס איז שוין צו שפּעט.

יאָהאַנעס. אַך, מוטער! אויב איהר ווילט, איך זאָל ניט אַראָב פֿון זינען, דאַן ווי גאָט איז אייך ליעב, קומט ניט צו מיר מיט אַזעלכע זאַכען. פֿערדרעהט מיר ניט דעם קאָפּ, מאַכט מיך ניט פֿערריקט. לייגט מיר ניט אַריין אין די געדאַנקען אַזעלכע זאַכען, וועלכע... טרייבט מיך ניט אין פֿערהעלטניסען, וועלכע ליגען מיר גאָר אין זינען ניט. איך בעט אייך, קינדער.

פֿרוי וואָקעראַט. מסתמא ווייסט דו דאָך, וואָס דו טהוסט, האַנעס! איך זאָג דיר בלויז: גיב אַכטונג!

(פֿרוי וואָקעראַט אָב אין שלאָפֿצימער. פֿרייליין אַננאַ קומט אַריין.)

אַננאַ (דערזעהענדיג יאָהאַנעס'ן). העררדאָקטאָר! (זי געהט צו צום שטוהל, אויף וועלכען עס ליגען איהרע זאַכען און נעהמט דעם רע-גען-מאַנטעל, כדי איהם אָנצוטהאָן). אַצונד געהען מיר.

יאָהאַנעס (שפּרינגט צו און העלפֿט איהר ביים אָנטהאָן). אַלזאָ דאָך?!

אַננאַ (צוקנעפּלענדיג דעם מאַנטעל). און וועגען דעם, וואָס איהר האָט גערעדט — דאָס וועט איהר דאָך מיר באַלד צו-שיקען?

יאָהאַנעס. יאָ, כ'וועל עס ניט פֿערגעסען. זעהט איהר, פֿרייליין אַננאַ, כ'וואָלט וויינינגסטענס געקענט זיין אַ האָרעלע בע-רוהיגטער. ווילט איהר אונז ניט ערלויבען דאָס רעכט פֿון פֿריינד?

אַננאַ. איהר טהוט מיר וועה דערמיט, העררדאָקטאָר!

יאָהאַנעס. נו גוט. איך וועל עס מעהר ניט דערמאָנען. אָבער דאָס זאָגט איהר מיר דאָך צו — אויב איהר וועט זיך געפֿינען אין אַ שווערער לאַגע. אויב אַנדערע זאָלען זיך דאַרפֿען טהיילען מיט אייך, דאַן זיינען מיר דאָך געוויס בערעכ-טיגט דערצו.

יאָהאַנעס (געהט און רופֿט אַריין אין שלאָפֿצימער). מוטער! קייטע!

(קייטע און פֿרוי וואָקעראַט קומען אַרויס.)

אַננאַ (גיט פֿרוי וואָקעראַט'ן אַ קוש אין האַנד). כ'דאַנק אייך טויזענד, טויזענד מאָל. (קייטע און אַננאַ צוקושען זיך האַרצליך.) דו גוטע, ליעבע קייטע! — און שרייב אָקאָרשט!

פֿרוי וואָקעראַט. איך ווינש אייך אַלדאָס גוטס, פֿריי-ליין אַננאַ!

קייטע. יאָ — און לעב... (זי וויינט.) לעב גליקליך, לאָז...

(זי קען מעהר קיין וואָרט ניט אויסריידען פֿון שלוכצען.)

(יאָהאַנעס טראָגט אַננאַ'ס טעשעל. קייטע און פֿרוי וואָקעראַט בעגלייטען זי אויך אַרויס אויף דער וועראַנדאַ. דאָרט טרעפֿען זיי זיך אָן מיט בראַון'ן, וועלכער געזעגענט זיך מיט אַננאַ'ן. מען צושיידט זיך. פֿרוי וואָקעראַט, קייטע און בראַון בלייבען אויף דער וועראַנדאַ. קייטע ווינקט מיט אַ טאַשען-טיכעל. דערנאָך קומען זיי צוריק אַריין אין צימער.)

פֿרוי וואָקעראַט (טרייסטענדיג קייטע'ן, וועלכע וויינט נאָך אַלץ). נאַ קינדעלע, קינדעלע! בערוהיג זיך! נישקשה, זי וועט עס אַריבערטראָגען — זי איז יונג.

קייטע. די ריהרענדע, אומעטיגע אויגען, וואָס זי האָט. אַך, זי האָט דאָך אַזוי פֿיעל געליטען אין איהר לעבען!

פֿרוי וואָקעראַט. קיינער פֿון אונז איז ניט אונטערגעבעט מיט רויזען, קייטעניו.

קייטע. אַך, ס'איז דאָ אַזוי פֿיעל צרות אויף דער וועלט! (אָב אין שלאָפֿצימער.)

(קליינע פּויזע.)

פֿרוי וואָקעראַט. נאַ, דעם בוליאָן האָט זי דאָך געלאָזט שטעהן. (נעהמט די שאָל און וויל זי אַרויסטראָגען. בלייבט שטעהן לעבען בראַון'ן.) הערר בראַון! איך מוז אייך זאָגען: אין די לעצטע צעהן מינוטען, הערט איהר, האָב איך וואָס דורכגעמאַכט. (זי מאַכט נאָך אַ פּאָר טריט, דאַן ווערט זי פּלוצלינג איבערוועלטיגט פֿון שוואַכקייט און מוז זיך אַנידערזעצען.) אַצונד דערפֿיהל איך עס — כ'שפּיר עס אין יעדען גליעד. ווי דערשלאָגען בין איך!

בראַון. וואָס זשע, ס'איז עפּעס פֿאָרגעקומען, פֿרוי וואָקעראַט?

פֿרוי וואָקעראַט. אייגענטליך בין איך דאָך צופֿריעדען. כ'וואָלט מעהר גאָרנישט געוועדט, ווען עס זאָל נאָך אַזוי אָבלויפֿען. דער ליעבער גאָט האָט אונז איינפֿאַך געוואָרענט, מיט'ן פֿינגער געוואָרענט — און איך — איך האָב איהם פֿערשטאַנען — — — איהר זייט דאָך אַזאַ איינער, וואָס גלויבט ניט אין גאָט! יאָ, יאָ! אָבער גלויבט אַן אַלטע ערפֿאַהרענע פֿרוי, הערר בראַון! אָהן איהם קען מען ניט אויסקומען. מען גליטשט זיך אויס און מען פֿאַלט פֿריהער אָדער שפּעטער. (קליינע פּויזע.) איך רייד דאָך נור

אַזוי — (זי וויל זיך אויפהויבען, איז נאָך אָבער אימער שוואַך.) ס'וויל גאָר ניט בעסער ווערן. — ווער ווייס, צי איך וועל ניט האָבען צו ליידען דערפון! (זי הערט זיך צו צו אַ געראוויש אין קאָרידאָר.) ווער איז דען דאָ? — אין הויז? אימיצער געהט דאָך אויף די טרעפ. — אַה, כ'האָב גאָר פערגעסען! מיר וואַשען דאָך מאָרגען. די מיידלאַך וויקען איין די וועש. — נו, איז כאָטש געוואָרען אַביסעל רוהיג אין שטוב, אַצונד וועט מען ווידער קענען עפּעס טהאָן. (קליינע פויזע.) זעהט איהר, אַזאַ גאָלדענער כאַראַקטער — אַזאַ עהרענהאַפטער, אונבעפלעקטער מענש ווי יאָהאַנעס... זעהט איהר, וואוהין עס פיהרט, ווען מען פערלאָזט זיך אויף די אייגענע קראַפט. ס'קלינגט אַזוי גרויסאַרטיג, ווי איהר זאָגט: אונזער רע־ליגיאָן איז אַ רעליגיאָן פון טהאַט. אָט זעהט איהר שוין, וואָס עס ווערט דערפון. דער ליעבער גאָט קעהרט זיי אום מיט איין בלאָז, אָט די קאָרטען־הייזלאַך אונזערע.

(יאָהאַנעס צוהיצט, ניט גאַנץ זיכער, לויפט אַריין דורך דער טהיר פון קאָרידאָר.)

יאָהאַנעס. קינדער, זי בלייבט!

פרוי וואָקעראַט (פערשטעהט ניט, וואָס דאָס מיינט). ווער — האַנעס! — ווער בלייבט?

יאָהאַנעס. נאַ, זי בלייבט נאָך אַ פּאָר טעג, מוטער! פריילין אַננאַ, הייסט עס.

פרוי וואָקעראַט (ווי פון אַ דונער געטראָפען). פריילין אַננאַ בל . . . וואו איז זי דען?

יאָהאַנעס. ביי זיך אין צימער איז זי, מוטער. אָבער איך פערשטעה ניט...

פרוי וואָקעראַט. האָסט עס אַלזאָ דאָך געטהאָן?

יאָהאַנעס. איך בעט אייך זעהר, טהוט מיר צוליעב און מאַכט ניט אַזאַ מורא'דיגען ווזען דערפון, עס...

פרוי וואָקעראַט (הויבט זיך אויף, מיט אַ בעפעהלענדען טאָן). האַנעס! הער מיך אוים! (מיט בעטאָנונג.) איך זאָג דיר: די דאַמע האָט דאָ מעהר גאָרנישט וואָס צו טהאָן. די דאַמע מוז

אויף יעדען פאַל פערלאָזען דאָס הויז. איך פערלאַנג עס אונ־בעדינגט.

יאָהאַנעס. מוטער, ביי וועמען אין הויז זיינען מיר דאָ?

פרוי וואָקעראַט. אָה דו, דאָס ווייס איך. כ'ווייס עס צו גוט. מיר זיינען אין דעם הויז פון אַ... פון אַ מענשען, וועל־כער האָט פערגעסען, וואָס פליכט איז... און אַזוי ווי דו דערמאָנסט מיך אָן דעם, נאַ—נאַטירליך, נאַטירליך! — קען איך אָט דער... אָט דער פּערזאָן אָבטרעטען דעם פּלאַץ.

יאָהאַנעס. מוטער! דו רעדסט וועגען פרייליין אַננאַ אין אַ טאָן, וואָס איך קען ניט פערטראָגען.

פרוי וואָקעראַט. און דו רעדסט מיט דיין מוטער אין אַ טאָן, וואָס טרעט אַריבער דאָס פערטע געבאָט.

יאָהאַנעס. מוטער, איך וועל זיך קאָנטראָלירען. אָבער האָט איינזעהן מיט מיין זעעלען־צושטאַנד. אַניט קען נאָך וואָס עס איז פּאַסירען... אַז איהר וועט מיך טרייבען דערצו, קען איך נאָך אָבטהאָן עפּעס, וואָס איך וועל דערנאָך אַליין ניט קענען גוט מאַכען...

פרוי וואָקעראַט. ווער עס לייגט די האַנד אויף זיך, איז פערדאַמט אין צייט און אייביגקייט.

יאָהאַנעס. אַלצאיינס. דאַן... דאַן דאַרפט איהר דאָפּעלט פאָרזיכטיג זיין.

פרוי וואָקעראַט. איך וואַש אָב מיינע הענד אין אונ־שולד. איך פאָהר אַהיים.

יאָהאַנעס. מוטער!

פרוי וואָקעראַט. איך אָדער אָט די פּערזאָן.

יאָהאַנעס. דו פערלאַנגסט אַ זאַך, וואָס איז אונמעגליך. איך האָב זי קוים מיט צרות איבערגערעדט, זי זאָל בלייבען. זאָל איך אַצונד שטעהן פאַר איהר ווי... ליעבערשט וועל איך זיך דערשיסען.

פרוי וואָקעראַט (מיט אַ פּלעצליכען ענטשלוס). גוט —

דאַן געה איך אַרויף. כ'וועל איהר אָפּען און דייטליך אַרויסזאָגען מיין מיינונג. אָט די דורכגעטריבענע קאָקעטקע! אָט די... זי האָט דיך פערדרעהט אין איהר נעץ.

יאָהאַנעס (פערשטעלט איהר דעם וועג). מוטער, דו וועסט ניט אַרויפגעהן! זי שטעהט אונטער מיין שוץ, און איך וועל קיינעם ניט דערלאָזען זי צו בעליידיגען. — קיינעם ניט!

בראַון. האַנז, האַנז!...

פרוי וואָקעראַט. גוט, גוט, כ'זעה שוין — עס איז... ס'האַלט ווייט מיט דיר. (אָב דורך דער קאָרידאָר טהיר.)

בראַון. אָבער האַנעס, וואָס איז פאָרט געשעהן מיט דיר?!

יאָהאַנעס. לאָזט מיך צורוה — איהר זעלענ-פערדאַרבער איהר!

בראַון. וואָס מאַכסט דו זיך נאַריש, האַנעס! איך הייס בראַון. איך האָב ניט די אַבזיכט דיר צו פריידיגען מאָראַל.

יאָהאַנעס. איהר פראָסטיטוירט מיינע געדאַנקען. דאָס איז גייסטיגער צוואַנג. איהר מאַרטערט מיך דערמיט. איך רייד מעהר קיין וואָרט ניט.

בראַון. האַנז! איצט איז ניט די צייט צו שווייגען. די זאַך האַלט אַזוי, אַז דו ביסט געוויסערמאַסען פערפליכטעט צו ריידען. פרוביר פאָרט ווערן אַביסעל קיהלער.

יאָהאַנעס. וואָס ווילט איהר דען וויסען? און וואָס זיינען מיר דען אָנגעקלאָגט? קינדער, דאָס וועט איהר ביי מיר ניט פועל'ן, איך זאָל זיך פערענטפערן פאַר אייך, אייך ווייזען, אַז איך בין אונשולדיג. דאָס פערטראָגט מיין שטאָלץ ניט, פערשטעהסט... עקעלהאַפט!... דער געדאַנק בלויז.

בראַון. זעהסט דו, האַנז! איך פאַס אויף די זאַך גאַנץ ניכטער.

יאָהאַנעס. קענסט זי פון מיינעטוועגען אויפפאַסען ווי דו ווילסט. אָבער האַלט עס ביי זיך, כ'בעט דיך. זאָג מיר גאָרניט דערפון, וואָרים יעדעס וואָרט איז פאַר מיר ווי אַ שמיץ אין פנים!

בראַון. האַנז, דו מוזט צוגעבען, אַז דו שפּיעלסט זיך מיט פייער.

יאָהאַנעס. כ'מוז גאָרנישט צוגעבען. איהר האָט גאָרנישט וואָס צו אורטהיילען איבער מיין פערהעלטניס צו אננאַ'ן.

בראַון. דו קענסט דאָך ניט לייקענען, אַז דו האָסט געוויסע פליכטען צו דיין פאַמיליע.

יאָהאַנעס. און דו קענסט דאָך ניט לייקענען, אַז איך האָב געוויסע פליכטען צו מיר אַליין. זעהט איהר, איהר האָט געהאַלטען אין איין בעריהמען זיך, אין איין שיטען מיט פראַזען — און קוים מאַך איך נור דעם ערשטען פרייען שריט, ווערט איהר שוין פערציטערטע און איהר הויבט שוין אָן ריידען פון פליכטען, איהר...

בראַון. האָסט אַ טעות; ניט דאָס האָב איך געמיינט. וואָס הייסט פליכטען?! אַלעס וואָס איך וויל איז, דו זאָלסט זעהן די זאַך מיט קלאָהרע אויגען. עס האַנדעלט זיך דאָ וועגען אָט וואָס: אָדער אננאַ אָדער דיין פאַמיליע.

יאָהאַנעס. נאַ, הער צו, דו ביסט איינפאַך פון זינען אַראָב. וואָס זשע, איהר ווילט מיר, הייסט עס, מיט געוואַלט אַריינקלאַפּען אין קאָפּ אַ קאָנפליקט, אַ קאַמפּף, וועלכער עקזיס־טירט גאָרנישט. ס'איז דאָך ניט אמת, דאָס וואָס איהר זאָגט. איך האָב גאָרנישט, וואָס צו ענטשיידען. דאָס, וואָס פערבינדט מיך מיט אננאַ'ן, איז ניט דאָס וואָס פערבינדט מיך מיט קייטע'ן. איינס דאַרף ניט שטערן דאָס צווייטע. ס'איז פריינדשאַפט, פער־ריקטע מענשען וואָס איהר זייט! ס'נעהמט זיך דערפון, וואָס מיר זיינען גייסטיג עהנליך איינס צום אַנדערן, וואָס מיר האָבען זיך אויף אַן עהנליכען אופן ענטוויקעלט. דערפאַר פערשטעהען מיר זיך נאָך דאָרט, וואו אַנדערע פערשטעהען אונז ניט, וואו איהר האָט מיך ניט פערשטאַנען. זינט זי איז דאָ, בין איך גאָר אַ נייער מענש, אַזוי ווי ווידערגעבוירען. איך האָב צוריקגעקראָגען מיין מוטה און מיין זעלבסט־רעספּעקט. כ'פיהל אין זיך אַ קראַפט צום שאַפען, און איך פיהל, אַז דאָס אַלעס איז געוואָרען אונטער איהר

האַנד — אַז זי איז אַ נויטוועגדיגקייט צו מיין ענטוויקלונג. אַלס פֿריינדין, דו פֿערשטעהסט? וואָס זשע, ס'איז גאָר ניט מעגליך, אַז מאַן און פֿרוי זאָלען זיין פֿריינד?

בראַון. האַנעס! נעהם ניט פֿאַר אומגוט, אָבער איך מוז דיר זאָגען, אַז דו ביסט קיינמאָל ניט אימשטאַנד געווען צו קוקען אויף דער זאַך מיט ניכטערע, קלאָהרע אויגען.

יאָהאַנעס. מענשען, איהר ווייסט ניט, וואָס איהר טהוט! זאָג איך אייך. איהר אורטהיילט נאָך אַ קלעגליכער שאַבלאָן, וואָס איך טרעט איינפֿאַך מיט די פֿיס. אויב איהר האָט מיך ליעב, טאָ שטערט מיך ניט. איהר האָט גאָר קיין אַהנונג ניט, וואָס אין מיר קומט פֿאָר. אַז עס זיינען פֿאַרהאַן געפֿאַהרען, איצט נאָך אייערע אַטאַקען, דאָס קען גאַנץ מעגליך זיין. אָבער איך האָב דעם ווילען זיך צו פֿערזיכערן מיט דעם, וואָס איז פֿאַר מיר אַ לעבענס־בעדינגונג, ניט אַריבערטרעטענדיג דערביי די גרענעצען מיינע. איך האָב דעם פֿעסטען ווילען דערצו, פֿערשטעהסט?

בראַון. דאָס איז דיין אַלטער פֿעהלער, האַנעס. דו ווילסט פֿעראייניגען אַזעלכע זאַכען, וועלכע לאָזען זיך ניט פֿעראייניגען. נאָך מיין מיינונג איז פֿאַרהאַן בלויז איין מעגליכקייט — דו זאָלסט אַרויספֿגעהן צו איהר, איהר ערקלעהרען די זאַך, ווי זי איז אין דער ווירקליכקייט, און איהר בעטען, זי זאָל אָבפֿאָהרען.

יאָהאַנעס. ביסט פֿאַרטיג? ביסט דו ענדליך פֿאַרטיג? נאַ, כדי דו זאָלסט וויינגסטענס אין דעם פּונקט זיין קלאָהר און ניט פֿערשוועגדען קיין ווערטער אומזיסט, זאָג איך דיר: (מיט בלוי־צענדע אויגען, בעטאָנענדיג יעדעס וואָרט.) דאָס, וואָס איהר ווילט, וועט ניט געשעהן!!! — איך בין ניט דער, וואָס איך בין ערשט מיט אַ קורצער צייט צוריק געווען, בראַון! איך ווער רעגירט פֿון אַ גאַנץ אַנדער גייסט; איהר און אייער מיינונג האָט מעהר קיין שום מאַכט ניט איבער מיר. איך האָב זיך אַליין געפֿונען און וועל זיין איך אַליין, איך אַליין, ניט קוקענדיג אויף אייך אַלעמען! (שנעל אָב אין שטודיר־צימער.)

בראַון (ציהט מיט די אַקסלען).

פערטער אקט.

צייט: נאָכמיטאָג צווישען פיער און פינף. ביים טיש זיצען קייטע און פרוי וואָקעראַט. קייטע נייהט אַ קינדער-העמדעל; פרוי וואָקעראַט איז בע-שעפטיגט מיט שטריקען. קייטע קוקט אויס זעהר קראַנק און אָבגעצעהרט. עס געהען פערביי עטליכע סעקונדען. יאָהאַנעס קומט אַרויס פון שטודיר-צימער. ער האָט דעם הוט נאָך ניט רעכט אַרויפגעזעצט אויף'ן קאָפּ, דעם זומער-פּאַלטאָ נאָך ניט אין גאַנצען אָנגעטהאָן. ער האָט בדעה אַרויסצוגעהן אויף אַ שפּאַציר.

יאָהאַנעס. אַננאַ איז שוין אַוועק?

פרוי וואָקעראַט (גיט אַ ציה מיט דער נאָז). נאָר וואָס אַרויס.

יאָהאַנעס (געהט צו צו קייטע'ן און גיט איהר אַ קוש אויף'ן שטערן). ווי איז דאָס, נעהמסט דו באָטש רעגעלמעסיג דיין מע-דיצין?

פרוי וואָקעראַט. אַך, די דומע מעדיצין! אַ שפּאַס וואָס דאָס קען שוין נוצען! כ'וויס, וואָס עס וואָלט געקענט בעסער ווירקען ווי דאָס.

יאָהאַנעס. אַך מוטער, מוטער!!

פרוי וואָקעראַט. נאַ, שוין, שוין! כ'רייד דאָך מעהר גאָרנישט.

קייטע. יאָ, יאָ! כ'נעהם זי רעגעלמעסיג. מיר איז דאָך איבערהויפּט גאָרנישט.

יאָהאַנעס. דו זעהסט היינט ווירקליך אויס בעסער.

קייטע. און איך פיהל אויך בעסער.

יאָהאַנעס. נאַ, זעה זיך אָקאָרשט גוט צו. אַדיע! מיר קו-מען באַלד צוריק.

קיטע. איהר געהט ווייט?

יאָהאַנעס. נור אַביסעל אין וואַלד. צום ווידערזעהן! (אָב איבער די ווערענדאַ.)

(קליינע פויזע. מען הערט דאָס ברויזען און רוישען פון אַן אייזענבאַהן-צוג, גלייך נאָכדעם דעם קלאַנג פון דעם באַהן-גלאָק פון ווייטען.)

פרוי וואָקעראַט. דו הערסט? דער גלאָק פון וואָקזאַל.

קיטע. דאָס פערטראָגט דער ווינד אַהער דעם קלאַנג, מוטער! (זי לאָזט אַראָב די אַרבייט אויף די קניע און פערטראַכט זיך.)

פרוי וואָקעראַט (טהוט אַ קוק אויף איהר). וועגען וואָס טראַכסט דו, קיטעניו זיסע?

קיטע (נעהמט צוריק די אַרבייט אין דער האַנד). אַך — וועגען פערשיעדענע זאַכען.

פרוי וואָקעראַט. וועגען וואָס, צום ביישפיעל.

קיטע. איך וואָלט וועלען וויסען, צי עס זיינען פאַראַהאַן מענשען, וואָס האָבען גאָרנישט, אויף וואָס חרטה צו האָבען.

פרוי וואָקעראַט. זיכער ניט, קייטעניו!

קיטע (האַלט די נייה-אַרבייט איהרע פאַר דער שווינער). ווי מיינסט דו, מוטער'ל, זאָל איך געבען געדיכטע שטעך — דאָ אַרום? (נעהמט אָן דאָס העמדעל אויבען און אונטען און ציהט עס אויס.) כ'מיין, ס'וועט זיין לאַנג גענוג.

פרוי וואָקעראַט. נור ניט צו קורץ. ליעבערשט אַביסעלע צו לאַנג. די קינדער וואַקסען דאָך אַזוי שנעל.

(ביידע אַרבייטען פלייסיג ווייטער. קליינע פויזע.)

קיטע (נייהענדיג). האַנעס האָט צייטענווייז געהאַט גענוג צו ליידען פון מיר — פון מיינע קאַפריזען. כ'האָב איהם אָפט בעדרויערט. אָבער וואָס קען מען זיך העלפען, אַז מען האָט אַזאַ נאַטור? דאָס איז דאָס אונגליק! (מיט אַ קורצען, ביטערן לאַך.) איך בין געווען צו זיכער. כ'האָב אַליין ניט געוואוסט, וואָס מיט מיר טהוט זיך. (זי זיפצט.) — דאָ, ביים העמדעל זיצענדיג, קומט מיר עפּעס אַרויף אויף'ן זינען: אין גנאַדענפריי איז געווען אַן אַלטע ווערטערין... דאָרט אין אַנשטאַלט. די האָט זיך אַליין געוועבט

איהרע תכריכים און זיי זיינען ביי איהר שוין פון יאָהרען־לאַנג געלעגען אין אַ שופלאַד. איינמאָל האָט זי עס מיר געוויזען. איז מיר געוואָרען אַזוי מרה שחורה'דיג אויף'ן האַרצען.

פרוי וואָקעראַט. די נאַרישע אַלטע פרוי!

(קורצע פויזע.)

קייטע (נייהענדיג). וואָס פאַר אַ פיינער יונג דער קליינער פידלער איז! נעכטען האָב איך איהם אַביסעל אַרויפגענומען און איהם געוויזען בילדער. דאָ פרעגט ער מיך: ניט וואַהר, מוהמע קייטע, דער שמעטערלינג איז דער מאַן און די ליבעללע איז זיין פרוי?

פרוי וואָקעראַט (לאַכט גוטמוטהיג).

קייטע. דאָס זיס קינד! און דאַן האָט ער מיר מיט'ן פינגער געקלאַפּט אויף די אויגען־לעדעלאַך און געפרעגט: ניט וואַהר, די אויגען שלאָפען דאָ אינעווייניג?

פרוי וואָקעראַט. וואָס פאַר שעהנע איינפעלע קינדער האָבען צייטענווייז!

קייטע (מיט אַ מילדער מרה שחורה'דיגער לוסטיגקייט). און דאַן זאָגט ער פונקען אָנשטאָט פונקען. דערמיט רייץ איך זיך מיט איהם שטענדיג.

פרוי וואָקעראַט. קאָמיש, פונקען! (זי לאַכט.)

קייטע (לאָזט די אַרבייט אַראָבפאַלען אין שויס). און וואָסערע שמערצען מען האָט עס אויך אַלס קינד! איך געדיינק נאָך, אַז איך בין געוועזען קליין, יאָהרען־לאַנג — קוים פלעג איך נור פערביינעהן פערביי אַ קאַרטאָפעל־פעלד — האָב איך אַזוי האַרציג געבעטען דעם ליעבען גאָט: אַך, ליעבער גאָט! לאָמיך כאָטש איין איינציג מאָל געפינען אַ גרויסען טויטענקאָפ־שמעטערלינג.— כ'האָב איהם אָבער קיינמאָל ניט געפונען. — (זי הויבט זיך אויף מיעד. זיפצענדיג:) שפּעטער האָט מען אַנדערע שמערצען.

פרוי וואָקעראַט. וואו ווילסט דו געהן? זיץ נאָך אַ ווייל.

קייטע. כ'מוז אַ קוק טהאָן, צי פיליפּ'ל איז אויף.

פֿרוי וואָקעראַט. קיטע, ניט אַזוי אונרוהיג! ס'ווערט דאָך אַלצדינג בעזאָרגט.

קיטע (איז געבליבען שטעהן לעבען שטוהל, מיט דער האַנד אויף'ן שטערן). לאָז מיך, מוטער'ל! איך מוז דיינקען.

פֿרוי וואָקעראַט (מיט אַ מילדען טאָן). דו מוזט גאָרנישט דיינקען! קום, דערצעהל מיר בעסער נאָך עפּעס! (ציהט זי צוריק אַראָב אויף'ן שטוהל.) אָט אַזוי — זעץ זיך אַנידער. — יאָהאַנעס האָט אויך קינד־וויז געהאַט אַזעלכע שעהנע איינפֿעלע.

קיטע (זיצט ווי אַ פֿערגליווערטע, די אָפֿענע אויגען אויסגעשטעלט אויף דעם פּאָרטרעט, וואָס היינגט איבער דער פּיאַנאָ). אַך, דער גוטער פּאַפּאַ אין זיין לאַנגען מאַנטעל! ס'האָט זיך איהם קיינמאָל ניט גע'חלום'ט אפילו, וואָס זיין טאָכטער... (איהר שטימע ווערט דערשטיקט פֿון טרעהרען.)

פֿרוי וואָקעראַט (בעמערקט עס). אָבער קיטע זיסע!

קיטע (קוים וואָס זי רעדט). אַך, כ'בעט דיך, לאָז מיך צורוה!

(ביידע אַרבייטען אַ קורצע ווילע ווייטער.)

קיטע (גייהענדיג). זאָג, מוטער! דו האָסט זיך געפֿרעהט, ווען יאָהאַנעס איז געבוירען געוואָרען?

פֿרוי וואָקעראַט. פֿון גאַנצען האַרצען, קיטעניו! וואָס זשע, דו ניט, מיט פֿיליפּ'לען?

קיטע. כ'ווייס ווירקליך ניט. (הויבט זיך ווידער אַמאָל אויף.) אַך! כ'וועל זיך ליעבערשט צולייגען אַביסעל.

פֿרוי וואָקעראַט (הויבט זיך אויך אויף, גלעט קיטע'ס האַנד). יאָ, יאָ! אויב דו פֿיהלסט ניט גוט.

קיטע. נעהם אַקאָרשט אָן מיין האַנד, מוטער!

פֿרוי וואָקעראַט (טהוט עס). נו? זי איז אייז־קאַלט, מיין קינד!

קיטע. נעהם אַקאָרשט די נאָדעל! (דערלאַנגט איהר די נייה־נאָדעל.)

פֿרוי וואָקעראַט (נעהמט זי ניט גלייך). יאָ — וואָס זאָל איך דען טהאָן דערמיט?

קייטע. זעה נאַר! (שטעכט זיך שנעל אַריין די נאָדעל עטליכע מאָל אין דער האַנד-פלעך.)

פרוי וואָקעראַט (טהוט איהר אַ כאַפּ ביי דער האַנד). אָבער דו! דו! וואָס טהוסט דו פאָרט?

קייטע (מיט אַ שמייכעל). ס'טהוט גאָרנישט וועה. קיין האָר אויך ניט. איך הויב גאָרנישט אָן צו פיהלען.

פרוי וואָקעראַט. וואָס זיינען דאָס פאַר אידעען! קום, קום! לייג זיך צו אַביסעל! יאָ, יאָ! לייג זיך צו! (פיהרט אָב קייטע'ן אין שלאָפצימער, זי דערביי אונטערהאַלטענדיג אַביסעל.)

(נאָך אַ קליינער פויזע קומט אַריין בראַון. נעהמט אַראָב דעם הוט, טהוט זיך אויס דעם אויבער-ראָק, הייגגט זיי ביידע אויף אויפ'ן קליידער-האָקען.)

פרוי וואָקעראַט (שטעקט אַרויס דעם קאָפּ דורך דער טהיר פון שלאָפצימער). אַך, דאָס זייט איהר, הערר בראַון.

בראַון. גוטען טאָג, פרוי וואָקעראַט!

פרוי וואָקעראַט. כ'קום גלייך אַריין. (זי ציהט צוריק דעם קאָפּ. אין עטליכע סעקונדען אַרום קומט זי אַרויס, לויפט צו צו בראַון'ן און שטופּט איהם האַסטיג אַריין אַ טעלעגראַמע אין דער האַנד.) כ'בעט אייך, גיט מיר אַן עצה, הערר בראַון! (אין דער צייט, וואָס ער לייענט, נעהמט זי ניט אַראָב קיין אויג פון איהם און קוקט אויף דעם אויסדרוק פון זיין געזיכט.)

בראַון (נאָכדעם ווי ער האָט איבערגעלייענט). האָט איהר דעם הערר וואָקעראַט געלאָזט וויסען, וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך?

פרוי וואָקעראַט. קיין וואָרט ניט וועגען דעם. ניין, ניין, ניין! כ'האָב קיין האַרץ ניט געהאַט עס צו טהאָן. כ'האָב איהם בלויז געשריבען, ער זאָל אַריבערקומען, וועיל... וועיל איך וויים דאָך ניט, ווען איך וועל קענען אָבפאָהרען פון דאַנען, און וועיל קייטע איז דאָך נאָך אַלץ ניט מיט אַלעמען! ווייטער האָב איך גאָרנישט געשריבען. ניט אַמאָל, אַז פרייליין אַננאַ איז נאָך דאָ, הערר בראַון.

בראַון (נאָך אַ קורצער איבערלייגונג, ציהט מיט די אַקסלען). נאַ, כ'ווייס ווירקליך ניט וואָס צו זאָגען דערויף.

פרוי וואָקעראַט (נאָך אונרוהיגער). וואָס זשע, איהר דיינקט, אַז עס איז ניט געווען ריכטיג פון מיר? ס'וואָלט געווען בעסער, ווען איך שרייב גאָרנישט? אָבער קייטע קומט דאָך מיר אום אונטער די הענד. אַז זי זאָל זיך, בעהיט גאָט, אַוועקלייגען, דאַן... דאַן ווייס איך ווירקליך ניט, וואָס עס קען נאָך געשעהן. און שוין איצט זאָגאַר, מוז זי זיך אַלע ווילע אַנידערלייגען, אין די קליידער אויף'ן בעט. גראָד איצט ליגט זי ווידער. כ'קען עס שוין מעהר ניט אַריבערטראָגען. כ'קען דאָך ניט נעהמען אויף זיך אַליין די פעראַנטוואָרטליכקייט, הערר בראַון. (זי מוז זיך אויסווישען די אויגען.)

בראַון (קוקט אַריין אין דער טעלעגראַמע). מיט'ן זעקס אַזייגער'דיגען צוג קומט הערר וואָקעראַט? און ווי שפעט איז איצט?

פרוי וואָקעראַט. נאָך קיין האַלב פינף ניט.

בראַון (נאָכדעם ווי ער האָט זיך ווידער אויף אַ ווײַלע פערטראַכט). ווי איז דאָס, ס'האָט זיך גאָרנישט געענדערט אין די אַכט טאָג?

פרוי וואָקעראַט (שאָקעלט אומעטיג מיט'ן קאָפ). גאָרנישט.

בראַון. זי האָט גאָר קיין איין מאָל ניט געגעבען אָנצודייטען, אַז זי דיינקט אָבצופאָהרען?

פרוי וואָקעראַט. ניין — קיין איין מאָל ניט. און יאָהאַנעס, דער איז איינפאַך ווי פער'כשוף'ט. ער איז דאָך אימער געווען לייכט אויפגערעגט צו ווערן, אָבער ער האָט פונדעסטוועגען פאָרט געטהאָן, וואָס מען האָט געוואָלט. אַצונד זעהט ער ניט און הערט קיינעם ניט. נור אָט די פערזאָן, נור אָט די פערזאָן. ניט דער מאַמע'ן, ניט דער פרוי — קיינעם ניט, הערר בראַון. אַך, גאָט! וואָס טהוט מען פאָרט? כ'מאַך דאָך גאַנצע נעכט קיין אויג ניט צו. איך האָב שוין איבערלייגט אַהין און אַהער. וואָס טהוט מען פאָרט?

בראַון. כ'ווייס ווירקליך ניט, צי ס'איז גוט, וואָס הערר וואָקעראַט קומט אַהער. האַנעס וועט דורך דעם בלויז ווערן נאָך מעהר אויפגערעגט, אַסך מעהר ווי איצט... און דאַן... דאַן וועט ער זיין געצוואונגען... ווייסט איהר? צייטענווייז פיהל איך איבער־הויפּט — עפּעס אַזוי ווי יאָהאַנעס וואָלט זיך אַליין ווען צוריק אַרויסאַרבייטען פון'ם נעץ.

פרוי וואָקעראַט. דאָס האָב איך דאָך אַליין אויך גע־גלויבט. דערפאַר האָב איך זיך דאָך געלאָזט איבעררעדען, דעמאָלט ווען ער האָט זי צוריקגעבראַכט. דערפאַר בין איך דאָך געבליבען דאָ, אָבער עס ווערט דאָך וואָס ווייטער אַלץ ערגער. מען טאָר דאָך שוין גאָר ניט דערוועגען זיך אויסריידען אַ וואָרט וועגען דעם. און קייטע'ן טאָר איך אויך גאָרנישט זאָגען. צו וועמען דען זאָל איך זיך ווענדען דערמיט?

בראַון. ווי איז דאָס? קייטע האָט גאָר קיינמאָל ניט גע־רעדט מיט האַנעס'ן וועגען דעם?

פרוי וואָקעראַט. יאָ, איינמאָל — זיינען זיי אויף געווען ביז האַלבע נאַכט. גאָט ווייס, וואָס זיי האָבען דאָרט גערעדט. אָבער קייטע האָט צופיעל געדולד. זי נעהמט זיך נאָך אָן פאַר האַנעס'ן, ווען איך זאָג אַמאָל וואָס עס איז. ניט אַמאָל אָט די... אָט די דאַמע... אָט די זאָגענאַנטע — זאָגאַר אויף איהר זעהט זי אויך ניט קיין שלעכטס. אויך פאַר איהר נעהמט זי זיך צייטענווייז אָן.

(קליינע פּויזע.)

בראַון. כ'האָב שוין געקלעהרט ביי זיך — צי וואָלט ניט געווען אַ פלאַן, איך זאָל ריידען מיט פרויליין אַננאַ.

פרוי וואָקעראַט (שנעל). יאָ, דאָס וואָלט פילייכט ווירק־ליך געווען אַ פלאַן.

בראַון. כ'האָב שוין זאָגאַר איינמאָל געוואָלט שרייבען צו איהר... אָבער ערנסט גערעדט, פרוי וואָקעראַט, איידער דער הערר וואָקעראַט מישט זיך אַריין — וואָרים דאָס קען, נאָך מיין מיינונג נאָך, די זאַך שטאַרק פערערגערן.

פ ר[ױ] י וואָקעראַט. נו יאָ, נו יאָ! אָבער וואָס האָב איך דען געקענט אַנדערש טהאָן אין מיין ביטערער לאַגע? אַך, ווען איהר זאָלט נור ווע[ל]ען... ווען איהר וואָלט ווירקליך געוואָלט ריידען מיט איהר. (מען הערט אַננאַ'ס און יאָהאַנעס' שטימען.) אַך, גרויסער גאָט! ס'איז מיר אונמעגליך זיך צו בעגעגענען מיט איהר איצט. (אָב דורך דער קאָרידאָר-טהיר.)

(בראַון קען אַ ווײלע ניט ענטשיידען וואָס צו טהאָן. אַזוי ווי זיי קומען נאָך ניט אַריין, געהט ער אויך אָב דורך דער טהיר פון קאָרידאָר.)

(פרײלײן אַננאַ קומט אַריין פון דער וועראַנדאַ.)

אַ נ נ אַ (טהוט זיך אויס דעם הוט, רעדט דורך דער אָפענער טהיר צו יאָהאַנעס'ן, וועלכער איז נאָך געבליבען אויף דער וועראַנדאַ). וואָס זשע, פאַרהאַן עפּעס אינטערעסאַנטעס, הערר דאָקטאָר?

י אָ ה אַ נ ע ס. עפּעס האָט געמוזט פּאַסירען. אַ פּאָליציי-מאַן זיצט אין שיפעל. (קומט אַריין.) פיליי[כ]ט ווירער געשעהן אַן אונגליק —

אַ נ נ אַ. אַ מעלאַנכאָלישעס פאָראורטהייל.—

י אָ ה אַ נ ע ס. דאָ פּאַסירען אָפט אַזעלכע זאַכען. דאָס איז אַ געפעהרליך וואַסער. — וואָס האָט איהר דאָרט, פרײלײן?

אַ נ נ אַ. „אונשטערבליכע" בלומען, הערר דאָקטאָר! די וועל איך מיטנעהמען מיט מיר צום אָנדיינקען.

י אָ ה אַ נ ע ס. ווען איהר וועט אַמאָל פאָהרען, הייסט עס. און דאָס וועט ניט זיין אַזוי גיך.

אַ נ נ אַ. מיינט איהר אַזוי?

(קליינע פויזע. ביידע געהען אַרום איבער'ן צימער, לאַנגזאַם און יעדער פאַר זיך.)

אַ נ נ אַ. ס'ווערט שוין אַזוי פריה פינסטער.

י אָ ה אַ נ ע ס. און קיהל, אַזוי גיך ווי די זונן געהט אונטער. זאָל איך אָנצינדען דעם לאָמפּ?

אַ נ נ אַ. אויב איהר ווילט. — אַניט וואָלטען מיר געקענט פערברייננען אַביסעל אין אָט דעם דונקעל-ליכט — צווישען טאָג און נאַכט. (זי זעצט זיך.)

י אָ ה אַ נ ע ס (זעצט זיך אויך אַנידער אויף אַ שטוהל, ווייט פון

אַננאַ'ן. נאָך אַ פּויזע). די דונקעל־שטונדע! — דאָ קומען אַרויף אויף'ן זינען אַלטע עראינערונגען.

אַ נ נ אַ. קינדערשע מעשה'לאַך, ניט אמת?

יאָ ה אַ נ ע ס. יאָ, דאָס אויך. — — אַך, עס זיינען דאָ וואונדער־שעהנע מעשה'לאַך.

אַ נ נ אַ. אָה, יאָ! — און איהר ווייסט, ווי אַזוי די שעהנסטע ענדיגען זיך געוועהנליך? — האָב איך מיר אָנגעטהאָן אַ גלעזערנעם פּאַנטאָפּעל — און דאַן האָב איך זיך אָנגעשלאָגען אָן אַ שטיין — און דאַן האָט ער געמאַכט „קלינג״ — און איז צושפּרונגען אין שטיק־שטיקלאַך.

יאָ ה אַ נ ע ס (נאָך אַ קורצען שטיל־שווייגען). איז דען דאָס אויך ניט אַ מעלאַנכאָלישעס פֿאָראורטהייל?

אַ נ נ אַ. כ'דיינק אַז ניט. (זי הויבט זיך אויף, געהט לאַנגזאַם צו ביז צו דעם שטוהל פֿון דער פּיאַנאָ, זעצט זיך דערויף און הויבט אַריין אין די הענד.)

יאָ ה אַ נ ע ס (הויבט זיך אויך אויף, מאַכט לאַנגזאַם אַ פּאָר טריט, בלייבט שטעהן הינטער אַננאַ'ן). בלויז אַ פּאָר טאַקטען. מאַכט מיר דאָס פֿערגניגען. ווען איך קען נור הערען פֿון אייך אַ פּאָר איינפּאַכע טענער — דאָס וואָלט גענוג געווען פֿאַר מיר.

אַ נ נ אַ. איך קען ניט שפּיעלען.

יאָ ה אַ נ ע ס (מיט אַ טאָן פֿון מילדען פֿאָרוואורף). אַך, פֿריילין אַננאַ, — וואָס טויג אייך אַזוי זאָגען? איהר ווילט ניט שפּיעלען, כ'ווייס עס דאָך.

אַ נ נ אַ. אָבער איך האָב ווירקליך זעקס יאָהר לאַנג קיין פּיאַנאָ ניט אָנגעריהרט — ביז אָט דעם פֿריהלינג. דאַן האָב איך לאַנגזאַם ווידער אָנגעפֿאַנגען. און איך שפּיעל דאָך איצט אויך ניט, איך קלאַפּ נור אַזוי פֿאַר זיך — אַזעלכע טרויעריגע, ביטערע ליעדלאַך, ווי איך האָב זיי געהערט פֿון מיין מוטער.

יאָ ה אַ נ ע ס. ווילט איהר ניט אַקאָרשט זינגען אַזאַ ליעדעל? אַזאַ טרויעריג, ביטער ליעדעל —?

אַננאַ (לאַכט). זעהט איהר, דאָ רייצט איהר זיך שוין אַביסעל מיט מיר.

יאָהאַנעס. וואָס קומט אַרויס, פֿריילײן! איך זעה דאָך, אַז איהר ווילט מיר ניט צוליעב טהאָן.

(קליינע פויזע.)

אַננאַ. יאָ, יאָ! העדר דאָקטאָר, איך בין אַ שרעקליכע קאַפּריזנע בריאה.

יאָהאַנעס. דאָס האָב איך ניט געזאָגט, פֿריילײן אַננאַ!

(קליינע פויזע.)

אַננאַ (עפֿענט די פּיאַנאָ, לייגט אַרויף די פֿינגער אויף די קלאַוויש עז. פֿערטראַכט זיך). ווען איך וואָלט געהאַט וואָס לוסטיגעס צו שפּיעלען!

(יאָהאַנעס האָט זיך אַנידערגעזעצט אין אַ ווינקעל, ווייט פֿון אַננאַ'ן, האָט אָנגעבויגען דעם קאָפּ, אַריבערגעלייגט די פֿיס איינעם איבער'ן אַנדערן, דעם עלענבויגען אָנגעשפּאַרט אויף'ן קניע און די האַנד ביים אויער.)

אַננאַ (לייגט אַרויף די הענד אויף'ן שויס, רעדט לאַנגזאַם און אין פויזען). ס'איז איינענטליך אַ גרויסע צייט, די, אין וועלכער מיר לעבען. — מיר קומט פֿאָר, אַזוי ווי עפּעס טעמפּעס, שווערדריקענדעס וואָלט בּיסלאַכווייז פֿערשוואונדען פֿון אונז. — ווי מיינט איהר, העדר דאָקטאָר?

יאָהאַנעס (מיט אַ לייכטען הוסט). אין וואָסער הינזיכט — ?

אַננאַ. אויף איין זייט האָט אונז בעהערשט אַ דריקענדע פֿורכט, אַ געפֿיהל פֿון אונזיכערקייט, אויף דער אַנדער זייט אַ פֿינסטערער פֿאַנאַטיזם. אָט די איבערטריבענע געפֿיהלען האָבען זיך אַצונד אַזוי גוט ווי איינגעשטילט. אַ מין פֿרישער לופֿט-שטראָם, זאָגען מיר פֿון דעם צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט, בלאָזט אויף אונז. — דיינקט איהר ניט אַזוי, העדר דאָקטאָר?— צום ביישפּיעל, אַזעלכע מענשען ווי בראַון ווירקען דאָך אויף אונז בלויז ווי נאַכט-פֿויגלען אין מיטען העלען טאָג.

יאָהאַנעס. איך ווייס ניט, פֿריילײן! דאָס, וואָס איהר זאָגט וועגען בראַון, איז טאַקע ריכטיג. אָבער איך געפֿין נאָך

דערוויל ניט פאַר מעגליך צו דערגרייכען צו וואָס פאַר עס איז אמת'ער פרייד אין לעבען. איך וויים ניט...

אַננאַ. לאָזענדיג אין גאַנצען אָן אַ זייט אונזערע אינדיווידועלע שיקזאַלען. אָבגעזעהן פון אונזערע קליינע שיקזאַלען, הערר דאָקטאָר!

(פויזע.)

אַננאַ (נעהמט אַ טאָן אויף דער פיאַנאָ און האַלט איהם אויס).

יאָהאַנעס (נאָכדעם ווי דער טאָן איז אין גאַנצען פערקלונגען.) נו?

אַננאַ. הערר דאָקטאָר!

יאָהאַנעס. ווילט איהר ניט שפּיעלען וואָס עס איז?! כ'בעט אייך, כ'בעט אייך!

אַננאַ. כ'האָב אייך וואָס צו זאָגען, — נאָר איהר זאָלט זיך ניט אויפרעגען; איהר מוזט בלייבען גאַנץ רוהיג און געלאַסען.

יאָהאַנעס. נו וואָס?

אַננאַ. כ'מיין, מיין צייט איז אָבגעלאָפען. איך וויל פאָהרען.

יאָהאַנעס (טהוט אַ טיעפען זיפץ, הויבט זיך דאַן אויף און געהט לאַנגזאַם אַרום איבער'ן צימער).

אַננאַ. הערר יאָהאַנעס! מיר פאַלען אויך אַריין אין דעם פעהלער פון שוואַכע נאַטורען. מיר מוזען ריכטען אונזער בליק מעהר אין דאָס אַלגעמיינע. מיר מוזען זיך אַליין קענען טראָגען לייכטער.

(קורצע פויזע.)

יאָהאַנעס. ווילט איהר ווירקליך פאָהרען?

אַננאַ (מילד, אָבער בעשטימט). יאָ, הערר יאָהאַנעס!

יאָהאַנעס. ווען איך פון איצט אָן זיין צעהן מאָל אַזוי איינזאַם.

(פויזע.)

יאָהאַנעס. אַך, לאָמיר ווייניגסטענס איצט ניט ריידען דערפון.

אַננאַ. גוט. אָבער איך וויל אייך זאָגען נאָך איין זאַך: כ'האָב געשריבען אַהיים קיין ציריך, אַז מען זאָל מיך דאָרט ערווארטען שבת אָדער זונטאָג.

יאָהאַנעס. איהר האָט שוין... אָבער פֿרייליין, וואָס איילט איהר זיך אַזוי שטאַרק?

אַננאַ. פֿאַרהאַן פֿיעל אורזאַכען דערצו.

(פּויזע).

יאָהאַנעס (שפּאַנט אַרום שנעלער און אויפגערעגטער). מוז מען דען ווירקליך אויפאָפּפערן אַלעס, אַלעס, וואָס מען האָט געוואונען, פאַר אָט דעם פערפלוכטען קאָנוועגציאָנאַליזם, פאַר אָט די פערשימעלטע מנהגים? קענען דען די מענשען אויף קיין פאַל ניט איינזעהן, אַז אַ צושטאַנד, אין וועלכעןביידע טהיילען געווינען בלויז, אין וועלכען ביידע טהיילען זיינען בעסער און איידעלער געוואָרען, — אַז אַזאַ צושטאַנד קען ניט זיין קיין פערברעכען? צי איז עס דען אַ שאָדען פאַר עלטערן, ווען זייער זוהן ווערט בעסער און טיעפער? אַ שאָדען פאַר אַ פרוי, ווען איהר מאַן וואַקסט — גייסטיג?

אַננאַ (מיט אַ טאָן פון מילדען פאָרוואורף). הערר דאָקטאָר, הערר דאָקטאָר! איהר פערגעסט די ווירקונג, די שלעכטע ווירקונג.

יאָהאַנעס (מילדער). וואָס זשע, כ'בין דען ניט גערעכט, פרייליין?

אַננאַ. יאָ און ניין. — — איהר קוקט אויף דער זאַך אַנדערש ווי אייערע עלטערן. אייערע עלטערן קוקען דערויף אַנדערש ווי פרוי קייטע. וועגען דעם לאָזט זיך גאָרנישט זאָגען, נאָך מיין מיינונג נאָך.

יאָהאַנעס. אָבער דאָס איז דאָך טאַקע שרעקליך — שרעקליך פאַר אונז.

אַננאַ. און פאַר זיי... פאַר די אַנדערע ניט וויניגער.

יאָהאַנעס. יאָ, אָבער איהר האָט דאָך אַליין אימער געזאָגט, אַז מען דאַרף זיך ניט לאָזען בעהערשען פון אַן אַנדערן'ס מיינונגען; אַז מען דאַרף זיך ניט מאַכען אָבהייניג!?

אַננאַ. אָבער אַז מען איז דאָך אָבהייניג?

יאָהאַנעס. גוט: איך בין אָבהייניג. אונגליקליכערווייזע! אָבער איהר... פאַרוואָס נעהמט איהר זיך אָן פאַר די אַנדערע?

אַננאַ. ווייל איך האָב זיי אויך ליעב געקראָגען.

(פויזע.)

אַננאַ. איהר האָט מיר אָפט געזאָגט, אַז איהר זעהט פאָראויס אַ נייעס, העכערן צושטאַנד פון צוזאַמענלעבען צווישען מאַן און פרוי?

יאָהאַנעס (וואַרם און ליידענשאַפטליך). יאָ, דאָס זעה איך פאָראויס, דאָס וועט קומען, שפּעטער. ניט דאָס טהיערישע וועט דאַן פערנעהמען דעם אויבען אָן, נאָר דאָס מענשליכע. די חיה וועט זיך ניט מעהר פערבינדען מיט דער חיה, נאָר דער מענש מיט דעם מענשען. פריינדשאַפט, דאָס איז דער באַזיס, דער יסוד, אויף וועלכען אָט די ליעבע וועט זיך אויפהויבען. שעהן, אונצו־שיידבאַר, אַ וואונדערליכער בנין. אָבער נאָך מעהר ווי דאָס זעה איך פאָרויס: עפּעס העכערעס נאָך, רייכערעס, פרייערעס — (שטעלט זיך אָב, ווענדעט זיך צו אַננאַ׳ן.) ווען עס וואָלט ניט געווען אַזוי פינסטער איצט, — מיין איך, אַז איך וואָלט אייך געזעהן שמייכלענדיג. ניט ריכטיג?

אַננאַ. הערר דאָקטאָר... ניין — כ׳האָב דאָס מאָל ניט געשמייכעלט. אָבער ס׳איז ריכטיג — אַזעלכע ווערטער, ביי וועלכע מען טראָגט זיך אַליין אַוועק אין דער לופטען... רופען געוועהנליך אַרויס אין מיר אַ געוויסען געלעכטער. — — — אָבער לאָמיר אָננעהמען, אַז עס הערשט ווירקליך עטוואָס נייעס, העכערעס — אין אונזערע בעציהונגען.

יאָהאַנעס (מיט אַן אומעטיגען טאָן). וואָס זשע, איהר צווייפעלט אין דעם? זאָל איך אייך אָנדייטען, ווי איהר קענט עס אויף ריכטיג דערגעהן? פיהלט איהר, צום ביישפּיעל, צו קייטע׳ן עפּעס אַנדערש ווי די וואַרעמסטע ליעבע? איז מיין געפיהל צו קייטע׳ן געוואָרען באָטש אויף אַ האָר שוואַכער? אין געגענטהייל, ס׳איז געוואָרען טיעפער און פולער.

אַננאַ. אָבער, וואו האָט איהר אויסער מיר נאָך איינעם, וואָס זאָל אייך דאָס גלויבען? — און צי וועט דען פרוי קייטע צוליעב דעם וויינינער ליידען, ווייניגער צו גרונד געהן? — —

— לאָמיר בעסער גאָר ניט ריידען פֿון אונז ביידען. — לאָמיר אָננעהמען — גאַנץ אין אַלגעמיין — אַז אַזאַ נייער פֿאָלקאָמענער צושטאַנד ווערט געבוירען ביי אימיצען אין געפֿיהל. דאַן איז ער אָבער פֿאָרלויפֿיג נור אין געפֿיהל — אַ זעהר צאַרטע יונגע פּלאַנצע, וועלכע מוז געשוינט און געשוינט ווערן. — — —
דיינקט איהר ניט אַזוי, הערר דאָקטאָר? אַז אָט די פּלאַנצע וועט אויסוואַקסען ביי אונזער לעבען, דאָס קענען מיר ניט האָפֿען. מיר קענען זי קיינמאָל ניט זעהן אַן אויסגעוואַקסענע, איהרע פֿרוכטען זיינען בעשטימט פֿאַר אַנדערע. אַריבערטראָגען דעם קיים, דאָס שפּראָץ־קערענדעל אין די קומענדע דורות — דאָס קענען מיר פֿילייכט. איך וואָלט זיך זאָגאַר געקענט פֿאָרשטעלען, אַז אימי־צער זאָל זיך דאָס מאַכען פֿאַר זיין אויפֿגאַבע, פֿאַר זיין לעבענס־פֿליכט.

יאָהאַנעס. און דערפֿון ווילט איהר שליסען, אַז מיר מוזען זיך צושיידען?

אַננאַ. כ'האָב ניט געוואָלט ריידען פֿון אונז ביידען. אָבער, אַזוי ווי איהר... יאָ! מיר מוזען זיך צושיידען. — אויך מיר האָט זיך... מאָמענטען־ווייז... אויסגעוויזען, אַז איך וואָלט... נאָר אַצונד וויל איך דאָס מעהר ניט. איך האָב אויך געהאַט אַ מין פֿאָרגע־פֿיהל, כ'האָב אויך וואָס פֿאָראויסגעזעהן. — און פֿון דאַן אָן קוקט מיר דאָס אַלטע ציעל אויס צו אונבעדייטענד פֿאַר אונז — צו געוועהנליך, אָפֿען גערעדט! — ס'איז אָקוראַט ווי מען קומט אַראָב פֿון הויכע בערג מיט אַ ווייטער, ווייטער אויסזיכט און מען געפֿינט אַלצדינג אַזוי איינג און נאָהענט אונטען אין טהאָל.

(פּויזע.)

יאָהאַנעס. אָבער ווען דאָס זאָל ניט רואינירען קיינעמ'ס לעבען?

אַננאַ. דאָס איז ניט מעגליך.

יאָהאַנעס. אָבער, ווען קיימע זאָל האָבען די קראַפֿט דערצו? ווען עס זאָל איהר געלינגען זיך אויפֿצוהויבען אויף דער הויך פֿון אָט דער אידעע?

אַ נ נ אַ. ווען עס זאָל קיימעה'ן געלינגגען — צו לעבען — נעבען מיר, דאַן... דאַן וואָלט איך זיך אַליין ניט געקענט טרויען. אין מיר... אין אונז איז דאָ עפּעס, וואָס איז געגען די ריינע, לויטערע בעציהונגען, וועלכע מיר זעהען אין אונזער געדאַנק, — עפּעס, וואָס מוז מיט דער צייט געווינען די אויבערמאַכט איבער אונז, הערר דאָקטאָר. דיינקט איהר ניט, אַז ס'איז צייט אָנצוצינדען דעם לאָמפּ?

פ ר ו י וו אָ ק ע ר אַ ט (קומט אריין פון קאָרידאָר מיט א ליכט. רעדט צוריק אריין אין קאָרידאָר). ס'איז נאָך פינסטער דאָ. כ'וועל אַפריהער אָנצינדען דעם לאָמפּ. וואַרט אַ ווײלע אויף דרויסען, הערר בראַון. איך וועל עס שוין איינאָרדנען אַזוי, אַז...

יאָ ה אַ נ ע ס (הוסט).

פ ר ו י וו אָ ק ע ר אַ ט (דערשראָקען). ווער איז דאָ?

יאָ ה אַ נ ע ס. מיר, מוטער.

פ ר ו י וו אָ ק ע ר אַ ט. דו, יאָהאַנעס?

יאָ ה אַ נ ע ס. מיר, פריילײן אַננאַ און איך. — ווער איז דאָרט אויף דרויסען?

פ ר ו י וו אָ ק ע ר אַ ט (ברוגז'לאַך). נאַ, האַנעס! דו האָסט דאָך ווירקליך געקענט אָנצינדען דעם לאָמפּ. דאָס איז דאָך ניט... אַזוי אין דער פינסטער... (זי צינדט אָן דעם לאָמפּ. פריילײן אַננאַ און יאָהאַנעס ריהרען זיך ניט.)

פ ר ו י וו אָ ק ע ר אַ ט. האַנעס!

יאָ ה אַ נ ע ס. יאָ, מוטער!

פ ר ו י וו אָ ק ע ר אַ ט. קענסט פיליכט מיטקומען מיט מיר אַ ווײלע? כ'וויל דיר וואָס זאָגען.

יאָ ה אַ נ ע ס. קענסט עס ניט זאָגען דאָ, מוטער?

פ ר ו י וו אָ ק ע ר אַ ט. אויב דו האָסט פאַר מיר קיין צייט ניט, דאַן זאָג עס איינפאַך.

יאָ ה אַ נ ע ס. אַך, מוטער... נאַטירליך געה איך. ענטשולדיגט, פריילײן. (אָב מיט פרוי וואָקעראַט אין שטודיר-צימער.)

אַ נ נ אַ (הויבט אָן גאַנץ שטיל צו נעהמען איינפאַכע בעגלייטונגס-טענער. דאַן זינגט זי צו מיט אַ האַלב-פערדריקטער שטימע):

„געמאַטערט צום טויט אין די טורמעס, ביסט דו יונג געשטאָרבען.

אין קאַמפף פאַר דיין פאָלק האָסט דו דיין עהרליכען קאָפּ אַוועקגעלייגט."

(זי שטעלט זיך אָב. בראַון איז אַריינגעקומען.)

אַ נ נ אַ (דרעהט זיך אום צו איהם אויף'ן פיאַנאָ-שטוהל). גוטען אָבענד, הערר בראַון!

ב ר אַ ו ן. כ'האָב ניט געהאַט די אַבזיכט אייך צו שטערן. גוטען אָבענד, פריילין!

אַ נ נ אַ. עפּעס זעהט מען אייך אַזוי זעלטען איצט.

ב ר אַ ו ן. ווירקליך! וואָס זשע, איז דאָס קענטיג דאָ?

אַ נ נ אַ. מען האָט זיך עטליכע מאָל נאָכגעפרעגט אויף אייך.

ב ר אַ ו ן. ווער האָט זיך דען נאָכגעפרעגט אויף מיר? האַנעס געוויס ניט.

אַ נ נ אַ. הערר יאָהאַנעס? ניין, — פרוי קייטע.

ב ר אַ ו ן. זעהט איהר! — דעם אמת זאָגענדיג, איך... אַך, דאָס איז דאָך איצט אַ נעבענזאַך.

(פויזע.)

אַ נ נ אַ. כ'מיין, מיר זיינען ביידע היינט אין אַ שטימונג, אַז מיר וואָלטען זיך אַם בעסטען געקענט דערצעהלען וואָס לוסטיגעס. איהר האָט ניט עפּעס אַ פרעהליכע זאַך? מען מוז זיך צייטענ-ווייז צווינגען צו לאַכען. עפּעס אָן אַנעקדאָט אָדער אַזוי וואָס...

ב ר אַ ו ן. ניין! כ'האָב ווירקליך קיין פרעהליכעס ניט צו דערצעהלען!

אַ נ נ אַ. כ'האָב מורא, אַז איהר ווייסט גאָר ניט, וואָס לאַכען הייסט.

(פויזע.)

ב ר אַ ו ן. איך בין אייגענטליך געקומען, פריילין — צו ריידען מיט אייך וועגען עטוואָס ערנסטעס.

אַ נ נ אַ. איהר? — מיט מיר?

ב ר אַ ו ן. יאָ, פֿריילין אַננאַ!

אַ נ נ אַ (הויבט זיך אויף). נו רעדט! איך הער. (געהט צו־צום טיש, בינדט אויף דעם בינדעל פֿון די „אונשטערבליכע" בלומען און הויבט זיי אָן צונויפֿלייגען און ווידער צונויפֿלייגען.)

ב ר אַ ו ן. איך האָב זיך דאַן געפֿונען אין אַ שווערען, ביטערן קאַמפּף מיט זיך אַליין. כ'מיין דעמאָלט — ווען מיר האָבען זיך בעקענט — אין פּאַריז. אין גרונד גענומען, איז דאָס געווען אַ נוצלאָזער קאַמפּף; וואָרים נאָך אַלעמען, איז דאָך דאָס גאַנץ גלייכגילטיג און אונוויכטיג: צי מען זאָל מאָלען מיט אָדער אָהן אַן ערנסטען מאָטיוו. קונסט און לוקסוס — און היינט צו טאָג צו זיין אַ לוקסוס־אַרבייטער, איז אַ שמאַך און אַ שאַנד אונטער אַלע אומשטענדען. יעדענפֿאַלס האָט מיך אייער איינפֿלוס דעמאָלט געשטעלט אויף די פֿיס. און — וואָס איך וויל הויפּטזעכליך דאָ בעמערקען: איך האָב אייך דעמאָלט אָנגעהויבען אַכטען און שעצען.

אַ נ נ אַ (ביים צונויפֿלייגען די בלומען, לייכט): דאָס, וואָס איהר זאָגט דאָ, איז אפילו ניט אַזוי צאַרט — נאָר רעדט, רעדט ווייטער.

ב ר אַ ו ן. אויב אַזעלכע ווערטער ווי די בעליידיגען אייך, פֿריילין, — דאַן בעדויער איך..., דאַן בין איך איינפֿאַך ווי צו־טומעלט.

אַ נ נ אַ. דאָס טהוט מיר לייד, העדר בראַון!

ב ר אַ ו ן. ס'איז מיר פּיינליך און אונאַנגענעהם. מען וואָלט זיך אייגענטליך ניט געדאַרפֿט מישען אין קיין זאַך, עס איינפֿאַך לאָזען לויפֿען. ווען די פֿאָלגען וואָלטען ניט געווען אַזוי ערנסט און שרעקליך. אָבער מען קען דאָך ניט...

אַ נ נ אַ (זינגט שטיל פֿאַר זיך די מעלאָדיע פֿון: „שפּין, שפּין טאָכ־טערקע!"). זיסינקע בלימעלאַך. — איך הער, הערר בראַון!

ב ר אַ ו ן. קוקענדיג אויף אייך, פֿריילין, קען איך זיך וויר־ליך ניט העלפֿען, איך פֿיהל אַז — אַז... אָט אַפּנים איהר הויבט

גאָרנישט אָן וויסען... איהר האָט וואַהרשיינליך גאָר קיין בעגריף ניט פֿון דעם גאַנצען מורא'דיגען ערנסט פֿון דער זאַך.

אַ נ נ אַ (זינגט שטיל דאָס ליעדעל: „געזעהן האָט אַ יונגעל אַ רויזעלע שטעהן").

ב ר אַ ו ן. נאָך אַלעמען, יעדער איינער האָט דאָך אַ געוויסען. איך קען זיך ניט העלפֿען, פֿרייליין: כ'מוז אַפּעלירען צו אייער געוויסען.

אַ נ נ אַ (נאָך אַ קליינער פּויזע, קיהל און לייכט): ווייסט איהר, וואָס דער פּאַפּסט לעאָ דער צעהנטער האָט געזאָגט וועגען דעם געוויסען?

ב ר אַ ו ן. כ'וויים עס ניט און עס ליגט מיר אויך אין דער רגע ווירקליך ניט אין זינען, פֿרייליין.

אַ נ נ אַ. ס'איז אַ בייזע חיה, האָט ער געזאָגט, וועלכע בעוואַפֿענט דעם מענשען געגען זיך אַליין. — אָבער ביטע, ביטע! רעדט וויטער. איך הער אַלעס.

ב ר אַ ו ן. כ'וויים ניט, ס'ליגט דאָך אייגענטליך ווי אויף דער האַנד. איהר מוזט דאָך דאָס אויך זעהן — אַז עס האַנדעלט זיך דאָ וועגען לעבען און טויט פֿון אַ גאַנצער פֿאַמיליע. כ'מיין, ס'איז גענוג אַ קוק צו טהאָן אויף דער יונגער פֿרוי וואָקעראַט — איין איינציגער בליק אויף איהר קען דאָך פֿערטרייבען יעדען צווייפֿעל כ'מיין...

אַ נ נ אַ (ענדליך ערנסט). אָה! דאָס איז עס אַלזאָ! נו, וויי־טער, וויטער!

ב ר אַ ו ן. יאָ, און — יאָ — און אייער פֿערהעלטניס מיט יאָהאַנעס'ן.

אַ נ נ אַ (מיט אַ שטרייגגען מאַך מיט דער האַנד). הערר בראַון! — אייך ביז אַהער אויסצוהערען, דאָס האָב איך גערעכענט, בין איך שולדיג דעם פֿריינד פֿון מיין פֿריינד. וואָס איהר ווילט וויטער ריידען, רעדט איהר צו דער וואַנד.

(אַ קורצע פּויזע פֿון פֿערלעגענהייט, נאָך וועלכער בראַון נעהמט זיין

הוט און איבער-ראָק און געהט אַרויס פון צימער מיט דער מיענע פון אַ מענשען, וועלכער האָט געטהאָן, וואָס ער האָט נור געקענט.)

(פרייליין אַננאַ וואַרפט אַוועק דעם בוקעט, אַזוי גיך ווי בראַון איז אַרויס, און געהט עטליכע מאָל האַסטיג אַרויף און אַראָב איבער'ן צימער, זי ווערט רוהיגער און טרינקט וואַסער.)

(פרוי וואָקעראַט קומט אַריין פון קאָרידאָר.)

פרוי וואָקעראַט (קוקט זיך אום מיט שרעק אין אַלע זייטען, לויפט האַסטיג צו צו אַננאַ'ן, נאָכדעם ווי זי האָט זיך איבערצייגט, אַז קיין אַנדערער איז ניטאָ אין צימער). איך ציטער אַזוי — פאַר מיין האַר־נעס'ן. איהר ווייסט דאָך, ווי אויפגערעגט ער איז. און דאָ ליגט מיר עפּעס אויף'ן הארצען. כ'קען עס שוין מעהר ניט אונטערדריקען, פרייליין! — פרייליין! — פרייליין אַננאַ! (קוקט אויף אַננאַ'ן מיט אַ ריהרענדער, בעטענדער מיענע.)

אַננאַ. איך ווייס, וואָס איהר ווילט.

פרוי וואָקעראַט. הערר בראַון האָט גערעדט מיט אייך?!

(פרייליין אַננאַ וויל ענטפערן יאָ, נאָר זי קען עס ניט אַרויסריידען, דאַן פלאַצט זי אַרויס אין אַן אָנפאַל פון וויינען און שלוכצען.)

פרוי וואָקעראַט (סטאַרעט זיך זי צו בערוהיגען). פרייליין אַננאַ! ליעבעס פרייליין. לאָמיר אַקאָרשט ניט פערלירען דעם קאָפּ! אָה יעזוס קריסטוס, האַנעס זאָל נור ניט אַריינקומען! כ'ווייס דאָך ניט, וואָס איך טהו. פרייליין, פרייליין!

אַננאַ. ס'איז נור געוועזן... ס'איז שוין אַריבער. איהר האָט זיך מעהר ניט וואָס צו שרעקען, פרוי וואָקעראַט!

פרוי וואָקעראַט. איהר מיינט, איך האָב ניט קיין מיטלייד מיט אייך? איך וואָלט דאָך קיין מענש ניט געוועזן. איהר האָט דורכגעמאַכט אַזויפיעל צרות אין לעבען. דאָס פערביטערט מיר גענוג דאָס הארץ. אָבער יאָהאַנעס שטעהט מיר פאָרט נעהענטער. דאָס קען דאָך אַנדערש ניט זיין. און איהר זייט דאָך נאָך אַזוי יונג, אַזוי יונג, פרייליין. אין אייער עלטער קומט מען דאָך אַזוי לייכט איבער די זאַכען.

אַננאַ. ס'איז מיר שרעקליך פּיינליך, וואָס עס איז געקומען אַזוי וויים.

פרוי וואָקעראַט. כ'האָב עס קיינמאָל ניט געטהאָן. כ'קען זיך גאָר ניט דערמאָנען, איך זאָל ווען עס איז אימיצען האָבען אָבגעזאָגט מיין גאַסט-פריינדשאַפט. אָבער איך זעה ניט קיין אַנדער מיטעל. ס'איז דער לעצטער אויסוועג פאַר אונז אַלע־מען. — איך וויל ניט אורטהיילען אין דעם אויגענבליק. איך וויל בלויז ריידען צו אייך, אַ פרוי צו אַ פרוי — און אַלס מוטער וויל איך ריידען צו אייך. (מיט טרעהרען-דערשטיקטער שטימע.) אַלס מוטער פון מיין יאָהאַנעס'ן קום איך צו אייך. (זי נעהמט אָן אַננאַ'ס האַנד.) גיט מיר אָב מיין יאָהאַנעס'ן! גיט אָב אַ געמאַטערטער מוטער איהר קינד! (זי האָט זיך אַרונטערגעלאָזען אויף אַ שטוהל און איהרע טרעהרען פאַלען אויף אַננאַ'ס האַנד.)

אַננאַ. ליעבע, ליעבע פרוי וואָקעראַט! דאָס... דאָס איז שרעקליך! — — — — אָבער — האָב איך דען וואָס אָבצו־געבען? האָב איך דען עפּעס גענומען?

פרוי וואָקעראַט. דאָס וועלען מיר בעסער לאָזען אָן אַ זייט. דאָס וויל איך ניט אונטערזוכען, פריילין. כ'וועל ניט אונ־טערזוכען, ווער עס איז געווען דער פערפיהרער. אַזויפיעל וויים איך נור: מיין זוהן האָט זיין לעבען-לאַנג קיינמאָל ניט געהאַט קיין שלעכטע נייגונגען. איך בין אַזוי זיכער געווען מיט איהם — אַז איך קען נאָך היינט אויך ניט פערשטעהן... (זי וויינט.) ס'איז געווען מעהר ווי געוואַגט, פריילין אַננאַ!

אַננאַ. וואָס איהר זאָלט ניט זאָגען, פרוי וואָקעראַט, איך קען זיך ניט פערטהיידיגען געגען אייך...

פרוי וואָקעראַט. איך וויל אייך ניט וועה טהאָן. כ'וויל אייך בעהיט גאָט, ניט בייז מאַכען. איך בין דאָך ביי אייך אין די הענד. איך וויל אייך נור בעטען און ווידער אַמאָל בעטען אין מיין מורא'דיגען האַרצענס-שרעק. לאָזט אָב יאָהאַנעס'ן — איידער ס'איז צו שפּעט — איידער קייטע'ס האַר'ץ ווערט צובראָכען. האָט רחמנות!

אַננאַ. פרוי וואָקעראַט! איהר ערנידעריגט מיך אַזוי שטאַרק... כ'פיהל, אַזוי ווי מען וואָלט מיך געשלאָגען, און... אָבער ניין — איך וויל אייך נור איינפאַך זאָגען. ס'איז אַ בעשלאָסענע זאַך, אַז איך פאָהר אָב. און אויב עס האַנדעלט זיך נור וועגען דעם...

פרוי וואָקעראַט. איך וויים גאָר ניט, וואָס איהר וועט דיינקען וועגען מיר, פריילײן אַננאַ. אַך! ס'איז מיר גאָר שווער עס צו ברײנגען איבער די ליפּען. עס זיינען, פערשטעהט איהר, פאַרהאַן געוויסע פערהעלטניסען... ס'וואָלט געמוזט געשעהן גלייך... אין אַ שטונדע צייט מוזט איהר, אויב מעגליך...

אַננאַ (נעהמט צונויף די זאַכען, וועלכע זי האָט אויסגעטהאָן).

פרוי וואָקעראַט. כ'האָב קיין אַנדער אויסוועג ניט.

(קליינע פויזע).

אַננאַ (די זאַכען איבער'ן אָרם, לאָזט זיך לאַנגזאַם געהן צו דער טהיר פון קאָרידאָר. זי בלייבט שטעהן אַנטקעגען פרוי וואָקעראַט). וואָס זשע, איהר האָט געמיינט, אַז איך וועל זיך נאָך לאָזען בעטען?

פרוי וואָקעראַט. גאָט זאָל אייך בעגלייטען אויף אייער וועג, פריילײן.

אַננאַ. אַדיע, פרוי וואָקעראַט!

פרוי וואָקעראַט. וועט איהר זאָגען האַנעס'ן, וואָס מיר האָבען גערעדט?

אַננאַ. האָט קיין מורא ניט, פרוי וואָקעראַט!

פרוי וואָקעראַט. זאָל אייך גאָט אָבהיטען, פריילײן אַננאַ!

(אַננאַ געהט אַרויס דורך דער קאָרידאָר-טהיר. פרוי וואָקעראַט אָטהעמט אויף פריי, לויפט אַריין אין שלאָפצימער, אויף דער וועראַנדאַ ווייזט זיך אַ לאָמטערנע, דער אַלטער וואָקעראַט, אין אַ רייזע-מאַנטעל און אַ פלושענע מיץ, קומט אַריין, הינטער איהם אַ טרעגער פון דער באַהן, בעלאָדען מיט פעקלאַך.)

וואָקעראַט (אויסערגעוועהנליך צופריעדען). אַזוי גאָר! — קיינער איז דאָ ניטאָ? — לייגט אַוועק די זאַכען דאָ, וואַרט

אַקאָרשט! (ער זוכט אין זיין געלד-בייטעל.) דאָ האָט איהר וואָס פֿאַר אייער מיה.

דער טרעגער. אַ שעהנעם דאַנק! אַ שעהנעם דאַנק!

וואָקעראַט. וואַרט אַקאָרשט, ליעבער מאַן! (ער זוכט אין די טאַשען פֿון זיין אויבער-ראָק.) כ'ווייס דאָך — כ'האָב דאָך געהאַט נאָך אַ פּאָר עקזעמפּלאַרען — „פֿאַלם-בלעטער"... אָט זיינען זיי! (ער דערלאַנגט איהם אַ פּאָר העפטלאַך.) אַ פֿרומער מאַן האָט זיי געשריבען. ווירקליכע זאַכען, וואָס ער האָט אַליין דורכגעלעבט. זאָלען זיי אייך זיין צום גליק! (ער דריקט דעם צוטומעלטען טרעגער די האַנד; דער ווייסט ניט וואָס צו זאָגען און ער געהט אַרויס גאַנץ שטיל, ניט אויסרייידענדיג קיין וואָרט.)

(וואָקעראַט הייגגט אויף דעם מאַנטעל און די מיץ, קוקט זיך אום, רייבט זיך מיט צופֿרידענהייט די הענד און דאַן געהט ער צו צו דער טהיר פֿון שלאָפֿצימער און הערט זיך צו, דערהערענדיג, אַז אימיצער קומט, לויפֿט ער אַוועק און בעהאַלט זיך הינטער'ן אויווען.)

קייטע (קומט אַרויס פֿון שלאָפֿצימער, דערזעהט די פּעקלאַך, דעם מאַנטעל, די מיץ). זעה נאָר! דאָס זיינען דאָך... דאָס איז דאָך... דאָס זיינען דאָך פּאַפּאַ'ס זאַכען.

וואָקעראַט (שפּרינגט פּלוצלינג אַרויס פֿון הינטער'ן אויווען, וויינענדיג און לאַכענדיג אין איין און דערזעלבער צייט; ער קען זיך ניט קאָנטראָלירען. ער אומאַרעמט און קושט קייטע'ן עטליכע מאָל). מיין טאָכ-טער! מיין האַרציגע קייטע! (קוש.) ווי געהט עס אייך? וואָס מאַכט איהר? זייט איהר אַלע געזונד און מונטער? (קוש.) נאַ, איהר קענט זיך גאָר ניט פֿאָרשטעלען... (ער לאָזט אָב קייטע'ן.) איהר קענט זיך גאָר ניט פֿאָרשטעלען, ווי איך האָב אויסגעקוקט אויף דעם טאָג. (אימער לאַכענדיג.) וואָס מאַכט דער פּרינץ, האַ האַ? ווי געהט עס זיין הויכקייט, האַ האַ? זיין הויכקייט פּרינץ שנודי, האַ האַ האַ? אַך, אַ דאַנק, דעם ליעבען גאָט, וואָס איך בין ענדליך ווידער דאָ. (אַביסעל פֿערמאַטערט.) הערסט דו — (נעהמט אַראָב די ברילען און ווישט אויס די גלעזער.) ס'איז זעהר שווער צו לעבען איינער אַליין — אַ לאַנגע צייט. — האַ, האַ!

דער מענש לעבט ניט גערן אַליין, ס'מוזען אימער צווי זיין, האַ האַ האַ האַ! — יאַ, יאָ, אַזוי געהט עס! — און דאַן איז געוועזן געזונג וואָס צו טהון, ווייסט דו — מיט דעם מיסט פיהרען. דער מיסט, האַ האַ האַ! דאָס איז גאָלד פאַר'ן פערמער. פאַסטאָר פפייפער איז דאָ ניט לאַנג געוועזן ביי מיר אויף בעזוך, האָט ער מיר אויסגערעדט, פאַרוואָס מיר האָבען די מיסט-גרוב אַזוי נאָהענט ביים הויז. (לאַכט.) כ'האָב איהם אָבער געזאָגט: ליעבער פאַסטאָר, זאָג איך, דאָס איז אונזער גאָלד-גרוב, האַ האַ האַ האַ! נאַ, וואו איז ערגעץ מיין אַלטע, געטרייע פרוי — און מיין האַנעם? (קוקט זיך בעסער צו צו קייטע'ן.) כ'ווייס ניט, איז עס צוליעב'ן לאָמפ? דו זעהסט מיר נאָך אַלץ ניט אויס אַזוי גוט ווי פריהער, קייטעניו!

קייטע (סטאַרעט זיך מיט אַלע כוחות ניט אַרויסצואווייזען איהר געריהרטקייט). אַך — ליעבער פאַפאַ! איך פיהל זיך גאַנץ... (פאַלט איהם אַרויף אויף'ן האַלז.) כ'בין אַזוי צופריעדען, וואָס דו ביסט גע־קומען.

וואָקעראַט. כ'האָב דיך, הייסט עס... יאָ, כ'האָב דיך אַביסעל איבערגעשראָקען, קייטע?

(פרוי וואָקעראַט ווייזט זיך ביי דער טהיר פון קאָרידאָר.)

וואָקעראַט (אויף דאָס ניי אויסער זיך). הורראַה! האַ! האַ האַ האַ! אָט קומט זי דאָך! (ער און זיין פרוי וואַרפען זיך אַריין איי־נער אין דעם אַנדערן'ס אָרעמס. וויינען און לאַכען.)

קייטע (אָב, איבערוועלטיגט פון ריהרונג).

וואָקעראַט (נאָך דער אומאַרמונג, קלאַפּט זיין פרוי אויף'ן רו־קען). נאַ, נאַ, אַלטע, טרייע מיינע! — דאָס איז די לייגנסטע צייט, וואָס מיר זיינען געוועזן צושיידט. — אַצונד פעהלט בלויז יאָהאַנעס.

פרוי וואָקעראַט (נאָך אַ קורצען ישוב הדעת). אויך דער גאַסט איז נאָך דאָ.

וואָקעראַט. אַ גאַסט? אַזוי!

פרוי וואָקעראַט. יאָ, דאָס פריילין!

וואָקעראַט. וואָסער פֿרייליין?

פֿרוי וואָקעראַט. דו ווייסט דאָך! פֿרייליין מאַהר.

וואָקעראַט. כ'האָב געמיינט, אַז זי איז שוין אַוועקגע־פֿאָהרען. נאַ, איבעריגענס, דאָ האָב איך עסענוואַרג. (ער בעשעפֿ־טיגט זיך מיט זיינע פּאַקעטען.) דאָ האָב איך מיטגעבראַכט פּוטער. אייער האָב איך דאָס מאָל ניט מיטגענומען. כ'האָב זיך נאָך ניט פֿערגעסען אָן די צרות, וואָס מיר האָבען מיט זיי געהאַט דאָס לעצטע מאָל. דאָ! — פֿאַר האַנעס'ן — היימיש־געמאַכטער קעז. דאָס מוז אַלעס באַלד אַרונטער אין קעלער. דאָ האָסט דו אַ שינקען. הערסט דו, מאַרטהעלע, וואָס גרויסאַרטיגעס! ווי לאַקס. — אָבער עפּעס שטעהסט דו מיר אַזוי שטיל. וואָס זשע, דו ביסט דאָך געזונד?

פֿרוי וואָקעראַט. יאָ, פּאַפּאַ. אָבער — איך ווייס ניט — כ'האָב עפּעס אויף'ן האַרצען. אייגענטליך האָב איך עס דיר ניט געוואָלט זאָגען — נאָר — איך... דו ביסט דאָך מיין גע־טרייסטער פֿריינד אין לעבען. איך קען עס שוין אַליין מעהר ניט אַריבערטראָגען. — אונזער זוהן... אונזער יאָהאַנעס — האָט גע־האַלטען דערביי...

וואָקעראַט (קוקט ערשטוינט, דאַן ווערט ער אונרוהיג). וואָס, האַנעס, אונזער האַנעס? וואָס? יאָ, וואָס איז דען מיט איהם געשעהן?

פֿרוי וואָקעראַט. אָבער ווער ניט אַזוי אויפֿגערעגט. די געפֿאַהר איז דאָך מיט גאָט'ס הילף — שוין פֿערביי. דאָס פֿרייליין פֿערלאָזט דאָך נאָך היינט אָבענד דאָס הויז.

וואָקעראַט (מיט אַ טאָן פֿון טיפֿען שמערץ). מאַרטהאַ! דאָס קען ניט זיין וואָהר.

פֿרוי וואָקעראַט. כ'ווייס דאָך אויך ניט — ווי ווייט זיי זיינען געגאַנגען — נאָר... ס'איז געווען אַ שרעקליכע צייט פֿאַר מיר.

וואָקעראַט. די האַנד וואָלט איך זיך געלאָזט אָבהאַקען, מאַרטהאַ, אָהן דעם מינדעסטען צווייפֿעל. אַזוי זיכער בין איך מיט

איהם געווען. מיין זוהן — מאַרטהאַ! מיין זוהן — זאָל זיך פֿערגעסען אָן זיין פֿליכט און זיין עהרע!

פֿרוי וואָקעראַט. אַך, מיין ליעבער מאַן, דו מוזט עס ערשט זעהן, דו מוזט עס אַפּריהער אליין אונטערזוכען. איך וויים דאָך ניט...

וואָקעראַט (געהט אַרום, בלייך, מורמלענדיג). דיין ווילען זאָל געשעהן! דיין ווילען זאָל געשעהן!

פֿרוי וואָקעראַט (ווייגט שטיל).

וואָקעראַט (בלייבט שטעהן פֿאַר איהר, מיט אַ האַלב-פֿערדריקטער שטימע). מאַרטהאַ, — ערגעץ־וואו מוז ליגען די שולד. — לאָמיר אַקאָרשט אַ זוך טהאָן ביי אונז אין די הערצער.

פֿרוי וואָקעראַט. מיר האָבען עס שטיל־שווייגענדיג צוגעקוקט, ווי אונזערע קינדער זיינען אַליץ מעהר און מעהר אַראָב פֿון גאָט'ס רעכטען וועג.

וואָקעראַט. דו ביסט גערעכט. אָט דאָס איז דאָס טאַקע. דערפֿאַר ווערן מיר געשטראָפֿט. (אָנגעהמענדיג זיין פֿרוי ביי ביידע הענד.) אָבער לאָמיר בעטען גאָט — אין אונטערטהעניגקייט — טאָג און נאַכט. לאָמיר בעטען גאָט, מאַרטהאַ!

פינפטער אקט.

די נייע האַנדלונג קומט פאָר כמעט דירעקט נאָך דער האַנדלונג פון דעם פערטען אַקט. דאָס צימער איז ליידיג. דער לאָמפּ ברענט נאָך אויף'ן טיש.

יאָהאַנעס (קומט אַריין האַסטיג און פול מיט צאָרן דורך דער טהיר פון קאָרידאָר). מוטער! (עפענט די טהיר פון שלאָפצימער.) מוטער!!

פרוי וואָקעראַט (קומט אַרויס פון שלאָפצימער). נאַ, וואָס איז דען געשעהן, האַנעס?! וואָס מאַכסט דו אַזאַ ליאַרם! דו וועסט דאָך אויפוועקען פיליפ'לען.

יאָהאַנעס. מוטער! כ'וואָלט וועלען וויסען, ווער עס האָט דיר געגעבען אַ רעכט — אַרויסצוטרייבען געסט פון מיין הויז.

פרוי וואָקעראַט. נאַ, האַנעס... דאָס איז מיר קיינמאָל גאָר אויף'ן זינען ניט אַרויף. איך האָב קיינעם ניט אַרויסגעטריבען פון הויז.

יאָהאַנעס (געהט אַרום צאָרענדיג איבער'ן צימער). מוטער, דו זאָגסט ליגען!!

פרוי וואָקעראַט. דאָס סמייעסט דו צו זאָגען דיין מוטער אין געזיכט אַריין? האַנעס!

יאָהאַנעס. איך מוז עס דיר זאָגען, וואָרים עס איז אַזוי. פריילין אַננאַ פאָהרט אָב, און...

פרוי וואָקעראַט. האָט זי געזאָגט, אַז איך האָב איהר פערבאָטען דאָ צו זיין?

יאָהאַנעס. דאָס דאַרף זי מיר ניט זאָגען. איך וויים עס אַליין.

פֿרוי וואָקעראַט. ווי אַזוי קענסט דו דאָס וויסען, האַנעס?

יאָהאַנעס. זי פֿאָהרט אַוועק, אַזוי לאַנג האָט איהר געבוירעט און געבוירעט. אָבער די הערסט, וואָס איך זאָג דיר. כ'וועל זיך אַנידערלייגען ביי דער טהיר. כ'וועל נעהמען דעם רעוואָלווער — (ער נעהמט אַרויס אַ רעוואָלווער פֿון דער ביכער־שאַפֿע.) אָט, דו זעהסט? כ'לייג עס מיר צו צום קאָפּ. און אַז זי וועט אַרויס פֿון הויז, וועל איך זיך דערשיסען, אַזוי וואַהר ווי איך לעב!

פֿרוי וואָקעראַט (פֿערציטערט, וויל איהם אָנכאַפּען ביים אָרם.) האַנעס!... אום גאָטעס ווילען, הער אויף... האַנעס!

יאָהאַנעס. כ'גיב דיר מיין וואָרט...

פֿרוי וואָקעראַט (רופֿט). פֿאַפּאַ! פֿאַפּאַ! קום אַהער! ווי לייכט דאָס קען נאָך אויסשיסען און... פֿאַפּאַ! קום אַרויס און גיב איהם צו פֿערשטעהן...

(דער אַלטער וואָקעראַט קומט אַרויס פֿון שלאָפֿצימער.)

יאָהאַנעס. פֿ—אָטער! (קומט פּלוצלינג צו זיך, לאָזט אַרויס דעם רעוואָלווער פֿון דער האַנד.)

וואָקעראַט. יאָ, איך... איך בין עס — און אַזוי... אַזוי מוז איך דיך דאָ געפֿינען!

יאָהאַנעס. וואָס זאָל דאָס בעדייטען, מוטער?

וואָקעראַט (געהט צו צו איהם; מיט אַן ערנסטען, פֿייערליכען טאָן). אַז דו זאָלסט זיך בעדיינקען, זוהן, זאָלסט בערעכענען, וואָס דו טהוסט, — אָט דאָס זאָל עס בעדייטען.

יאָהאַנעס. וואָס האָט דיך דען געבראַכט צו אונז?

וואָקעראַט. גאָט'ס ווילען, יאָ דער ווילען פֿון גאָט האָט מיך געבראַכט צו אייך.

יאָהאַנעס. וואָס זשע, די מוטער האָט געשיקט נאָך דיר?

וואָקעראַט. יאָ, האַנעס!

יאָהאַנעס. צו וואָס פֿאַר אַ צוועק?

וואָקעראַט. כדי דיר צו העלפֿען, אַלס פֿריינד דיר ביישטעהן, יאָ!

יאָהאַנעס. נאָך וואָס נייטיג איך זיך אין הילף?

וואָקעראַט. ווייל דו ביסט שוואַך, האַנעס! אַ שוואַכער מענש, ווי מיר אַלע, יאָ!

יאָהאַנעס. און לאָמיר שוין צוגעבען, אַז איך בין שוואַך, מיט וואָס ווילסט דו מיר העלפען?

וואָקעראַט (קומט צו נאָהענט צו איהם, נעהמט איהם אָן ביי דער האַנד). כ'וויל דיר זאָגען, ווי ליעב מיר אַלע האָבען דיך, יאָ! און דאַן האָב איך דיר געוואָלט זאָגען, אַז גאָט פּרעהט זיך מיט אַ זינדיגען מענשען, יאָ! מיט אַ זינדער, וואָס טהוט תשובה.

יאָהאַנעס. וואָס זשע, כ'בין, הייסט עס, אַ זינדער?

וואָקעראַט (נאָך אימער מילד). אַ גרויסער זינדער, יאָ — פּאַר גאָט.

יאָהאַנעס. וואָס האָב איך אַזוינס געזינדיגט?

וואָקעראַט. ווער עס קוקט אויף אַ פרוי, כדי זי צו בע־געהרען, זאָגט קריסטוס, יאָ! — און דו האָסט געטהאָן מעהר ווי דאָס, יאָ! יאָ!

יאָהאַנעס (מאַכט אַ מיענע, אַזוי ווי ער וואָלט זיך געוואָלט פערשטעלען די אויערן). פאָטער...

וואָקעראַט. מאַך ניט צו דיינע אויערן, האַנעס! גיב מיר די האַנד, דער זינדער דעם זינדער, און נעהם מיך אָן. נעהם מיך אָן אַלס מיט־קעמפּפער.

יאָהאַנעס. כ'מוז דיר זאָגען, פאָטער: איך שטעה אויף אַן אַנדער באָדען ווי דו.

וואָקעראַט. דער באָדען, אויף וועלכען דו שטעהסט, פאַלט צוזאַמען אונטער דיינע פיס.

יאָהאַנעס. ווי קענסט דו דאָס זאָגען, פאָטער?! דו קענסט דאָך גאָר ניט דעם באָדען, אויף וועלכען איך שטעה. דו ווייסט דאָך ניט, אויף וואָס פאַר אַ וועג איך געה.

וואָקעראַט. אָה יאָ! ס'איז דערברייטער וועג, וואָס פיהרט צום אונטערגאַנג. כ'האָב זיך שטילערהייט צוגעקוקט צו דיר, יאָ! און אויסער מיר נאָך אַ העכערער: גאָט. און ווייל איך האָב דאָס

געוואוסט, האָב איך פערזאַמט צו טהאָן מיין פליכט, יאָ! היינט אָבער קום איך צו דיר אין זיין נאָמען און זאָג דיר: קעהר זיך אום! דו שטעהסט ביי אַן אָבגרונד.

יאָהאַנעס. איך מוז דיר זאָגען, פאָטער!... דיינע ווערטער זיינען גוט און טריי געמיינט, אָבער — זיי געפינען קיין שום אָבקלאַנג ניט אין מיר. פאַר דיינע אָבגרונדען האָב איך קיין מורא ניט. נאָר עס זיינען פאַרהאַן אַנדערע אָבגרונדען, און — גיט אַקאָרשט אַכטונג, איהר זאָלט מיך דאָרט ניט אַרונטערטרייבען.

וואָקעראַט. ניין, האַנעס!... ניין...

יאָהאַנעס. ס'איז ניט אמת, אַז דער, וואָס קוקט אָן אַ פרוי, כדי זי צו בעגעהרען, ווערט אונטריי זיין אייגענער פרוי. איך האָב געקעמפפט און געקעמפפט...

וואָקעראַט. ניין, האַנעס, ניין! איך האָב דיר אָפט געראָטהען, און דו האָסט געהאַט נוצען דערפון. איך זאָג דיר היינט, נאָר זיך ניט אָב, מאַך אַ סוף! דיינק וועגען דיין פרוי, וועגען דיין פיליפ'ל, און אויך וועגען דיינע אַלטע עלטערן דיינק אַביסעל. וואַרט ניט, ביז וואַנען ס'וועט ווערן פול...

יאָהאַנעס. דאַרף איך גאָרניט דיינקען וועגען מיר אַליין, פאָטער?

וואָקעראַט. דיר וועט ווערן פריי און לייכט אויף'ן האַרצען, אַזוי גיך ווי דו וועסט נור פאַסען דיין בעשלוס.

יאָהאַנעס. און אַז עס וועט ניט זיין אַזוי?

וואָקעראַט. פערלאָז זיך אויף מיר, עס וועט זיין אַזוי.

יאָהאַנעס. און אויב... און פריילײן אַננאַ?

וואָקעראַט. די וועלט-קינדער, האַנעס! די קומען לייכט איבער.

יאָהאַנעס. און אַז זי וועט עס ניט לייכט אַריבערטראָגען?

וואָקעראַט. דאַן איז אַ סימן, אַז עס איז ניט געווען גאָט'ס ווילען דערביי.

יאָהאַנעס. נו, פאָטער — איך בין ניט מיט דער מיינונג.

מיר פֿערשטעהן זיך ניט. מיר ווילען זיך אין דער דאָזיגער פֿראַגע איבערהויפּט קיינמאָל ניט פֿערשטעהן.

וואָקעראַט (נאָך אימער ווי ווייט מעגליך מיט אַ פֿריינדליכען טאָן). ס'איז... דאָ איז גאָר ניט די רייד וועגען פֿערשטעהן. דו פֿאַסט איינפֿאַך שלעכט אויף דאָס פֿערהעלטניס, יאָ, יאָ! דאָס פֿערהעלטניס איז אַ גאַנץ אַנדערס. דו האָסט עס אויך פֿריהער זעהר גוט געוואוסט. ניט אין דעם געהט עס. ס'האַנדעלט זיך דאָ גאָר ניט וועגען זיין איינפֿערשטאַנען איינער מיט'ן אַנדערן.

יאָהאַנעס. האָב קיין פֿאַראיבעל ניט, פֿאָטער, וועגען וואָס דען האַנדעלט עס זיך דאָ?

וואָקעראַט. וועגען געהאָרכזאַמקייט, מיין איך, איז דאָ די רייד, יאָ!

יאָהאַנעס. דו מיינסט, הייסט עס, אַז איך דאַרף טהאָן אַלעס, וואָס דו ווילסט, זאָגאַר ווען איך דייך, אַז עס איז ניט רעכט.

וואָקעראַט. איך וועל דיר ניט ראָטהען קיין זאַך, וואָס איז ניט רעכט, יאָ! ס'טהוט מיר לייד, וואָס איך מוז עס דיר זאָ־גען... וואָס איך מוז דיר דערמאָנען אָן דעם, יאָ! מיר האָבען דיך אויפֿגעצויגען, ניט אָהן זאָרג און שלאָפֿלאָזע נעכט. מיר האָ־בען דיך געפֿלעגט, און קיין אָפּפֿער דערביי ניט געשפּאָרט, ווען דו ביסט געוועזען קראַנק, און דו ביסט אָפֿט קראַנק געוועזען אין דיין יוגענד, האַנעס! יאָ! מיר האָבען אַלצדינג גערן און מיט פֿרייד געטהאָן.

יאָהאַנעס. יאָ, פֿאָטער! און דערפֿאַר בין איך אייך דאַנקבאַר.

וואָקעראַט. דאָס זאָגסט דו, און דאָס איז ניט מעהר ווי אַ וואָרט. טהאַטען, טהאַטען וויל איך זעהן. אַ פֿרומער, אַ ריינער, אַ געהאָרכזאַמער מענש זיין, יאָ! דאָס איז די ריכטיגע דאַנק־באַרקייט.

יאָהאַנעס. דו האַלסט מיך אַלזאָ פֿאַר אונדאַנקבאַר: איך בעלוין אייך ניט פֿאַר אייער מיה?

וואָקעראַט. געדיינקסט דו נאָך, ווי דו פלעגסט אַלס קינד אימער בעטען גאָט — אין בעטעלע, יאָ! — אויף דער נאַכט און אין דער פריה?

יאָהאַנעס. וואָס זשע, פאָטער?

וואָקעראַט. „אָה ליעבער גאָט, איך בעט דיך, אַ פרום קינד לאָז ווערן מיך. זאָל איך אָבער דערצו ניט שטרעבען...״

יאָהאַנעס. „טאָ לאָז מיך בעסער גאָרנישט לעבען". דו מיינסט אַלזאָ, ס'וואָלט געווען בעסער, ווען איהר בעגראָבט מיך?

וואָקעראַט. ווען דו זאָלסט ווייטער געהן אויף דעם גע־פעהרליכען וועג, ווען... יאָ! — ווען דיין האַרץ זאָל בלייבען פערהאַרטעוועט...

יאָהאַנעס. איך מיין כמעט אויך, אַז עס וואָלט געווען בעסער.

(קליינע פויזע.)

וואָקעראַט. קום צו זיך, מיין זוהן. דיינק פון די, האַ־נעס, יאָ! דיינק פון די, וועלכע האָבען דיך ערצויגען. דיינק פון פאַסטאָר פפייפער, דיין פרומער לעהרער און זעעל־זאָרגער. שטעל זיך פאָר...

יאָהאַנעס (אויסער זיך). פאָטער! לאָז מיך צורוה מיט מיינע לעהרער, אויב דו ווילסט מיך ניט לאַכענדיג מאַכען. דער־מאָן מיר ניט אָט די קאָמפּאַניע פון עזעל־קעפּ, וועלכע האָבען מיר אַרויסגעצויגען דעם מאַרך פון די ביינער.

פרוי וואָקעראַט. אָה, פאָטער אין הימעל!

וואָקעראַט. שטיל מאַרטהאַ, שטיל! (צו יאָהאַנעס'ן.) דאָס האָבען דיינע לעהרער און מיר ניט פערדיענט.

יאָהאַנעס (שרייט). רואינירט האָבען זיי מיך.

וואָקעראַט. דאָס איז גאָטעס־לעסטערונג, האַנעס!

יאָהאַנעס. כ'וויס, וואָס איך זאָג: רואינירט האָט איהר מיך.

וואָקעראַט. אָט אַזוי בעלוינסט דו אונזער ליעבע!?

יאָהאַנעס. אייער ליעבע האָט מיך רואינירט.

וואָקעראַט. איך דערקען דיך שוין גאָר ניט, האַנעס, איך פערשטעה דיך ניט.

יאָהאַנעס. דו ביסט פאָלשטענדיג גערעכט, פאָטער. איהר האָט מיך קיינמאָל ניט פערשטאַנען און איהר וועט מיך קיינמאָל ניט פערשטעהן.

(קליינע פויזע.)

וואָקעראַט. נו גוט, האַנעס! איך בין צו ענד. כ'האָב זיך ניט געריכט, אַז עס איז שוין געקומען אַזוי וויים. כ'האָב נאָך געהאַט האָפנונג, אָבער מיינע מיטלען זיינען מאַכטלאָז. דאָ קען נור גאָט נאָך העלפען. קום, אַלטע מאַרטהאַ! מיר האָבען אַצונד גאָרנישט וואָס צו טהאָן דאָ, יאָ! מיר וועלען זיך בעהאַלטען ערגעץ-וואו און וואַרטען, ביז דער ליעבער גאָט וועט אונז רופען צו זיך. (ער ווענדעט זיך אויף דאָס ניי צו יאָהאַנעס'ן.) אָבער האַנעס! איין זאַך מוז איך דיר נאָך זאָגען: האַלט דיינע הענד דו הערסט! האַלט דיינע הענד פריי פון בלוט. נעהם ניט דאָס נאָך אויף זיך! האָסט דו זיך אַקאָרשט גוט איינגעקוקט אין קייטע'ן, ווי זי זעהט אוים? ווייסט דו, אַז מיר האָבען מורא, זי זאָל, בעהיט גאָט, ניט אַראָב פון זינען? האָסט דו זיך גוט צוגעקוקט צו דעם אָרעמען, ליעבען ווייזען, יאָ?! ציי איז דיר כאָטש אַרויף אויף'ן געדאַנק, וואָס איהר האָט פון איהר געמאַכט? זאָל דיר די מאַמאַ דערצעהלען, ווי אַזוי זי האָט די נאַכט געוויינט און געשלוכצט איבער דיינע בילדער. אַלוא, נאָך אַמאָל, האַנעס! האַלט דיינע הענד ריין פון בלוט. און אַצונד זיינען מיר פאַרטיג, יאָ! קום, מאַרטהאַ, קום!

יאָהאַנעס (נאָך אַ קורצען קאַמפף). פאָטער!! מוטער!!

פרוי וואָקעראַט און וואָקעראַט (קעהרען זיך אום. יאָהאַנעס וואַרפט זיך אַריין אין זייערע אָרעמס). יאָהאַנעס!

(פויזע.)

יאָהאַנעס (מיט אַ שטילער שטימע). אַצונד זאָגט, וואָס זאָל איך טהאָן?

וואָקעראַט. האַלט זי ניט אָב. לאָז זי פאָהרען, האַנעס.

יאָהאַנעס. איך פערשפרעך עס דיר. (ער איז פערמאַטערט און מוז זיך אַרונטערלאָזען אויף אַ שטוהל.)

(פרוי וואָקעראַט, אויסער זיך פאַר פרייד און גערירהרטקייט, לויפט אַריין אין שלאָפצימער.)

וואָקעראַט (גלעט צערטליך יאָהאַנעס׳ן, גיט איהם אַ קוש אין שטערן). און אַצונד — זאָל דיר גאָט געבען קראַפט, יאָ! (אַב אין שלאָפצימער.)

(יאָהאַנעס זיצט אַ רגע שטיל; דאַן געהט איהם פּלוצלינג אַריבער אַ שוידער איבער׳ן לייב, ער ווערט אונרוהיג, הויבט זיך אויף, קוקט אַרויס פון פענסטער אין דער פינסטערניש, עפענט די קאָרידאָר-טהיר.)

יאָהאַנעס. איז אימיצער דאָ?

אַננאַ. איך בין עס, הערר יאָהאַנעס! (זי קומט אַריין.)

יאָהאַנעס. איהר האָט געוואָלט אַוועקפאָהרען, זיך ניט געזעגענענדיג? (ער געהט אַרום איבער׳ן צימער.)

אַננאַ. כ׳האָב זיך ווירקליך ניט געקענט ענטשליסען, וואָס צו טהאָן. נאָר אַצונד איז דאָך גוט, וואָס עס האָט זיך אַזוי געמאַכט.

יאָהאַנעס. איך בין אין אַ שרעקליכער לאַגע. מיין פאָטער איז דאָ. איך האָב איהם קיינמאָל ניט געזעהן אין אַזאַ צושטאַנד. דער פרעהליכער און מונטערער מענש. דער איינדרוק געהט מיר גאָר ניט אַרויס פון זינען. און אויף דער אַנדער זייט זאָל איך צוקוקען, ווי איהר פאָהרט אַוועק פון אונז, פרייליין, און...

אַננאַ. זעהט איהר, הערר דאָקטאָר, איך וואָלט דאָך סיי ווי סיי געמוזט אָבפאָהרען.

יאָהאַנעס. אָבער ניין, איהר זאָלט ניט אַוועקפאָהרען! איהר טאָרט ניט אַוועקפאָהרען. ווייניגסטענס ניט איצט, איצט אין דעם אויגענבליק! (ער האָט זיך ווידער אַנידערגעזעצט, שפאַרט אָן דעם שטערן אָן דער האַנד, אַ טיעפער קרעכץ רייסט זיך אַרויס פון זיין ברוסט.)

אַננאַ (גערירט, קוים וואָס מען הערט איהר שטימע). הערר דאָקטאָר! (לייגט לאַנגזאַם אַרויף איהר האַנד אויף זיינע האָר.)

יאָהאַנעס (הויבט אויף דעם קאָפּ, זיפצט). אַך, פּרייליין אַננאַ!

אַננאַ. פּערגעסט ניט, וואָס מיר האָבען גערעדט צווישען זיך — ערשט מיט אַ שטונדע צוריק. — לאָמיר פון דער נויט מאַכען אַ טוגענד.

יאָהאַנעס (הויבט זיך אויף, געהט אַרום אַ צוקאָכטער איבער'ן צימער). כ'ווייס ניט, וואָס מיר האָבען גערעדט. מיין קאָפּ איז פּוסט און וויסט און צומישט. איך ווייס אויך ניט, וואָס איך האָב גערעדט מיט מיין פאָטער. מיין קאָפּ איז פּוסט און וויסט.

אַננאַ. ווי שעהן וואָלט עס געווען, הערר יאָהאַנעס, ווען אונזערע לעצטע מינוטען וואָלטען געווען קלאָהרע מינוטען!

יאָהאַנעס (נאָך אַ קורצען קאַמפּף). העלפּט מיר, פּרייליין אַננאַ! ניטאָ מעהר קיין הויבעס, קיין שטאָלצעס אין מיר. איך בין גאָר אַן אַנדער מענש געוואָרען. אין דער רגע בין איך זאָגאַר ניט דער, וואָס איך בין געווען, איידער איהר זייט געקומען צו אונז. דאָס איינציגע, וואָס איך פּיהל נאָך, איז עקעל: דאָס לעבען איז מיר דערווידער. אַלעס האָט פּערלאָרען זיין ווערטה ביי מיר אין די אויגען, אַלצדינג איז בעשמוצט, פּער'נמאס'ט, פּערשוועכט, געמאַכט מיט דער בלאָטע צוגלייך. אָבער איך פּיהל, אַז איך בין עפּעס געווען, דורך אייער זיין דאָ, דורך אייערע ווערטער — און אויב איך קען דאָס ווידער ניט זיין, דאַן — דאַן קען מיר אויך אַלעס אַנדערע גאָרנישט נוצען. דאַן מאַך איך אַ שטריך אונטער דער רעכנונג און — שליס זי אָב. (ער געהט אַרום איבערן צימער, בלייבט שטעהן לעבען אַננאַ'ן.) גיט מיר עפּעס, אָן וואָס זיך אָנצוהאַלטען. גיט מיר אַן אָנהאַלט. איך פאַל. אַ שטיצע. אַלעס אין מיר ברעכט צוזאַמען, פּרייליין!

אַננאַ. הערר דאָקטאָר! עס טהוט מיר זעהר וועה, אייך צו זעהן אין אַזאַ צושטאַנד. איך ווייס ווירקליך ניט, מיט וואָס איך קען אייך העלפּען. נאָר איין זאַך מוזט איהר האָבען אין זינען.

מיר האָבען עס פֿאָראויס געזעהן. אַ טאָג פֿריהער, אַ טאָג שפּע־טער, מיר האָבען זיך געמוזט ריכטען אויף אַלצדינג, הערר דאָקטאָר!

יאָהאַנעס (שטעהט שטיל, דיינקט נאָך).

אַננאַ. נו? אַצונד געדיינקט איהר עס דאָך? זאָלען מיר מאַכען דעם פֿערזוך דערמיט? איהר ווייסט דאָך שוין, מיט וואָס. — לאָמיר זיך בעשטימען אַ געזעץ — און האַנדלען לויט דעם. מירביידע אַליין, — אונזער גאַנץ לעבען לאַנג, ווען מיר זאָלען זיך זאָגאַר קיינמאָל ניט ווידערזעהן — לויט דעם איינציגען, אייגענעם געזעץ! ווילט איהר? אויסער דעם איז ניטאָ קיין זאַך, וואָס קען אונז פֿערבינדען. מיר דאַרפֿען זיך ניט אָבנאַרען. אַלעס אַנדערע שיידט אונז פֿונאַנדער. זאָלען מיר דאָס טהאָן? זייט איהר וויליג דערצו?

יאָהאַנעס. איך פֿיהל — אַז דאָס וואָלט מיך געקענט אויפֿהאַלטען. כ'וואָלט געקענט אַרבייטען אָהן האָפֿנונג, צוצוקומען צום ציעל. אָבער ווער קען פֿאַר מיר ערב זיין? וואו זאָל איך נעהמען דעם גלויבען? ווער קען מיר פֿערזיכערן, אַז איך וועל זיך ניט אָבמוטשען פֿאַר גאָרנישט?

אַננאַ. אויב מיר ווילען, הערר יאָהאַנעס, נאָך וואָס דאַרפֿען מיר האָבען גלויבען און גאַראַנטיען?

יאָהאַנעס. אָבער ווען מיין ווילען איז ניט שטאַרק?

אַננאַ (גאַנץ שטיל). אַז מיין ווילען וועט שוואַך ווערן, וועל איך זיך דערמאָנען אָן דעם, וואָס שטעהט אונטער דעם זעלבען געזעץ. און איך ווייס געוויס, אַז דאָס וועט מיר געבען קראַפֿט.— איך וועל דיינקען אָן אייך, הערר יאָהאַנעס!

יאָהאַנעס. פֿריילײן אַננאַ — — — נו גוט, איך וויל! איך וויל! — דאָס פֿאָרגעפֿיהל פֿון אַ נייעס, פֿרייען צושטאַנד און פֿון אַ ווייטער גליקזעליגקייט, אָט דאָס געפֿיהל, וואָס איז אין אונז געוועזען, — דאָס וועלען מיר אויפֿהאַלטען אין זיך. דאָס, וואָס מיר האָבען איינמאָל געפֿיהלט, די מעגליכקייט, וועלכע מיר האָ־בען געפֿיהלט, זאָל פֿון איצט אָן ניט פֿערלאָרען געהן. אַלצאיינס,

צי זי האָט אַ צוקונפֿט, צי ניט, — זי מוז בלייבען. אָט דאָס ליכט זאָל ברענען און כסדר ברענען אין מיר, און ווען עס וועט פֿערלאָשען ווערן, דאַן וועט פֿערלאָשען ווערן מיין לעבען. (ביידע שטום און אויסער זיך פֿאַר גערירהרטקייט.) איך דאַנק אייך, פֿריילין אַננאַ!

אַ נ נ אַ. זייט געזונד, יאָהאַנעס!

יאָ ה אַ נ ע ס. וואוהין פֿאָהרט איהר אַצונד?

אַ נ נ אַ. פֿיליכט קיין צפון — פֿילייכט קיין דרום.

יאָ ה אַ נ ע ס. ווילט איהר מיר ניט זאָגען, וואוהין?

אַ נ נ אַ. מיינט איהר ניט, אַז ס'איז בעסער, איהר זאָלט זיך ניט נאָכפֿרעגען דערויף?

יאָ ה אַ נ ע ס. אָבער וועלען מיר זיך ניט דורכשרייבען ווען ניט ווען... אַ פּאָר ווערטער נור... בלויז קורצע נאַכריכטען פֿיי־לייכט... וואָס מיר טהוען, וואו מיר האַלטען זיך אויף...

אַ נ נ אַ (שאָקעלט דעם קאָפּ, מיט אַ טרויעריגען שמייכעל). דיינקט איהר, אַז דאָס וואָלט געווען פֿערנינפֿטיג? ליגט ניט אין דעם די גרעסטע געפֿאַהר, אַז מיר וועלען דורכפֿאַלען? און אַז מיר וועלען דורכפֿאַלען — דאַן וועלען מיר נאָך דערצו אויך זיין אָבגענאַרט.

יאָ ה אַ נ ע ס. נו גוט — כ'וועל טראָגען די לאַסט. כ'וועל זי האַלטען פֿעסט — און ווען זי זאָל מיך זאָגאַר דערשטיקען — (האָט אָנגענומען אַננאַ'ן פֿאַר דער האַנד.) פֿאָהרט געזונד.

אַ נ נ אַ (קוים וואָס זי קען ריידען, ווערט אַלערליי קוליערען, צייטענווייז צוטומעלט, אימער טיעף גערירהרט). יאָהאַנעס! נאָך איין זאַך: — אָט דער רינג — איז אַרונטערגענומען געוואָרען ביי אַ טויטער פֿרוי פֿון פֿינגער — ביי אַ פֿרוי, וועלכע איז — איז נאָכגעגאַנגען איהר מאַן קיין סיביר... וועלכע האָט געליטען מיט איהם און איז איהם געבליבען טריי — ביז'ן סוף. (מיט אַ הומאָריסטישען שמייכעל.) אונ־זער פֿאַל איז פונקט פֿערקעהרט.

יאָ ה אַ נ ע ס. פֿריילין אַננאַ! (ער לייגט צו איהר האַנד צו זיין מויל און האַלט זי דאָרט פֿעסט.)

אַ נ נ אַ. ס'איז דער איינציגער רינג, וואָס איך האָב אין מיין

לעבען געטראָגען. ווען מען ווערט שוואַך, מוז מען זיך דערמאָנען אָן זיין געשיכטע. און אַז איהר וועט אַ קוק טהאָן אויף איהם — אין שטונדען פון שוואַכקייט — דאַן — דערמאָנט זיך דערביי אויך — אָן דער, וואָס קעמפּפט דעם זעלבען געהיימען קאַמפף — וויט פון אייך — איינזאַם ווי איהר. — זייט געזונד!

יאָהאַנעס (אויסער זיך). קיינמאָל, קיינמאָל זיך מעהר ניט צו זעהן!

אַננאַ. ווען מיר וועלען זיך ווידערזעהן, דאַן האָבען מיר זיך פערלאָרען.

יאָהאַנעס. אָבער ווי אַזוי וועל איך דאָס אַריבערטראָגען?

אַננאַ. וואָס עס ווארפּט אונז ניט אום, דאָס מאַכט אונז שטאַרקער. (זי וויל געהן.)

יאָהאַנעס. אַננאַ! שוועסטער!

אַננאַ (אין טרעהרען). ברודער יאָהאַנעס!

יאָהאַנעס. דאַרף אַ ברודער — ניט קושען זיין שוועסטער — איידער זיי צושיידען זיך, אויף אייביג?

אַננאַ. ניין, האַנעס.

יאָהאַנעס. יאָ, אַננאַ! יאָ, יאָ! (ער כאַפּט איהר אַרום און זייערע ליפּען בעגעגענען זיך אין איין איינציגען, לאַנגען, ליידענשאַפטליכען קוש. דאַן רייסט זיך אַננאַ אַרויס פון זיינע אָרעמס און פערשווינדעט. אַב איבער דער וועראַנדאַ.)

(יאָהאַנעס שטעהט אַ רגע ווי צומישט, דאַן שפּאַנט ער אַרום איבער׳ן צימער אַהין און אַהער, כאַפּט זיך אַלע ווייַלע אָן ביי די האָר, זיפצט, זיפצט אַלץ שטאַרקער, בלייבט שטעהן, הערט זיך צו. פּלוצלינג דערהערט זיך אַ גערויש פון וויטען. דער אָנקומענדער אייזענבאַהן-צוג, וועלכער לויפט דורך׳ן וואַלד. יאָהאַנעס עפּענט אויף די וועראַנדאַ-טהיר און הערט זיך צו. דאָס גערויש ווערט שטאַרקער און דאַן שטאַרבט עס אָב. מען הערט דעם קלאַנג פון׳ם גלאָק אויף׳ן וואָקזאַל. ס׳קלינגט אַ צווייט מאָל — אַ דריט מאָל. אַ שאַרפער פייף פון דעם אָבגעהענדען צוג. יאָהאַנעס וויל אַריינגעהן צו זיך אין צימער, אויף׳ן וועג ברעכט ער צוזאַמען און לאָזט זיך אַראָב אויף אַ שטוהל. זיין קערפּער דרעהט זיך פון וויינען און שלוכצען. אַ בלאַסער שיין פון דער לבנה אויף דער וועראַנדאַ.)

(אין שלאָפצימער ענטשטעהט אַ געררויש. מען רעדט דאָרט הויך. יאָהאַ-נעס שפרינגט אויף, לאָזט זיך געהן צו זיך אין צימער, בלייבט שטעהן, איז זיך מישב אַ רגע און געהט אָב אַזוי שנעל ווי מעגליך איבער דער וועראַנדאַ. — דער אַלטער וואָקעראַט קומט אַרויס פון שלאָפצימער, פרוי וואָקעראַט נאָך איהם. ביידע לאָזען זיך געהן צו דער טהיר פון קאָרידאָר.)

וואָקעראַט (בלייבט שטעהן). האַנעס! — ס'האָט זיך מיר אָבגעדוכט, יאָ! אַזוי ווי אימיצער וואָלט געווען דאָ.

פרוי וואָקעראַט (שוין ביי דער קאָרידאָר טהיר). אימיצער איז אַרויפגעגאַנגען אויף די טרעפ.

וואָקעראַט. יאָ, יאָ! ער מוז האָבען רוה. מיר וועלען איהם ניט שטערען. העכסטענס קענען מיר אַרויפשיקען בראַון'ן צו איהם.

פרוי וואָקעראַט. יאָ, יאָ, פאַפאַ! כ'שיק שוין נאָך איהם. — אָדער זאָל איך פיליכט דאָך אַליין אַרויפגעהן?

וואָקעראַט (געהט צו צו דער וועראַנדאַ-טהיר). בעסער ניט, מאַרטהאַ. (ער עפענט די טהיר, הערט זיך צו.) שעהנער, קלאָהרער לבנה-שיין. הער זיך צו!

פרוי וואָקעראַט (קומט צו שנעל פון דער קאָרידאָר-טהיר). וואָס איז דאָרט?

וואָקעראַט. ווילדע גענז — דו זעהסט? דאָרט! איבער דער אָזיערע. די פינטעלאַך, וואָס פליהען דורך דער לבנה.

פרוי וואָקעראַט. געה שוין געה, מיינע אויגען זיינען שוין ניט אַזוי יונג ווי געווען. (זי געהט צוריק צו דער קאָרידאָר-טהיר.)

וואָקעראַט. הער צו!

פרוי וואָקעראַט. וואָס איז? (זי בלייבט שטעהן.)

וואָקעראַט. פסט, מאַרטהאַ!

פרוי וואָקעראַט. וואָס איז דאָרט, פאַפאַ?

וואָקעראַט (מאַכט צו די טהיר, געהט נאָך זיין פרוי). ס'איז גאָרנישט! ס'האָט זיך מיר נור אַזוי אָבגעדוכט, ווי אימיצער וואָלט אַרומגעקלאַפט דאָרט אונטען — מיט די רודערס, מאַרטהאַ!

פרוי וואָקעראַט. ווער וועט דען איצט קלאַפען מיט די רודערס? (ביידע אָב דורך דער קאָרידאָר-טהיר.)

(אימיצער קוקט אַריין דורך'ן פענסטער פון דער וועראַנדאַ. ס'איז יאַ-האַנעס. גלייך נאָכדעם קומט ער פאַרזיכטיג צו נעהענטער. ער זעהט אויס פערענדערט, בלאַס ווי דער טויט, אָטהעמט מיט אַן אָפענעם מויל. האַסטיג און פול מיט שרעק, מען זאָל איהם ניט אויסגעפינען, קוקט ער זיך אום, זוכט שרייב-געצייג און שרייבט אַן אַ פּאָר ווערטער, שפרינגט אויף, וואַרפט אוועק די פעדער און לויפט אַוועק, אַזוי גיך ווי עס דערהערט זיך אַ גערויש. אָב איבער דער וועראַנדאַ. הערר און פרוי וואָקעראַט קומען צוריק, צווישען זיי קייטע.)

פרוי וואָקעראַט. אָבער זאָג מיר נור! אין דער פינ-סטער זיצט דו גאָר?!

קייטע (פערשטעלט זיך מיט דער האַנד די אויגען). עס בלענדט אַזוי.

פרוי וואָקעראַט. ס'געהערט אַביסעל. אַזאַ שלעכט, שלעכט ווייבעל! אין דער פינסטער ווער ווייס ווי לאַנג.

קייטע (מיט אַ טאָן פון פערדאַכט). פאַרוואָס...? פאַרוואָס זייט איהר אַזוי גוט צו מיר?

וואָקעראַט. ווייל דו ביסט אונזער איינציגע, ליעב-האַרציגע טאָכטער. (ער גיט איהר אַ קוש.)

קייטע (מיט אַ שוואַכען שמייכעל). יאָ, יאָ! איהר האָט מיט-לייד מיט מיר.

פרוי וואָקעראַט. דיר איז דאָך, בעהיט גאָט, גאָרנישט איצט, קייטעלע?

וואָקעראַט. זאָל זיין געזונט. אַצונד וועט אַלעס ווידער געהן ווי געהעריג איז. דאָס ערגסטע איז גאָט צו דאַנקען אַריבער.

קייטע (ביים טיש זיצענדיג נאָך אַ קליינער פויזע). איך פיהל, מוטער... עס בלענדט נאָך אַלץ אין די אויגען! — כ'פיהל, ווי אימיצער, וואָס האָט געוואָלט אָבטהאָן אַ גאַנץ נאַרישע זאַך — און וועלכער זעהט ענדליך איין זיין פעהלער.

פרוי וואָקעראַט. וואָס מיינסט דו דען דערמיט?

קייטע. אַננאַ איז שוין אַוועקגעפאָהרען, מוטער?

וואָקעראַט. יאָ, קייטע! און אַצונד... אַצונד מוזט דו ווידער ווערן צופריעדען און גליקליך.

קיטע (שווייגט).

פֿרוי וואָקעראַט. וואָס זשע, האָסט שוין יאָהאַנעס'ן ניט מעהר ליעב, קיטע?

קיטע (נאָכדעם ווי זי פֿערטראַכט זיך אַ ווײַלע). נאָך אַלעמען איז דאָך מיר גאָר ניט אַזוי שלעכט. די פֿאַנני שטענצעל די האָט געהייראַט מיט אַ פּאַסטאָר. אָבער ווי צופֿריעדען און גליקליך זי זאָל ניט זיין, מיינסט דו, אַז איך וואָלט זיך געוואָלט מיט איהר בייטען? ניין, ווירקליך ניט. — עס שפּירט זיך אַ רויך דאָ, ניט וואָהר?

פֿרוי וואָקעראַט. ניין, קינדעלע, כ'שפּיר גאָרנישט.

קיטע (פֿערברעכט די הענד, מיט אַ ווײַנענדיגער שטימע). אַך, גאָט! ס'איז אַלעס אויס! ס'איז אַלעס אויס!

וואָקעראַט. קיטעניו, קיטעניו! דו מוזט גלויבען אין גאָט און אין זיין גנאָד. איך האָב צוריק מיין גלויבען, מיין פֿעסטען גלויבען אין איהם. דער ליעבער גאָט האָט מערקווירדיגע מיטלען און וועגען, ווי אַזוי אומצוקעהרען פֿערבלאָנדזשעטע זעעלען און זיי אַרויספֿיהרען צוריק אויף'ן גלייבען וועג.

קיטע. הערסט דו, מאַמעניו, דאָס ערשטע געפֿיהל, וואָס איך האָב געהאַט דעמאָלט, ווען האַנעס איז געקומען צו מיר און מיך געוואָלט נעהמען פֿאַר זיין פֿרוי — דאָס איז דאָך געווען גאַנץ ריכטיג. איך געדיינק, דעם גאַנצען טאָג האָט עס מיר גע־קלאַפּט אין קאָפּ: ווי קומט אַזאַ פֿעהיגער און געלערענטער מאַן דיך צו וועלען נעהמען? וואָס קענסט דו פֿאַר איהם זיין? זעהסט דו, דאָס איז געווען גאַנץ ריכטיג געדיינקט.

פֿרוי וואָקעראַט. ניין, קיטעניו, ניט דו דאַרפֿסט אַרויפֿקוקען צו איהם, נאָר ער דאַרף אַרויפֿקוקען צו דיר. דו שטעהסט העכער פֿון איהם, דאָס איז די וואָהרהייט.

וואָקעראַט (מיט אַ ציטערענדער שטימע). אָבער דערפֿאַר... ס'איז אַזוי ווי מאַרטהאַ זאָגט, יאָ! אָבער דערפֿאַר — ווען דו קענסט פֿערגעבען... ווען דו קענסט איהם פֿערגעבען זיין גרויסע זינד...

קייטע. ווען עס וואָלט געווען עפּעס צו פערגעבען! מען פערגיט איין מאָל — הונדערט מאָל — טויזענד מאָל. — אָבער האַנעס... האַנעס איז ניט דער מאַן, זיך צו ערנידעריגען. אַזאַ קלעגליך ווענן ווי איך האָט גאָרנישט וואָס האַנעס'ן צו פערגעבען. דאָ הייסט עס איינפאַך: דו ביסט דאָס — און ניט דאָס. אַצונד ווייס איך שוין, וואָס איך בין און וואָס איך בין ניט. (מען הערט עטליכע מאָל דעם אויסגעשריי: „האַלאָ" אויף דרויסען.)

פרוי וואָקעראַט. ווייסט דו גאָר וואָס, קייטע? איך וועל דיר מאַכען אַ פאָרשלאַג. קום! דו וועסט זיך לייגען אין בעט און איך וועל דיר עפּעס פאָרלעזען. גרים'ס מעשה'לאַך, ביז דו וועסט אַנשלאָפען ווערן. און מאָרגען אין דער פריה, בעגינען צו טאָג, וועל איך דיר אָבקאָכען אַ פיין זופּעלע און אַ ווייך איי, און דאַן וועסט דו אויפשטעהן, און דאַן וועלען מיר אַרויסגעהן אין גאָרטען, און די ליעבע זונן וועט שיינען, און דו וועסט פיהלען גאָר אַנדערש ווי היינט אָבענד. קום, קום!

בראַון (קומט אַריין פון דער וועראַנדאַ). גוטען אָבענד!

וואָקעראַט. גוטען אָבענד, הערר בראַון!

בראַון. גוטען אָבענד, הערר וואָקעראַט! (גיט איהם די האַנד.) יאָהאַנעס איז דאָ?

וואָקעראַט. כ'מיין, ער איז אויבען.

בראַון. אַזוי! — דאָס הייסט, געוויס?

וואָקעראַט. נאַ, כ'מיין אַזוי. ניט, מאַרטהאַ? פאַרוואָס צווייפעלט איהר דען?

בראַון. כ'וועל געהן אַ קוק טהאָן. (שנעל אָב דורך דער קאָרידאָר-טהיר.)

פרוי וואָקעראַט (אַביסעל אונרוהיג). וואָס איז דען מיט בראַון'ן?

קייטע (אויפגערעגט, מיט שרעק). וואו איז ער ערגעץ, האַנעס?

פרוי וואָקעראַט. נור ניט געשראָקען זיך, קייטע! ער קען דאָך ניט זיין וויט פון דאַנען!

קיימע (מיט שנעל וואַקסענדען שרעק). יאָ, אָבער וואו איז ער פאָרט?

וואָקעראַט. אויבען — אויבען — נאַטירליך מוז ער זיין אויבען!

בראַון (קומט צוריק, א מאָמענט פון שטאַרקער שפאַנונג, פויזע).

וואָקעראַט. נו, הערר בראַון? — — —

בראַון. ניין, הערר וואָקעראַט! אויבען איז ער ניטאָ און... און...

וואָקעראַט. נו וואָס... וואָס איז דען געשעהן?

בראַון. גאָרנישט, גאָרנישט!

קיימע (לויפט צו צו בראַון'ן). יאָ, עפּעס איז געשעהן!

בראַון. ניין, ניין! ווירקליך ניט. ס'איז ווירקליך ניטאָ קיין גרונד צו זיין אונרוהיג — נאָר — עפּעס פיהל איך — אַז מען טאָר האַנעס'ן איצט פאַר קיין פאַל ניט לאָזען זיין אַליין. און ווען איך בין פריהער... אַך, ס'איז דאָך וואַהרשיינליך ניט מעהר ווי אַן אונזינן.

פרוי וואָקעראַט. יאָ, וואָס איז דען געוועזן? טאָ רעדט דאָך!

וואָקעראַט. אָבער רעדט דאָך, פערלירט ניט קיין צייט!

בראַון. נו, גאַנץ איינפאַך. ווען איך האָב פריהער אויפגעשלאָסען דאָס טהירעל פון גאָרטען — האָב איך געהערט, ווי אימיצער טשעפּעט אָב אַ לאָדקע, און אַז איך בין צוגעקומען נעהענטער, האָב איך געזעהן, אַז אימיצער איז ווירקליך אַרויסגעפאָהרען. אימיצער — איך ווייס ניט ווער — אַ מאַן, — און דאָ איז מיר דורכגעלאָפען אַ געדאַנק — אָבער מען האָט ניט געענטפערט. און האַנעס וואָלט דאָך געוויס געענטפערט.

קיימע (ווי פון זינען). יאָהאַנעס! ס'איז געוועזן יאָהאַנעס. לויפט! אום גאָטעס ווילען, לויפט אַזוי שנעל ווי איהר קענט! מוטער! פאָטער! איהר האָט איהם געטריבען דערצו. פאַרוואָס האָט איהר דאָס געטהאָן?...

פרוי וואָקעראַט. אָבער קיימע!

קייטע. איך פֿיהל עס דאָך! ער קען מעהר ניט לעבען. איך וויל דאָך גערן טהאָן אַלעס, אַלעס. נור דאָס ניט! נור דאָס ניט!

וואָקעראַט (איז ארויסגעלאָפֿען אין גאָרטען, רופֿט אין פֿויזען). האַנעס! יאָהאַנעס!

פֿרוי וואָקעראַט (לויפֿט אַרויס אין קאָרידאָר, רופֿט איבער׳ן הויז). האַנעס! האַנעס!

קייטע (צו בראַון). אַ מענש? איהר האָט גערופֿען? ער האָט ניט געענטפֿערט? לויפֿט, לויפֿט!

בראַון (אָב).

קייטע (שרייט איהם נאָך). איך קום מיט. (פֿערברעכט די הענד.) אַך, גרויסער גאָט! גרויסער גאָט! ווער וויים, צי ער לעבט נאָך! ווער וויים, צי ער וועט מיך נאָך קענען הערען!

(מען הערט, ווי בראַון שרייט אַרויס איבער דער אָזיערע: „האַלאָ! „האַלאָ!")

קייטע (רופֿט דורך דער קאָרידאָר-טהיר). אַלמאַ! מינאַ! ברייגגט אַרויס לאַמטערנעס אין גאָרטען! שנעל, לאַמטערנעס! (וויל לויפֿען איבער דער וועראַנדאַ, בעמערקט דעם צעטעל, בלייבט אַ ווײַלע שטעהן גראַד ווי אַ ליכט, דאַן געהט זי צו און הויבט איהם אויף. עטליכע סעקונדען קוקט זי דערויף מיט פֿערגלייווערטע אויגען, ווי אַ געלעהמטע, און פֿאַלט אַנידער אויף דער ערד. אויף דרויסען האַלט מען נאָך אַלץ אין איין רופֿע.)